ספר

# ליקוטי מוהר"ן

עם

## ביאור משולב באידיש

פורסם ע"י בעולמה של ברסלב
newsbreslev01@gmail.com

**היטיבה ה׳ לטובים**

ספר הקדוש ״ליקוטי מוהר״ן״ עם ביאור משולב באידיש

נתרם ע״י הנכבדים

**החפצים בעילום שמם הטוב**

שלקחו על עצמם מקח טוב לישא בכל עול ההוצאות העצומות

לזכותם ולזכות כל בני משפחתם ברו״ג

זכות תלמוד תורה דרבים וזכותו הגדול של רבינו הק׳ מוהר״ן מברסלב זיע״א יגן עליהם להוושע בכל המצטרך ברו״ג ברוב שפע טובה וברכה להם ולכל משפחתם הרוממה, והיה מעשה הצדקה שלום באנפין נהירין ונחת דקדושה מכל יוצ״ח

לעי״נ החסיד מאנ״ש

רבי **יעקב זאב** ב״ר יצחק גרשון הכהן **בארזעסקי** זצ״ל

נלב״ע כ׳ מנחם אב תשמ״ה

**ת. נ. צ. ב. ה.**

**© אגודת משך הנחל**

**כל הזכויות שמורות להמביא לבית הדפוס, הן עפ״י דין תורתינו הק׳ ולהבדיל עפ״י חוקי המדינה ובכללו שאיסור חמור להעתיק לסרוק ולצלם וכיוצ״ב בכל אמצעי וצורה ללא אישור בכתב מהמלבה״ד**

**צו יעדער הערה און קאמענטאר**

**ביטע שיקט אריין 148AMH@GMAIL.COM**

# פאַרוואָרט

**אונזערע** הערצער זענען איבערגעפילט מיט געפילן פון שמחה און התרגשות, איבער די געוואלדיגע זכיה וואס דער אויבערשטער האט אונז געשאנקען - ארויסצוגעבן צום ערשטן מאל אין די היסטאריע, עטליכע פון די הייליגע תורות וואס רבינו הקדוש נחל נובע מקור חכמה רבי נחמן מברסלב זי״ע האט מגלה געווען - איבערגעטייטשט אויף א לייכטע און געשמאקע אידיש, באגלייט מיט קעפלעך און סיכומים, און נאך חשוב׳ע הוספות, וואס וועלן האפנטליך פארלייכטערן פאר פילע וואס ווילן לערנען דעם הייליגן ספר, אבער ס׳קומט זיי אן שווער ווייל זיי זענען נישט אזוי געוואוינט אין לשון הקודש. און אפילו פאר די וואס קענען יא לערנען געשמאק אויף לשון הקודש וועט דאס ברענגען א גרויסע תועלת, צו פארשטיין מיט א קלארקייט די טיפזיניגע תורות פונעם הייליגן רבי׳ן, און ליכטיג מאכן זייער לעבן דערמיט.

מיר שפירן פאר וויכטיג צו ארויסברענגען עטליכע נקודות, איבער אונזער ארבעט - איבערצוטייטשן דעם ספר:

- במשך די דורות האבן פילע גדולי אנ״ש צדיקים וחסידים מחבר געווען ספרים צו ערקלערן די הייליגע ווערטער פונעם ספר; ביים איבערטייטשן דעם ספר האבן מיר זיך באנוצט מיט אסאך פון די ספרים, סיי מיט די הייליגע ספרים פונעם גרויסן תלמיד רבי נתן זי״ע (ווי: ליקוטי הלכות, ליקוטי עצות, ליקוטי תפלות), און סיי מיט פילע מפרשים פון די פריערדיגע דורות, און ווי אויך מיט פירושים פון היינטיגע מחברים, אבער ספעציעל האבן מיר זיך באנוצט מיט די באַרימטע קלארע שיעורים פון הגה״ח רבי משה קרעמער שליט״א, און מיט זיין וואונדערליכע ספר ׳באר היטב׳, און רוב מאל האבן מיר אויסגעוועלט זיין מהלך. ווי אויך איז דער גאנצער קונטרס געווארן גרונטליך איבערגעקוקט דורך גרויסע תלמידי חכמים חשובי אנ״ש.

- מיר האבן אלץ ערקלערט די ווערטער פונעם הייליגן רבי׳ן, מיט איין מהלך, כדי נישט צו צומישן דעם לומד, אבער ווי פארשטענדליך, קען מען זאגן פילע פשטים און חידושים אויף יעדע ווארט פון דעם ספר, און מיר ווילן אוודאי נישט אויסשליסן קיין שום אנדערע פשט (זע הקדמת הפרפראות לחכמה).

- דער ספר ליקוטי מוהר״ן, אנטהאלט גאר הויכע תורות און געטליכע השגות, וואס דער רבי האט דאס אראפגעברענגט צו אונז, פון גאר הייליגע עולמות עליונים, און אין יעדע ווארט איז באהאלטן פילע סודות התורה, און אסאך טיפזיניגע חידושים זענען מרומז צווישן די שורות פון דעם ספר, דעריבער איז נישט מעגליך אז מיר זאלן מפרש זיין און ערקלערן ווי ס׳דארף צו זיין - אזעלכע געטליכע השגות, דערפאר ווילן מיר קלארשטעלן, אז אונזער איינציגסטע ציל מיט׳ן איבערטייטשן, איז בלויז צו ארויסהעלפן די וואס עס איז זיי שווער צו לערנען די הייליגע ספר - זיי צו ברענגען נענטער צו די הייליגע תורות פון ליקוטי מוהר״ן, און זיי פארגרינגערן דאס צו קענען פארשטיין, אבער נישט חס ושלום צו אוועק שטעלן אז ׳דאס׳ איז דער ׳פירוש׳ און די כוונה פון די הייליגע ווערטער.

- עס איז באקאנט, אז אין די תורות פון ליקוטי מוהר״ן איז יעדע ווארט געמאסטן, און יעדע אויסדרוק האט א ספעציעלע טיפע כוונה, דערפאר האבן מיר אלעמאל פרובירט צו איבערטייטשן געניי די ווערטער פונעם רבי׳ן, ווארט ביי ווארט, אבער טאקע צוליב דעם וואס דער הייליגער ספר איז געשריבן געווארן גאר קורץ איז ממש אוממעגליך איבערצוזעצן א בלויזע ווערטערליכע איבערטייטש, און דערפאר האבן מיר זיך יא ערלויבט צוצולייגן נאך ווערטער, וואס האבן אויסגעפעלט וויכטיג צו קענען פארשטיין קלאר די כוונה פון דעם הייליגן ספר.

ווי אויך זענען דא געוויסע ווערטער וואס ווען מען טייטשט דאס מיט די ארגינעלע טייטש, וואלט דאס נישט ארויסגעברענגט די ריכטיגע כוונה, דערפאר זענען מיר פילע מאל געווען געצוואונגען צו טייטשן לויט וואס מיר האבן 'פארשטאנען' און 'אפגעלערנט' די כוונה פונעם רבי'ן, און אזוי דאס ערקלערן אויף אונזער היימישע אידיש, אבער ווי פארשטענדליך אז דאס אלעס איז בלויז צו אויפעפענען און פארברייטערן די טויערן פון דעם ספר פאר'ן לומד, אבער די געוואלדיגע קדושה און פנימיות'דיגע כוונה פון ליקוטי מוהר"ן ליגט אין די הייליגע 'לשון' פונעם ספר.

- מיר האבן פרובירט די מערסטע, אז יעדע ווארט זאל זיין גאר קלאר און פארשטענדליך אפילו פאר פרישע מתחילים, אבער וויבאלד דער ספר ליקוטי מוהר"ן איז אויסגעשטעלט אויף א מהלך, אז יעדע תורה איז א גאנצע געבוי פון א דרוש, און פילע מאל קען מען בלויז פארשטיין קלאר די כוונה פון געוויסע ווערטער - לויט וואס עס ווערט ערקלערט אין א ווייטערדיגע חלקים פון די תורה (זע ביאור הליקוטים בהקדמה), דערפאר האבן מיר אין אסאך פלעצער ערקלערט א פשט אויף די תורה, און צוגעצייכנט, אז דאס איז געבויעט אויף די המשך פון די תורה. און צוליב דעם איז מעגליך, אז אויב מען פארשטייט נישט קלאר א געוויסע הערה, איז דאס בלויז צוליב וואס עס פעלט א ידיעה פון די גאנצע תורה, און נאכ'ן לערנען איינמאל די גאנצע תורה, וועט די גאנצע תורה זיין בס"ד אסאך קלארער און ליכטיגער.

- כדי צו ארויסגעבן קלאר די כוונה פונעם רבי'ן, האבן מיר צוגעלייגט אין פילע פלעצער וואו עס האט אויסגעפעלט וויכטיג - נאך ווערטער לתוספות ביאור, אט די אלע ווערטער האבן מיר אנגעצייכנט מיט א אנדערע סארט אות, צו אנצייכענען אז דאס איז נישט די ארגינעלע טייטש נאר א צוגעלייגטע ביאור.

- רוב תורות אין ליקוטי מוהר"ן זענען געבויעט אויף א אופן פון א דרוש, און יעדע תורה איז ווי א גאנצע בנין וואס איז צוזאמגעשטעלט פון אסאך חלקים, און אויף יעדע פרט וואס דער רבי איז מחדש אין די תורה ברענגט ער דערויף ראיות מיט טעמים, דערפאר האבן מיר געשפירט פאר וויכטיג אויסצושמועסן פאר יעדע שטיקל - וואס איז די ציל פון די קומענדיגע ווערטער: צו ברענגען א 'ראיה' אדער צו ערקלערן א 'טעם' וכדו', און ווי אויך צו אויספירן נאך יעדע שטיקל, די חשבון וויאזוי מען זעט א ראיה פון דעם פסוק וכדו'; אויך די סארט ווערטער האבן מיר אנגעצייכנט מיט די אנדערע סארט אות.

- יעדע מאל וואס דער רבי ברענגט א פסוק צו ארויסנעמען דערפון א ראיה צו זיינע ווערטער וכדו', און עס איז וויכטיג צו וויסן די טייטש פון דעם פסוק כדי צו פארשטיין קלאר די ראיה, האבן מיר איבערגעטייטשט די פולע טייטש און פשט פונעם פסוק, אבער אין די פלעצער וואס דער רבי לערנט אריין א דרש אינעם פסוק, און ס'פעלט נישט אויס צו פארשטיין די פשוט'ע פשט פונעם פסוק, האבן מיר נישט איבערגעטייטשט דעם פסוק. אין געוויסע פעלער האבן מיר יא מוסיף געווען די טייטש פונעם פסוק אין א הערה אונטן.

- כדי די ווערטער פונעם רבי'ן זאלן זיין ליכטיג פאר'ן לומד, האבן מיר צוגעלייגט וויכטיגע '**הערות וביאורים**', וואס אנטהאלט אין זיך א רייכע אוצר פון וויכטיגע ידיעות וואס וועלן ארויסהעלפן דעם לומד צו פארשטיין קלאר יעדע ווארט פון דעם ספר.

געוויסע הערות זענען געאייגנט צו אראפברענגען און ערקלערן אויף א לייכטע שפראך - די באגריפן פון 'קבלה', אדער פרעמדע 'מושגים' וואס דער רבי דערמאנט. ווי אויך, זענען דא פילע הערות וואס ערקלערן און גראדן אויס פארשידענע קושיות און שוועריקייטן אין דעם ספר מיט וואס דער לומד באגעגנט זיך, און דאס שטערט אים פון פארשטיין קלאר די פשט פון די ווערטער. א ספעציעלע דגוש האבן מיר געלייגט, צו פארברייטערן די נקודות פון 'לעובדא ולמעשה' וואס קומען ארויס פון די ווערטער פונעם רבי'ן, כדי די ליכטיגע דיבורים פונעם רבי'ן זאלן טאקע קענען אריינשיינען אין אונזער טאג טעגליכן לעבן. ווי אויך זענען דא געוויסע הערות וועלכע

דינען אלס הקדמות און סיכומים, צו אויסצושמועסן פאר יעדע שטיקל וואס איז די המשך צו די גאנצע תורה, כדי דער לומד זאל ארויסקומען קלאר מיט די ׳געבוי׳ און די ׳סדר׳ פון די גאנצע תורה, וויאזוי די תורה איז אויסגעשטעלט, און וויאזוי די גאנצע ׳בנין׳ פון די תורה שפינט זיך - טרעפ ביי טרעפ.

רוב הערות האבן מיר צוזאמגענומען פון די מפרשים אויף ׳ליקוטי מוהר״ן׳ און פון נאך ספרים, מיר האבן פרובירט צו צוצייכענען דעם מקור נאך יעדע הערה. ווען עס איז צוגעצייכנט מער ווי איין מקור איז די כוונה אז א חלק פון די הערה קומט פון איין מקור, און א חלק האבן מיר ארויסגענומען פון א צווייטע פלאץ. מיר האבן נישט מדקדק געווען נאכצובורענגען די הערות מיט די לשון פון די מקור, נאר מיר ברענגען ארויס די ׳נקודה׳ מיט אונזער שפראך. א שיינע חלק פון די הערות וועלכע האבן נישט קיין מקור, זענען ארויסגענומען פון די ספרים און שיעורים פון הגה״ח רבי משה קרעמער שליט״א, די איבריגע זענען אויסגעבויעט פון די ווערטער פונעם רבי׳ן אין דעם תורה, אדער איז דאס געבויעט אויף באקאנטע ידיעות וואס ווערן געברענגט אין פילע ספרים.

ווי באקאנט איז דער עיקר תכלית פון לערנען תורה - צו זוכה זיין צו תשובה און מעשים טובים, און דאס איז געווען דער עיקר כוונה פונעם רבי׳ן, מיט זיינע אלע תורות - אונז צו לערנען וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן באמת, דערפאר האבן מיר צוגעלייגט נאך יעדע תורה, דעם חשוב׳ן אפטיילונג פון **׳עצות אויף למעשה׳**, דאס איז א תמצית פון ליכטיגע עצות און הייליגע רעיונות אויף למעשה וואס איז ערקלערט געווארן במשך די תורה, וואס מיט אט די הייליגע עצות קען מען זוכה זיין צו לעבן א אמת׳דיגע חיים טובים אויף אייביג. כמעט די גאנצע מדור איז איבערגעארבעט בס״ד פון די הייליגע ספרים - ׳ליקוטי עצות׳ און ׳קיצור ליקוטי מוהר״ן׳, די חלקים וואס שטייען נישט אין די אויבנדערמאנטע ספרים, האבן מיר איינגעקעסטעלט.

מיר האפן בעז״ה צו ממשיך זיין ווייטער מיט די עבודת הקודש, צו איבערטייטשן דעם גאנצן הייליגן ספר ׳ליקוטי מוהר״ן׳, דעריבער בעטן מיר בכל לשון של בקשה פון אלע חשוב׳ע לומדים, אז **למען זיכוי ותועלת הרבים, זאל מען אונז מודיע זיין סיי וועלכע הערה און קאמענטאר, סיי אויף דעם פירוש - בכלליות, און אויף יעדן איינציגן פרט, און סיי אויף די אויסשטעל און מהלך פון דעם ספר, מיר וועלן זיך פרייען צו יעדע געדאנק וואס קען פארבעסערן און פארשענערן אונזער ארבעט.**

מיר ענדיגן מיט לויב און דאנק צום אויבערשטן אויף די געוואלדיגע חסדים און מתנת חנם, וואס ער האט געטון מיט אונז, מיט׳ן אונז מזכה זיין צו פארענדיגן איבערטייטשן עטליכע מאמרים פון ליקוטי מוהר״ן, און דאס ארויסגעבן ברוב פאר והדר, און מיר בעטן אויף ווייטער, און מיר קוקן ארויס צום אויבערשטן אז ער זאל אונז שענקען די כח און מעגליכקייט צו ממשיך זיין איבערצוטייטשן אלע תורות פון ליקוטי מוהר״ן, און אז דאס זאל אויפלייכטן פאר אידישע קינדער, און זיי מקרב זיין צום אויבערשטן, ביז די ענדגילטיגע גאולה מיט משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**מיט כבוד**

**אגודת משך הנחל**

**להדפסת והפצת ספרי מוהר״ן מברסלב זצ״ל**

# לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

## לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זַ"ל:

**רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי** הִבְטִיחַ שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שבת קלח:): כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה, אָמְרוּ: עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל. וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח, שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ.
וְכַמְבֹאָר בַּזֹּהַר (נשא דף קכד:): בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ **סֵפֶר הַזֹּהַר** יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא:

**וְעַתָּה** בּוֹא וּרְאֵה וְהָבֵן נִפְלְאוֹת נִסְתָּרוֹת שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה: כִּי עַל־כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל־יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי, שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, עַל־יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל. כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק: כִּי **לֹא** תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ - הֵם אוֹתִיּוֹת **יוֹחַאי**. וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ - מִפִּי זַרְעוֹ דַּיְקָא, הַיְנוּ מִפִּי זַרְעוֹ שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁהוּא הַתַּנָּא **יוֹחַאי** כִּי עַל־יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, עַל־יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא כַּנַּ"ל:

**וְדַע,** שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר. כִּי דַּע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת (דניאל ד): **עִ**'יר **וְ**'קַדִּישׁ **מִ**'ן **שְׁ**'מַיָּא **נָ**'חִית רָאשֵׁי־תֵּבוֹת **שִׁמְעוֹן** וְכוּ':

(כא) מלשה"ב ישעיה ח, טז. (כב) שם כה. ח.

# לכו חזו

דער מאמר הייבט זיך אן מיט א רוף צו כלל ישראל: **לְכוּ חֲזוּ מִפְּעֲלוֹת ד׳** גייט און זעט [-זייט אייך מתבונן] אין די מורא׳דיגע מעשים פון השי״ת, וואס מען זעט אין די פאלגנדע מאמר, וואס איז **הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זַ״ל** א וואונדערליכע אנטדעקונג איבער דעם סוד פון די געוואלדיגע גרויסקייט פון דער געטליכער תנא - רבי שמעון בן יוחאי זכרונו לברכה.

**רבי שמעון בן יוחאי האט גענומען אויף זיך - די אחריות אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, און מיר וועלן ארויסגיין פון גלות**

**רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הִבְטִיחַ** דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי האט צוגעזאגט, **שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל** אז די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון כלל ישראל, **עַל יָדוֹ** דורך רבי שמעון [-אז רבי שמעון וועט טון פעולות, וואס וועלן פארזיכערן אז די תורה וועט זיך אלעמאל האלטן ביי אידן (ווי ווייטער ערקלערט)].

א ראיה דערויף:

**כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** ווי די חז״ל ברענגען אין גמרא (שבת קלח:): **כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה** ווען אונזערע רבי׳ס [-די הייליגע תנאים] האבן זיך צוזאמגענומען אין ׳כרם׳ [-בית המדרש][א] אין שטאט יַבְנֶה, **אָמְרוּ** האבן זיי פאראויס געזאגט, **עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל** אז עס וועט קומען א צייט וואס די תורה וועט פארגעסן ווערן פון כלל ישראל[ב], און זיי האבן דאס גע׳דרש׳נט פון פסוקים, **וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח** אבער רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט, אז די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און רבי שמעון האט געברענגט א ראיה צו זיינע ווערטער: **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל ס׳שטייט אין פסוק (דברים ל״א): **״כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ״** - ״[משה רבינו זאגט פאר די אידן-] די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון דעם אויבערשטנ׳ס קינדער״, זעט מען, אז רבי שמעון האט צוגעזאגט[ג] אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן[ד].

א ראיה, אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן ׳דורך רבי שמעון׳:

**וְכַמְבֹאָר בַּזֹּהַר** ווי דער זוהר הקדוש זאגט קלאר (נשא קכד:): **בְּהַאי חִבּוּרָא** אז דורך אט דעם ׳חיבור׳, **דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר** וואס דאס איז דער הייליגער ׳ספר הזוהר׳, **יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא** וועלן די אידן ארויסגיין דערמיט פון גלות, זעט מען, אז דאס וואס די תורה וועט זיך האלטן ביי אידן און נישט פארגעסן ווערן, דאס וועט זיין דורך (דער זוהר הקדוש וואס דאס איז דער ספר פון) רבי שמעון בן יוחאי[ה].

ווענדט זיך דער רבי צום לומד:

**וְעַתָּה** און יעצט - נאך די אויבנדערמאנטע חידוש פון די הבטחה פון רבי שמעון, **בּוֹא וּרְאֵה וְהָבֵן נִפְלָאוֹת נִסְתָּרוֹת שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה** קום, און זע, און זיי זיך מתבונן אין די וואונדערליכע סודות וואס זענען באהאלטן אין די הייליגע פסוקים פון די תורה, **כִּי עַל כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק ״כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ״** ווייל דער טעם פארוואס רבי שמעון בן יוחאי האט זיך געבויעט זיינע ווערטער אויף דעם פסוק ״כי לא תשכח מפי זרעו״, און דאס גענוצט אלס א ראיה, אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, איז: **כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה** ווייל באמת איז אין דעם פסוק אליין אויך מרומז און באהאלטן דער אויבנדערמאנטער סוד, **שֶׁעַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי, שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל** אז דורך דער זוהן פון יוחאי, וואס דאס איז ר׳ שמעון ׳בן יוחאי׳ - דורך אים [-דורך זיינע פעולות] וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן פון אידן[ו].

וויאזוי איז דא מרומז דער סוד?

**כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק: כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, הֵם אוֹתִיּוֹת יוֹחַאי** ווייל די סופי תיבות פון דעם פסוק: כ׳י ל׳א

---

הערות

**א.** חז״ל רופן א בית המדרש מיטן נאמען ׳כרם׳ - א וויינגארטן, ווייל די בית המדרש איז אויסגעזעצט מיט אסאך שורות פון תלמידים - אזויווי א וויינגארטן (רש״י שם).

**ב.** די אפטייטש פון ׳שכחת התורה׳ איז נישט, אז דער כח הזכרון וועט ווערן שוואכער וכדו׳, נאר די טיפע כוונה דערפון איז, אז אידן וועלן חס ושלום ווערן דערווייטערט פונעם אויבערשטן, און מען וועט נישט לערנען די תורה מיט די ריכטיגע קדושה און יראת שמים, וואס דורכדעם וועט מען נישט זוכה זיין צו די גרויסע ליכטיגקייט וואס ליגט אין די תורה (ליקוטי תפלות ח״ב מז), און אויטאמאטיש ברענגט דאס אויך, אז מען זאל נישט קענען ריכטיג אפלערנען די תורה, און אז די תורה זאל נישט ווערן איינגעקריצט אין מח און אין זכרון (ליקוטי הלכות הל׳ נשיאת כפים ה׳, ו׳).

**ג.** אויבנאויף לערנט מען פשט אין גמרא, אז עס איז בלויז דא א פשוט׳ע מחלוקת צווישן רבי שמעון און די חכמים, צי די תורה וועט פארגעסן ווערן, און רבי שמעון האט גע׳דרש׳נט פון פסוקים אז די תורה וועט ׳נישט׳ פארגעסן ווערן; דער רבי איז אבער מגלה אין דעם מאמר, אז דאס איז א **׳הבטחה׳** פון רבי שמעון - אז ער האט גענומען אויף זיך די **׳אחריות׳** אז דורך זיינע פעולות וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן, ווייטער וועט ער ברענגען א ראיה אויך אויף דעם חלק, אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן **׳דורך׳** רבי שמעון.

**ד.** לויט אט די חידוש ווייזט זיך ארויס, אז באמת זענעןביידע ריכטיג - סיי די שיטה פון די חכמים, און סיי די ווערטער פון רבי שמעון, ווייל פון איין זייט איז טאקע אמת, אז אין די לעצטע דורות וועלן אידן גאר שטארק דערווייטערט ווערן פון השי״ת, און אראפ פאלן אין גאר נידריגע ערטער, וואס אז מען פאלט אריין אין אזעלכע ביטערע עבירות, ווערט מען אפגעריסן פון די ליכטיגקייט פון די הייליגע תורה.

אבער פון די אנדערע זייט, האט זיך דער הייליגער תנא רבי שמעון אונטערגענומען, אז דורך זיין געטליכער כח, און דורך די סודות התורה וואס ער - און די אנדערע גאר גרויסע צדיקים - האבן מגלה געווען, וועט יעדער איד, אין סיי וועלכער מצב ער געפינט זיך - פארמאגן הימלישע כחות, זיך צו צוריקקערן צום אויבערשטן און צו זיין תורה, קומט אויס אז טראץ די שוידערליכע ירידות פון כלל ישראל, וועלן זיי זיך פארט דערהאלטן ביי די תורה (ליקוטי הלכות הל׳ גביית חוב מיתומים ג׳, י״ט).

**ה.** ווייל באמת איז דער עיקר צרה פון די גלות - אז אידן זענען ווייט פונעם אויבערשטן, און זענען נישט זוכה צו די אמת׳דיגע ליכטיגקייט פון די תורה, און דער זוהר הקדוש [און אלע הייליגע ספרים וועלכע זענען געבויעט אויף די ווערטער פונעם זוהר הקדוש] שיינען אריין אין די הערצער פון אידן - א ליכטיגקייט, אז זיי זאלן נישט אפלאזן קיינמאל די תורה, און דערפאר וועט טאקע אט דער זוהר הקדוש אויך ברענגען די ענדגילטיגע גאולה פון גלות.

**ו.** דאס מיינט, אז דער פסוק איז נישט בלויז א ׳ראיה׳ אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, נאר אין דעם פסוק זעלבסט איז מרומז אויך די וועג ׳וויאזוי׳ דאס וועט צושטאנד קומען - אז די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן פון אידן.

# לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

## לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זַ"ל:

**רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי** הִבְטִיחַ שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שבת קלח:): כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה, אָמְרוּ: עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל. וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי שֶׁלֹּא תִשְׁתַּכַּח, שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ. וְכַמְבֹאָר בַּזֹּהַר (נשא דף קכד:): בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא:

**וְעַתָּה** בּוֹא וּרְאֵה וְהָבֵן נִפְלְאוֹת נִסְתָּרוֹת שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה: כִּי עַל־כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל־יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחָאי, שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עַל־יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל. כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק: כִּי **לֹא** תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ - הֵם אוֹתִיּוֹת **יוֹחָאי**. וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ - מִפִּי זַרְעוֹ דַּיְקָא, הַיְנוּ מִפִּי זַרְעוֹ שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק שֶׁהוּא הַתַּנָּא **יוֹחָאי** כִּי עַל־יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחָאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עַל־יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא כַּנַּ"ל:

**וְדַע,** שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר. כִּי דַע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת (דניאל ד): **עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִית** רָאשֵׁי־תֵבוֹת **שִׁמְעוֹן** וְכוּ':

(כא) מלשה"ב ישעיה ח, טז. (כב) שם כח. ח.

תשכ'**ח** מפ'י זרע'ו, קומט אויס די ווארט 'יוחאי' [-דער טאטע פון רבי שמעון].

לויט דעם וועט מען דערהערן א נייע פשט אין דעם פסוק:

**וְזֶה** און דער ענין - אז דורך די כח פון רבי שמעון 'בן יוחאי' וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן, **שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ** דאס קומט אונז דער פסוק "כי לא תשכח מפי זרעו" מרמז זיין און אנטפלעקן, ווי פאלגנד: "כי לא תשכח" - וויאזוי וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן? **מִפִּי זַרְעוֹ דַּיְקָא** דוקא דורך די מויל פון 'זיינע קינדער', וועמענס קינדער? **הַיְנוּ מִפִּי זַרְעוֹ שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בָּזֶה הַפָּסוּק** דורך די מויל פון די 'קינדער' פון אט דער מענטש, וואס איז מרומז און באהאלטן אין דעם פסוק, ווער איז דער מענטש וואס איז מרומז אין דעם פסוק? **שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחַאי** דאס איז - דער תנא יוחאי, **כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַ"ל** ווייל דורך די 'קינדער' פון דעם תנא 'יוחאי' וואס איז מרומז אין די סופי תיבות פון דעם פסוק, **שֶׁהוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי** וואס דאס איז - רבי שמעון 'בן יוחאי', **עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה** דורך אים וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן, **כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא כַּנַ"ל** ווייל ווי אויבנדערמאנט וועלן מיר זיך אלעמאל האלטן אין די תורה, און צום סוף ארויסגיין פון גלות, דורך דעם זוהר הקדוש וואס רבי שמעון בן יוחאי האט פארפאסט[ז].

נאכ'ן ערקלערן די סוד און די גרויסקייט, פון די הייליגע חידושי תורה פון רבי שמעון בן יוחאי - די ספר הזוהר, לייגט דער רבי צו:

**וְדַע** און זאלסט וויסן, **שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ** אז די סוד פון די הייליגע נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי אליינס, **הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר** איז מרומז אין א אנדערע פסוק פון תנ"ך, **כִּי דַּע** ווייל דו זאלסט וויסן, **כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן** אז דער הייליגער תנא רבי שמעון, **הוּא בְּחִינַת (דניאל ד): "עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִית"** איז די בחינה פון דעם פסוק: "ע'יר ו'קדיש **מ'ן** ש'מיא **נ'**חית" [-א הייליגער מלאך איז אראפגעקומען פון הימל], **רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁמְעוֹן** וואס די ראשי תיבות פון דעם פסוק איז -'שמעון', דערפאר איז דאס מרמז אויף רבי שמעון בן יוחאי[ח], **וְכוּ'**[ט].

**בקיצור:** רבי שמעון בן יוחאי האט צוגעזאגט אז די תורה וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און אז דאס וועט זיין דורך זיינע חידושי תורה - דער הייליגער זוהר ❖ אין דעם פסוק: "כי לא תשכח מפי זרעו" איז מרומז אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן דורך רבי שמעון ❖ רבי שמעון אליין איז מרומז אין פסוק: "עיר וקדיש מן שמיא נחית".

הערות

**ז.** די אויסדרוק פונעם פסוק: "**מפי זרעו**" וועט זיך אויסטייטשן זייער שיין לויט דעם רמז - אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, דורך די חידושי תורה וואס וועט ארויסקומען פונעם '**מויל**' פון רבי שמעון (וואס רבי שמעון איז מרומז אין די ווארט "**זרעו**"), וואס דאס איז די זוהר הקדוש, וואס דורכדעם וועט מען ארויסגיין פון גלות, און די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, ווי ערקלערט אינעווייניג.

**ח.** דער פשוט'ער פשט אין פסוק "**עיר וקדיש מן שמיא נחית**" איז - אז עס וועט אראפקומען א מלאך פון הימל, וואס וועט פארשניידן די קליפות און די מלכות פון די גויים - און אט דאס איז דער כח פון רבי שמעון, וואס מיט זיין קדושה איז ער גלייך צו א געטליכער מלאך, און ער איז אראפגעקומען אויף דער וועלט, זיך צו שלאגן מיט די כחות הטומאה וואס ווילן געוועלטיגן אויף כלל ישראל, און זיי צו מכניע זיין.

**ט.** זע חיי מוהר"ן סי' קפ"ט, וואס איז די כוונה פון די ווארט וכו'.

א פארווארט צו די ערשטע פופצן תורות פון ליקוטי מוהר"ן:

**בְּעֶזְרַת קֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה** מיט די הילף פונעם גרויסן באשעפער, וואס האט באשאפן די הימל און ערד, **וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבַּר מַתָּנָה** און ער האט אונז געגעבן א מתנה אין מדבר - זיין הייליגער תורה. **נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה** וועלן מיר אנהויבן צו דרוקן וואונדערליכע און מורא'דיגע חידושים, וואס זענען געבויעט אויף די מאמרים פון רבה בר בר חנה[א]. **בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בִּרְנָנָה** און אין די זכות פון די הייליגע חידושים וועלן מיר זוכה זיין צוריק ארויפצוגיין קיין ירושלים מיט געזאנג, **אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה** צו די שטאט וואו דער קעניג דוד האט גערוהט.

# סִימָן א

עס שטייט אין פסוק: **אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ד'** ווי גליקליך זענען די וועלכע גייען אויף די שלימות'דיגע וועג, ווער זענען אט די? די וואס גייען אין די וועגן פונעם אויבערשטענס תורה, דער רבי וועט אויסטייטשן דעם פסוק ביים ענדע פון די תורה[א].

### דורכ'ן לערנען תורה באקומט מען א 'חן', און אלע תפלות ווערן אנגענומען

**דַע** זאלסט וויסן, **כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה** אז דורכדעם וואס מ'לערנט תורה, **נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים** ווערן אנגענומען ביים אויבערשטן, אלע תפלות און אלע בקשות, וואס מיר בעטן און מיר זענען מתפלל[ב]. **וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלָּה וְנִתְרוֹמֵם** און ווי אויך ווערט דורכ'ן לערנען תורה אויפגעהויבן און ארויפגעברענגט - די 'חן' און די 'חשיבות' פון אידן, **בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין** אז מיר געפינען חן אין די אויגן פון אלע וואס מיר דארפן אנקומען צו זיי, **הֵן בְּרוּחָנִי** סיי אין רוחניות'דיגן זין - ווען מיר בעטן פונעם אויבערשטען אויף אונזערע געברויכן, **הֵן בְּגַשְׁמִי** סיי אין גשמיות'דיגן זין - ווען מיר בעטן פון מענטשן אונזערע געברויכן[ג].

פארוואס דארף מען אויפהייבן די חן פון כלל ישראל?

**כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל** ווייל יעצט אין גלות, איז דער אמת'דיגער 'חן' און 'חשיבות' פון אידן אראפגעפאלן [-דערנידערט געווארן], צוליב אונזערע פילע עבירות, וואו איז די חן איז 'אראפגעפאלן' און 'דערנידערט געווארן'? **כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם** ווייל יעצט פארמאגן די גויים, דער עיקר 'חשיבות' און 'חן', קומט אויס, אז די חן איז אראפגעפאלן צו די גויים[ד].

**אֲבָל עַל יְדֵי הַתּוֹרָה** אבער דורך די תורה וואס מיר לערנען, **נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל** ווערט צוריק אויפגעהויבן די 'חן' און די 'חשיבות' פון אידן, א ראיה דערויף: **כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת** ווייל די תורה ווערט אנגערופן אין פסוק (משלי ה'): "**אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן**" - "זי איז געגליכן צו א 'אילה' וואס איז שטארק באליבט, און ווי א 'יעלה' וואס איז בא'חנט[ה]", און חז"ל (עירובין נ"ד:) דרש'ענען די ווערטער "ויעלת **חן**": **שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ** אז די תורה ברענגט ארויף א חן אויף די וואס לערנען איר, זעט מען, אז דורכ'ן לערנען תורה ווערט אויפגעהויבן **און** ארויפגעברענגט די אראפגעפאלענע חן - וואס איז אראפגעפאלן צו די גויים.

**וְעַל יְדֵי זֶה** און דורכדעם וואס אונזער חן ווערט אויפגעהויבן, **נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת** ווערן אנגענומען אלע אונזערע תפילות און בקשות [דאס הייסט, אז די צוויי מעלות וואס תורה ברענגט, זענען באמת געבינדן איינע אין די אנדערע, ווייל דורכדעם וואס מען האט די ריכטיגע חן ווערן אנגענומען אלע תפלות].

**בקיצור:** היינט צוטאגס איז דער אמת'דיגער חן און חשיבות פון אידן דערנידערט געווארן, און עס געפינט זיך ביי די גוים ❖ דורכ'ן לערנען תורה דערהייבט מען צוריק די חן פון אידן ❖ דאן ווערן אלע תפלות און בקשות אנגענומען.

### מען דארף זיך אנבינדן צו די ליכטיגע 'חיות דקדושה' וואס איז דא אין יעדע זאך

יעצט וועט דער רבי ערקלערן א לענגערע ביאור, וואס איז די שורש פון אט די הייליגע חן, און דורך דעם וועלן מיר פארשטיין פארוואס טאקע

---

הערות

**א.** די מאמרים פון רבה בר בר חנה געפינען זיך אין מסכת בבא בתרא (דף ע"ג). זיי זענען א אוצר פון גאר אינטערעסאנטע אגדות, וואס קוקן אויס אויבנאויף, ווי אומפארשטענדליכע מעשיות, און וואונדערליכע געשעענישן, דער רבי וועט ערקלערן אט די מעשיות אין די קומענדיגע פופצן תורות, אויף א אופן, אז מיר אלע זאלן קענען ארויסנעמען דערפון עצות און חיזוק פאר עבודת ה'.

ווי עס ווערט געברענגט אין חיי מוהר"ן (שה"ל ה'), האט דער רבי דערציילט, אז רבה בר בר חנה אליין האט אים מגלה געווען אט די אלע וואונדערליכע פירושים אויף זיינע מאמרים.

**א.** אסאך תורות אין ליקוטי מוהר"ן זענען אויסגעשטעלט, אז דער רבי ברענגט אין אנהויב א פסוק אדער א מאמר חז"ל, און דערנאך איז ער ממשיך מיט א גאנצע בנין פון א תורה, און נאר ביי די ענדע פון די תורה קומט ער צוריק, און ער פירט אויס א טייטש אין דעם פסוק אדער מאמר חז"ל.

**ב.** די אויסדרוק 'תפלות' נוצט מען אויף די דריי באשטימטע תפלות - שחרית מנחה און מעריב, און די באדייט פון 'בקשות' איז - אלע אנדערע פערזענליכע געברויכן, וואס מיר בעטן פונעם אויבערשטן.

**ג.** דער רבי רעדט דא איבער 'כלל ישראל' - אז ווען אלע אידן וועלן זיך שטארקן אין לימוד התורה, וועט די חן פון אידן דערהויבן ווערן, אבער ווי פארשטענדליך, פאסירט אט די זעלבע ביי יעדן איינצעלנעם איד - אז דורכ'ן לערנען תורה, ווערט אויפגעהויבן זיין פערזענליכע חן און חשיבות.

**ד.** די אמת'דיגע און ריכטיגע חן, געהערט ארגינעל בלויז פאר אונז אידן, נאר דורך אונזערע עבירות פארלירן מיר די געטליכע חן, און דאן האבן די גוים א כח צו שטארקן און אויפהייבן זייער חן, וואס דאס איז באמת א פאלשע חן, און א שמוציגע חן.

**ה.** א 'אַיָּלָה' און א 'יַעֲלָה' זענען צוויי סארטן חיות וואס זענען באליבט און בא'חנ'ט, און דער פסוק גלייכט צו - די הייליגע תורה צו זיי.

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

**תְּמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה':** (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**כִּי** אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל, וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ח): חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תיקונים תיקון יד, זוהר משפטים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קיא): רֵאשִׁית חָכְמָה. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית כז): וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: וְחַכְּמַנִי. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ. וְזֶה בְּחִינַת (משלי ד): וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. וְזֶה בְּחִינַת **חֵית**, לְשׁוֹן חִיּוּת (א), כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ז): הַחָכְמָה תְּחַיֶּה וְכוּ':

**אַךְ** מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת **נוּן**, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב): לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ. (זוהר ויחי דף רלח. ודף רמט:) וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

**אֲבָל** מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כה): וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה, דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל בְּחִינַת (משלי יח): לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר (ישעיה כד): וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ' (ב):

**וְזֶה** בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא מִסְכֵּן וְחָכָם (קהלת ד') (ג), בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל (שם), בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה): לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע. וְעַל־יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ', אִי אָזֵל - מוּטָב, וְאִם לָאו - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קידושין דף ל:): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית־הַמִּדְרָשׁ, כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת **נ**, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת **ח**, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח וְהַנ, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל (*), וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הושע יד): כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דַּרְכֵי ה', הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל־יְדֵי־זֶה. וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל:

**וְעַל־יְדֵי־זֶה** נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ; אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ וְהַח כַּנַּ"ל וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל־כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה יַעֲלַת חֵן (משלי ה), וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. וְזֶה בְּחִינַת **ת**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת "חֵן", עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת **תָּי"ו**, שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל ט): וְהִתְוִיתָ תָּו, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו. נִמְצָא, שֶׁבְּחִינַת הַ"חֵן" חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ; וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּי"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קהלת ט): דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. **נַחַת** דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת **חֵן** הַנַּ"ל **וְהַת** הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת **נַחַת**, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:

(א) עי' זוהר פנחס רמ"ח ע"ב ובתיקונים תיקון סה. (ב) עי' תיקון חית. (ג) עי' רש"י ועי' זוהר וישב קע"ט ובמ"ר קהלת ובנדרים ל"ב ע"ב. *) רש"י בראשית כ"ה פסוק כ"ג.

זי ווערט אויפגעהויבן דורך לערנען תורה[ו], און ער הויבט אן: **כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר** אז יעדער איד דארף שטענדיג ארייננקוקן [-זיך מתבונן זיין] אין די הייליגע ׳שכל׳, וואס געפינט זיך אין יעדע זאך פון דער וועלט[ז], **וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר** און זיך צובינדן צו די ׳שכל׳ און די חכמה וואס געפינט זיך אין יעדע זאך [-אז ער זאל פרובירן זיך צו פירן אין אלע זיינע מעשים, לויט די הייליגע ׳שכל׳ וואס ער פארשטייט פון יעדע זאך וואס ער זעט און הערט], **כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר** כדי די ׳שכל׳ וואס איז דא אין יעדע זאך, זאל באלייכטן פאר׳ן מענטש, **לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר** אז ער זאל פארשטיין וועגן און עצות - וויאזוי ער קען נאנט ווערן צום אויבערשטן דורך אט די זאך, וואס ער זעט, אדער עס פאסירט מיט אים.

פארוואס טאקע ׳באלייכט׳ די ׳שכל׳ פאר׳ן מענטש? **כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל** ווייל די ׳שכל׳ איז א גרויסע ׳אור׳ [-א ליכטיגקייט], **וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו** און דערפאר באלייכט דאס פאר׳ן מענטש אין אלע זיינע וועגן, און אין אלע מצבים[ח], א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי עס שטייט אין פסוק (קהלת ח׳): **״חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו״** - ״די חכמה פון א מענטש באלייכט זיין פנים״, זעט מען, אז **חכמה** און **׳שכל׳** מאכט ליכטיג פאר׳ן מענטש.

**וְזֶה** און דער ענין - זיך צו מתבונן זיין, אין די ׳שכל׳ פון יעדע זאך, דאס איז **בְּחִינַת**[ט] **יַעֲקֹב** די בחינה פון יעקב [-דאס איז געווען די מדה פון יעקב אבינו]; א ראיה דערויף[י]: **כִּי יַעֲקֹב זָכָה לִבְכוֹרָה** ווייל יעקב האט זוכה געווען צו די בכורה וואס ער האט אפגעקויפט פון עשיו[יא], **שֶׁהוּא רֵאשִׁית** וואס א בכור איז די ׳ערשטע׳ קינד[יב], **שֶׁהוּא** וואס דער ענין פון ׳ראשית׳ איז: **בְּחִינַת חָכְמָה** א בחינה פון ׳חכמה׳, א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קי״א): ״רֵאשִׁית חָכְמָה״** ווי ס׳שטייט אין פסוק: ״ראשית חכמה״, זעט מען, אז **׳ראשית׳** איז מרמז אויף חכמה[יג][יד]; און דערפאר איז יעקב (-וואס האט זוכה געווען צו **בכורה - ראשית**) א בחינה פון **חכמה** (-זיך צו מתבונן זיין אין די ׳שכל׳ און די **חכמה** פון יעדע זאך).

**וְזֶה בְּחִינַת** און דער ענין - אז יעקב איז א בחינה פון ׳חכמה׳, איז מרומז אינעם פסוק (בראשית כ״ז): **״וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַּעֲמַיִם״** - ״[עשיו האט געזאגט, אז די טעם פון די נאמען ׳יעקב׳ איז-] ווייל ער האט מיר ׳אויסגעפאפט׳ שוין די צווייטע מאל״, **וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס ״וְחַכְּמַנִי״** און דער תרגום טייטשט אויפ׳ן ווארט ״ויעקבני״ - ״וחכמני״ - ער האט מיר איבערגעקלוגט, און דאס איז מרמז, אז **יעקב** האט געהאט די בחינה פון **חכמה**.

**וְזֶה** און אט די ׳שכל׳ וואס ׳באלייכט׳ פארן מענטש, איז **בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ** א בחינה פון די ׳זון׳, א טעם דערויף: **כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ** ווייל דער שכל באלייכט פאר׳ן מענטש אין אלע זיינע וועגן, אזויווי די זון וואס לייכט איבעראל.

**וְזֶה בְּחִינַת** און דער ענין - אז די ׳שכל׳ באלייכט די וועגן אזויווי די זון, איז מרומז אינעם פסוק (משלי ד): **״וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם״** - ״די וועג וועלכע די צדיקים גייען דערויף איז געגליכן צו די ליכטיגקייט פון די זון, וואס שיינט אויף צופרי, און ווערט מער און מער ליכטיג ביז אינמיטן טאג״, און דאס איז מרמז, אז די **שכל** לייכט אויף די וועגן פון די צדיקים אזויווי די **זון**[טו].

**וְזֶה** און אט די חכמה וואס איז דא אין יעדע זאך, איז **בְּחִינַת חֵי״ת** די בחינה פון די אות ׳חית׳, (וואס דאס איז די ערשטע אות פון די ווארט ׳חן׳); א טעם דערויף[טז]: **לְשׁוֹן חִיּוּת** ווייל ׳חית׳ איז

הערות

**ו.** דער רבי וועט ערקלערן עטליכע וויכטיגע יסודות פאר א איד, און אויף יעדע איינע וועט ער ברענגען ראיות מיט טעמים און מאריך זיין דערין, און שפעטער ווען מען וועט צוזאמשטעלן אלע הקדמות - וועלן מיר פארשטיין קלאר דעם טעם פארוואס דורך תורה ווערט פארראכטן די ׳חן׳

**ז.** דאס הייסט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן מיט א געטליכע ׳חכמה׳, וואס אט די חכמה ליגט אונטער יעדע זאך, און יעדע פאסירונג, וואס עס טוט זיך אויף די וועלט. אט די ׳חכמה׳ און ׳שכל׳ איז - א הייליגע כח וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט איבעראל, מיט׳ן איינציגן ציהל צו מעורר זיין און נאנט ברענגן אידן צום אויבערשטען (ליקוטי תורה להאריז״ל פרשת עקב).

אויף למעשה מיינט דאס, אז יעדע חלק פון די גאנצע בריאה, איז באמת א וועג וויאזוי דער אויבערשטער איז מרמז פאר אונז אידן צו ווערן נאנט צו אים - ווייל סיי אלעס וואס עס פאסירט אין די כלליות פון די וועלט, איז די טעם פון דעם - בלויז צו מרמז זיין פאר כלל ישראל צו טון תשובה און מעשים טובים, און סיי יעדע איינציגע זאך, וואס עס פאסירט מיט יעדן איד פערזענליך, ליגט דארטן א ׳שכל׳ פונעם אויבערשטען, וואס דער ׳שכל׳ שיקט אים כסדר ׳רמזים׳ פון התעוררות צו עבודת ד׳, וואס זענען אים מרמז לויט זיין פערזענליכע מצב, און אלעס ארום, אזא סארט התעוררות פונקט וואס ׳ער׳ דארף ׳יעצט׳ האבן. און יעדער איד איז מחוייב צו פרובירן צו פארשטיין פון יעדע זאך, אט די רמזים וואס דער אויבערשטער איז אים מרמז דורך ׳די׳ זאך, און זיך צו פירן מיט זיין עבודת ה׳ לויט אט די רמזים (ליקוטי עצות, ליקוטי תפלות).

**ח.** ווייל ווען א מענטש פרובירט צו פארשטיין וואס דער אויבערשטער וויל פון אים, מיט אלע זאכן, וואס ער זעט און הערט, דאן איז ער זוכה אז די שכל וואס ליגט באהאלטן אין יעדע זאך, מאכט אים ליכטיג די אויגן, און לערנט אים וויאזוי צו ווערן נאנט צום אויבערשטען, אין יעדע ׳פלאץ׳, און אין יעדע ׳צייט׳, און אין יעדע ׳מצב׳, וואו ער געפינט זיך.

**ט.** די אפטייטש פון די ווארט ׳בחינה׳ (וועלכע ווערט אסאך גענוצט אין דעם הייליגן ספר ׳ליקוטי מוהר״ן׳), איז - ׳א טיפער ארייננבליק׳, דאס הייסט, אז ווען מען וועט ארייננקוקן טיף אין די מדה פון יעקב אבינו, מיט א פנימיות׳דיגער בליק, וועט מען זען, אז דאס איז דער ענין פון זיך מתבונן זיין אין די ׳שכל דקדושה׳, ווי ערקלערט ווייטער אז דאס איז געווען די מדה פון יעקב; מיט דעם לשון באנוצט זיך דער רבי אלעמאל, ווען ער וויל מקשר זיין צוויי ענינים, וואס מיט א דרויסענדיגע בליק זעהן זיי אויס ווי צוויי באזונדערע זאכן, אבער מיט א טיפערע ארייננבליק זענען זיי איינס.

**י.** כדי צו ערקלערן די ראיה, איז דער רבי מקדים דריי ׳ידיעות׳, וואס ווען מען שטעלט אלעס צוזאם - פארשטייט מען די ראיה.

**יא.** יעקב אבינו איז נישט געווען ארגינעל קיין בכור, נאר דורך זיין ׳עבודה׳ (וואס ער האט כסדר געזוכט די שכל פון יעדע זאך) - האט ער זוכה געווען צו ׳בכורה׳, דערפאר זאגט דער רבי אז יעקב האט ׳זוכה׳ געווען צו בכורה.

**יב.** ווי אויך געפינען מיר עטליכע מאל אין פסוקים, אז די **בכורה** ווערט אנגערופן **ראשית** (זע בראשית מט ג. דברים כא, יז).

**יג.** יעדע מאל וואס מען טרעפט צוויי ווערטער וואס ווערן דערמאנט אין דעם זעלבן פסוק, ווייזט דאס אז די צוויי זאכן האבן א ספעציעלע שייכות איינס מיטן צווייטן (כאטש וואס אין פשוט׳ן פשט פון דעם פסוק איז דאס צוויי באזונדערע זאכן), ווי למשל דא - וויבאלד דער פסוק דרוקט זיך אויס: ״ראשית חכמה״ (און נישט ׳תחילת חכמה׳ וכדו׳) מוז זיין, אז די באגריף פון **׳ראשית׳** איז די זעלבע בחינה ווי **׳חכמה׳**; אין זוהר הקדוש און אין ספרי קבלה באנוצט מען זיך כסדר מיט די סארט ראיות, און אויך ׳ליקוטי מוהר״ן׳ איז פול מיט אזעלכע ראיות.

**יד.** דער טעם פארוואס **חכמה** ווערט אנגערופן **ראשית**, איז באקאנט אין קבלה (זע זוה״ק בראשית ג: ועוד), וויבאלד מיט די ׳חכמה׳ האט דער אויבערשטער באשאפן אלע וועלטן, און דאס איז דער ׳אנהויב׳ און די שורש פון די גאנצע בריאה, און דאס איז טאקע דער תכלית פון די גאנצע בריאה, אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין די הייליגע ׳שכל׳ און ׳חכמה׳ פון יעדע זאך, כדי דורך די חכמה זאל מען ווערן נאנט צום אויבערשטן (ווי ערקלערט אויבן הערה ח).

**טו.** פון אט די רמז אין דעם פסוק זעט מען, אז עס זענען דא פילע מדריגות אין פארשטיין די שכל פון יעדע זאך, וואס ביי גרויסע צדיקים איז דאס געטליכע השגות, און אזוי ווייטער איז יעדער זוכה צו די ליכטיגקייט פון די שכל לויט זיין מדריגה, און יעדער איינער דארף אלעמאל ארויפגיין העכער און העכער אין דעם, אזויווי די זון וואס ווערט מער אין מער ליכטיגער (באר היטב).

**טז.** דער טעם איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי פרטים, וואס פון ביידע צוזאמען פארשטייט מען דעם טעם.

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

## תְמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה': (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**כִּי** אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל, וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ח): חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תיקונים תיקון יד, זוהר משפטים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קיא): רֵאשִׁית חָכְמָה. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית כז): וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: וְחַכְּמַנִי. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ. וְזֶה בְּחִינַת (משלי ד): וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. וְזֶה בְּחִינַת **חֵית**, לְשׁוֹן חִיּוּת (א), כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ז): הַחָכְמָה תְּחַיֶּה וְכוּ':

**אַךְ** מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת **נוּן**, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב): לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ. (זוהר ויחי דף רלח. ודף רמט:) וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

**אֲבָל** מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כה): וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה, דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל בְּחִינַת (משלי יח): לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר (ישעיה כד): וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ' (ב):

**וְזֶה** בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא מִסְכֵּן וְחָכָם (קהלת ד') (ג), בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל (שם), בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה): לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע. וְעַל־יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ', אִי אָזֵל - מוּטָב, וְאִם לָאו - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קידושין דף ל:): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית־הַמִּדְרָשׁ, כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת **נ**, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת **ח**, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַחֵ"ת וְהַנּ"ן, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל (*), וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הושע יד): כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דַּרְכֵי ה', הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל־יְדֵי־זֶה. וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל:

**וְעַל־יְדֵי־זֶה** נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ; אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנּ' וְהַח' כַּנַּ"ל וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל־כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה יַעֲלַת חֵן (משלי ה), וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. וְזֶה בְּחִינַת **ת**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת "חֵן", עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת **תָּי"ו**, שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל ט): וְהִתְוִיתָ תָּו, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו. נִמְצָא, שֶׁבְּחִינַת הַ"חֵן" חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ; וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּי"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קהלת ט): דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. **נַחַת** דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת **חֵן** הַנַּ"ל וְ**הַת** הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת **נַחַת**, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:

(א) עי' זוהר פנחס רמ"ח ע"ב ובתיקונים תיקון סה. (ב) עי' תיקון חית. (ג) עי' רש"י ועי' זוהר וישב קע"ט ובמ"ר קהלת ובנדרים ל"ב ע"ב. *) רש"י בראשית כ"ה פסוק כ"ג.

א לשון פון 'חיות - לעבן', **כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר** און די חכמה און 'שכל' פון יעדע זאך, דאס איז די 'לעבן' און די 'חיות' פון די זאך, א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (קהלת ז): **"הַחָכְמָה תְּחַיֶּה" וְכוּ'** - "די חכמה גיבט לעבן פאר דער וואס האט די חכמה", זעט מען, אז **חכמה** גיבט **לעבן**[יז]; און דערפאר איז די אות **חית** (וואס די טייטש דערפון איז חיות - לעבן) מרמז אויף חכמה.

**בקיצור:** יעדער איד דארף אלעמאל זיך מתבונן זיין אין די געטליכע שכל פון יעדע זאך און פון יעדע פאסירונג פון דער וועלט ❖ דאן לייכט און שיינט די שכל פאר'ן מענטש אין אלע זיינע וועגן ❖ די שכל איז די מדה פון יעקב אבינו ❖ די שכל באלייכט פארן מענטש אזוי ווי די זון ❖ די שכל איז די בחינה פון די אות 'חית'.

**מ'קען נישט זוכה זיין צו די ליכטיגע 'שכל דקדושה' נאר דורך די מדה פון מלכות (-אמונה)**

[יח]**אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאוֹד** אבער וויבאלד די 'אור' [-ליכטיגקייט] פון דעם שכל איז גאר גרויס, **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו** איז נישט מעגליך צו זוכה זיין צו באקומען די שכל, **כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת נוּן** בלויז דורכדעם וואס מען פארמאגט בעפאר - די בחינה פון די אות 'נון' (ווא (וואס דאס איז די צווייטע אות פון די ווארט 'חן'), **שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת** וואס די אות 'נון' איז די זעלבע בחינה ווי די מדה פון 'מלכות'[יט], א ראיה אז 'נון' איז 'מלכות': **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב:) "לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ"** ווי עס שטייט אין פסוק: "לפני שמש ינון שמו", **וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י "לְשׁוֹן מַלְכוּת"** און רש"י טייטשט אויפ'ן ווארט "ינון", אז דאס איז א לשון פון 'מלכות - קעניגרייך'[כ], זעט מען, אז די אות נון (וואס איז די זעלבע לשון ווי "ינון") איז מרמז אויף די מדה פון '**מלכות**'.

**וְזֶה** און[כא] און אט די מדה פון 'מלכות', איז **בְּחִינַת לְבָנָה** די זעלבע בחינה ווי די 'לבנה', א טעם דערויף[כב]: **כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ** וויבאלד די לבנה פארמאגט נישט קיין שום אייגענע ליכטיגקייט, בלויז די ליכטיגקייט וואס זי באקומט פון די זון[כג], **וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** און די מדה פון 'מלכות' פארמאגט אט די זעלבע אייגנשאפט, **דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם** אז זי האט אויך נישט קיין שום אייגענע ליכטיגקייט, **אֶלָּא**[כד], **אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית** נאר וואס זי באקומט פון די אות 'חית', **שֶׁהוּ**, **שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל** וואס די אות 'חית' ווייזט אויף 'חכמה' - די 'זון', ווי אוינדערמאנט[כה].

פירט דער רבי אויס, וואס פאסירט ווען א מענטש איז זוכה צו די בחינה פון 'נון' - 'מלכות' - 'לבנה'? **וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה** דעמאלטס ווערט די ליכטיגקייט פון די לבנה - אזוי גרויס ווי

הערות

**יז.** די טעם פארוואס די 'שכל' פון יעדע זאך איז זיין 'חיות', איז וויבאלד די גשמיות אליין איז א טויטע זאך, אן קיין שום אייגענע חיות, און דערפאר איז די גאנצע עקזיסטענץ פון יעדע גשמיות'דיגע זאך - בלויז דורך די 'שכל' וואס דאס איז די חלק הרוחני פון די זאך.

מען קען דאס בעסער פארשטיין, לויט ווי עס איז ערקלערט געווארן אויבן (הערה ח, טו), אז אט די חכמה איז די תכלית און די צוועק פון יעדע זאך, ווייל די סיבה פארוואס יעדע זאך איז באשאפן געווארן איז, כדי מיר זאלן זיך מקשר זיין צו די שכל פון יעדע זאך, וואס דאס מיינט - אז מיר זאלן ארויסנעמען די 'רמזים' וואס דער אויבערשטער איז אונז מרמז מיט 'די' זאך, און מיר זאלן דינען דעם אויבערשטען דורך 'די' זאך, און ווען עס ווערט אויסגעפירט אט די ציל - אז מיר זענען זיך מקשר צו די באהאלטענע שכל און חכמה פון 'די' זאך, דאן באקומט די זאך א 'חיות' און די כח צו עקזיסטירן, ווייל עס איז אויסגעפירט געווארן זיין תפקיד פארוואס ער איז באשאפן געווארן.

**יח.** ביז אהער האט דער רבי ערקלערט די פנימיות פון די אות 'חית' פון די ווארט 'חן', יעצט וועט דער רבי ערקלערן די פנימיות'דיגע באדייט פון די אות 'נון' פון 'חן'.

**יט.** א קורצע ערקלערונג אויף די באדייט פון די מדה - 'מלכות': דער אויבערשטער האט באשאפן צען סארט ליכטיגקייטן, וואס שיינען אריין די ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן אין אלע וועלטן, זיי ווערן אנגערופן: 'די צען ספירות', און די 'מלכות' איז די צענטע און לעצטע 'ספירה', וואס דורך אט די מדה פון 'מלכות' קענען 'מיר' פון די גשמיות'דיגע וועלט האבן א שייכות מיט אלע הויכע ליכטיגקייטן, און האבן א געפיל און פארשטאנד אין די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, און אים 'ממליך' זיין אויף אונז.

אויף למעשה איז די באדייט פון די מדה פון 'מלכות' - צו מקבל זיין אויף זיך די עול 'מלכות' שמים מיט א תמימות, און טון אלעמאל די רצון ד', אן ארייננצומישן די אייגענע שכל, נאר פארקערט - אוועקווארפן יעדע סארט אייגענע פארשטאנד, און פאלגן דעם אויבערשטן מיט א תמימות ופשיטות; די מדה פון 'מלכות' איז אויך א סימבאל פון 'אמונה' - צו גלייבן אינעם אויבערשטען אפילו מען פארשטייט נישט.

די כוונה פונעם רבי'ן דא איז, אז דער וואס האט נאכנישט זוכה געוועןצו פארשטיין די שכל פון יעדע זאך, וויאזוי ער קען טרעפן די רמזים וואס זענען באהאלטן אין יעדע זאך, און נאנט ווערן צום אויבערשטן דורך יעדע זאך, איז זיין עצה - צו גלייבן מיט א תמימות און א שטארקע אמונה, אז עס איז זיכער דא א באהאלטענער 'שכל' אין יעדע זאך. און ער זאל זיך מקבל צו דינען דעם אויבערשטן ווי מען דינט א 'מלך', און נישט נאכגיין נאך די גשמיות און די חיצוניות פון אלע זאכן אין די בריאה, נאר ווארטן און האפן און בענקען צו זוכה זיין צו די 'אור' פון די 'שכל', דאן איז מען ממשיך אויף זיך די קדושה פון די הייליגע מדה פון 'מלכות', וואס דאס איז א 'כלי' צו קענען ארייננעמען די געוואלדיגע 'אור' פון די 'שכל' (ליקוטי הלכות פקדון ד', כ"א, ליקוטי עצות, ועוד).

**כ.** און די כוונה פונעם פסוק איז, אז דוד המלך איז מתפלל אויף זיין זון שלמה: "לפני שמש" = **ווילאנג די זון עקזעסטירט**, "ינון שמו" = **זאל זיין נאמען זיין גרויס און קעניגליך**.

**כא.** ווי אויך איז מרומז אין דעם פסוק, אז 'פאר' מען וויל זוכה זיין צו די ליכטיגקייט פו די 'זון' (-**"לפני שמש"**), וואס דאס איז די הייליגע שכל, דארף מען זיך באנוצן, מיט די מדה פון 'מלכות', וואס איז מרומז אין די אות נון (-**"ינון שמו"**) (ליקוטי הלכות פקדון ד' ב').

**כב.** דער טעם איז געבויעט, אז וויבאלד מיר זעהען אז סיי די לבנה און סיי די מלכות האבן די זעלבע אייגנשאפט, ווייזט דאס אזביידע זענען די זעלבע בחינה.

**כג.** ווייל כדי די לבנה זאל דינען אלס א 'כלי' צו מקבל זיין ריכטיג די ליכטיגקייט פון די זון, דארף די לבנה זייןליידיג פון יעדע סארט אייגענע ליכטיגקייט, נאר דאן קען די זון ארייננשיינען אין די לבנה, ווייל דאן איז זי אזוי ווי א שפיגל - וואס די ליכטיגקייט פון די זון שפיגלט זיך אפ דארטן (זוה"ק ויחי רלח ע"א; ליקו"מ סי' קנג).

**כד.** אויף למעשה מיינט דאס, אז די מדה פון 'מלכות' האט נישט קיין שום 'אור' - קיין שום 'דעת', נאר בלויזע אמונה און תמימות, אן צו פארשטיין טיפע שכל (ווי ערקלערט אויבן הערה כ).

**כה.** די אלע 'עשר ספירות' זענען אוועקגעשטעלט געווארן מיט א סדר אז די העכערע 'ספירות' שיינען אריין אין די נידריגערע 'ספירות'. און אלע 'ספירות' דינען סיי אלס א 'כלי' צו מקבל זיין די 'אור' פון די העכערע 'ספירות', און ווי אויך האבן זיי א אייגענע 'אור' (וואס זיי שיינען דאס אריין אין די נידריגערע 'ספירה').

אנדערש איז אבער די ספירה פון 'מלכות' [וואס דאס איז די נידריגסטע 'ספירה'], אז זי האט נישט קיין שום אייגענע 'אור', זי דינט בלויז אלס א 'כלי' צו מקבל זיין אין זיך די 'שפע' און די 'אור' פון די העכערע 'ספירות'. און טאקע דערפאר [-ווייל זי האט נישט קיין אייגענע ליכטיגקייט] איז זי די ריכטיגע 'כלי' צו קענען ארייננעמען די גרויסע 'אור' פון די 'שכל', ווייל פונקט ווי עס איז נישט מעגליך צו קוקן אויף די זון, צוליב איר גרויסע ליכטיגקייט, און מען קען בלויז זען די ליכטיגקייט פון די זון, דורכ'ן קוקן אויף די לבנה וואס אין איר שיינט אריין די ליכטיגקייט פון די 'זון', די זעלבע איז נישט מעגליך צו מקבל זיין די 'אור' פון די הייליגע 'שכל', בלויז דורך די מדה פון 'מלכות', וואס אין איר שיינט אריין די ליכטיגקייט פון די שכל (זע שער הכוונות דרושי הלילה).

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּנָה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

## תְמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה': (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**כִּי** אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל, וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ח): חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תיקונים תיקון יד, זוהר משפטים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קיא): רֵאשִׁית חָכְמָה. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית כז): וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: וְחַכְּמַנִי. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ. וְזֶה בְּחִינַת (משלי ד): וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. וְזֶה בְּחִינַת חֵית, לְשׁוֹן חִיּוּת (א), כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ז): הַחָכְמָה תְּחַיֶּה וְכוּ':

**אַךְ** מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת נוּן, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב): לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ. (זוהר ויחי דף רלח. ודף רמט:) וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

**אֲבָל** מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כה): וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה, דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל בְּחִינַת (משלי יח): לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר (ישעיה כד): וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ' (ב):

**וְזֶה** בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא מִסְכֵּן וְחָכָם (קהלת ד') (ג), בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל (שם), בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה): לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע. וְעַל־יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ', אִי אָזֵל - מוּטָב, וְאִם לָאו - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קידושין דף ל:): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית־הַמִּדְרָשׁ, כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת נ, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת ח, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח וְהַנ, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל (*), וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הושע יד): כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דַּרְכֵי ה', הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל־יְדֵי־זֶה. וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל:

**וְעַל־יְדֵי־זֶה** נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ; אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ וְהַח כַּנַּ"ל וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל־כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה יַעֲלַת חֵן (משלי ה), וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. וְזֶה בְּחִינַת ת, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת "חֵן", עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת תָּי"ו, שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל ט): וְהִתְוִיתָ תָּו, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו. נִמְצָא, שֶׁבְּחִינַת הַ"חֵן" חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ; וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּי"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קהלת ט): דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. **נַחַת** דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת חֵן הַנַּ"ל וְהַת הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת **נַחַת**, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:

(א) עי' זוהר פנחס רמ"ח ע"ב ובתיקונים תיקון סה. (ב) עי' תיקון חית. (ג) עי' רש"י ועי' זוהר וישב קע"ט ובמ"ר קהלת ובנדרים ל"ב ע"ב. *) רש"י בראשית כ"ה פסוק כ"ג.

די ליכטיגקייט פון די זון, וויבאלד די די זון שיינט אריין אין די לבנה, [דאס הייסט, אז דער מענטש וואס איז א בחינה פון די 'לבנה' (-אז ער האט נישט קיין שום אייגענע שכל - 'אור'), איז זוכה צו די 'אור' פון די 'שכל']; קומט אויס אז דורך 'נון' - 'לבנה', איז מען זוכה צו די ליכטיגקייט פון די 'חית' - 'שמש', און דאס באלייכט אלע וועגן[כו].

**בקיצור:** צוליב די גרויסע ליכטיגקייט פון די שכל קען מען נישט זוכה זיין דערצו, בלויז דורכדעם וואס מען האט די מדה פון מלכות (-אמונה) ❖ די מלכות איז א בחינה פון די לבנה ❖ די מלכות-לבנה איז מרומז אין די אות 'נו"ן' ❖ ווען מען איז זוכה צו די מדה פון מלכות, איז מען זוכה אז די שכל - די זון שיינט אריין אין (דעם מענטש וואס ער איז א בחינה פון) די לבנה, און מ'איז זוכה צו דעם אור פון די 'שכל'.

### דער יצר הרע - עשיו - 'מלכות הרשעה' לאזט נישט - זיך מתבונן זיין אין די געטליכע 'חיות' פון יעדע זאך, נאר נאכצוגיין די גשמיות

**אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר** אבער א מענטש וואס בינדט זיך נישט אן אין די פנימיות'דיגע 'שכל' און 'חכמה' און 'חיות' פון יעדע זאך [-אז ער זוכט נישט וויאזוי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן דורך די שכל וואס איז באהאלטן אין יעדע זאך, נאר ער וויל בלויז - די חיצוניות און די גשמיות פון אלע זאכן פון די וועלט], **זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו** דער מענטש איז די בחינה פון עשיו[כז], **שֶׁבִּזָּה אֶת הַבְּכוֹרָה** וואס עשיו האט פארשעמט די 'בכורה', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (בראשית כה): "**וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכוֹרָה**" - "עשיו האט פארשעמט די בכורה", **דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל** וואס די 'בכורה' ווייזט אויף די הייליגע 'שכל', ווי אויבנדערמאנט[כח].

**בְּחִינַת** און אט די מדה פון עשיו איז מרומז אין דעם פסוק (משלי יח): "**לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ**" - "דער נאר וויל נישט זוכה זיין צו חכמה [-אז ער זוכט נישט זיך צו מקשר זיין צו די פנימיות'דיגע הייליגע 'שכל' פון יעדע זאך], נאר פארקערט - ער וויל בלויז נאכגיין וואס עס איז אפן פאר זיין הארץ [-די אלע פראסטע תאוות, און די חיצוניות'דיגע גשמיות פון יעדע זאך, וואס זיין הארץ זעט און גלוסט]".

**וְזֶה** און דער ענין - פון נישט וועלן זיך מקשר זיין צו די שכל פון יעדע זאך, דאס איז **בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה** די בחינה פון די 'מלכות הרשעה' [-דאס קומט פון די שלעכטע 'מלכות' פון די 'סטרא אחרא'], (וואס איז פארקערט ווי די אויבנדערמאנטע 'מלכות דקדושה').

[כט]**בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא אַחֲרָא** און אט די 'מלכות הרשעה' איז א בחינה פון די 'לבנה', וואס באלאנגט פאר די 'סטרא אחרא' (וואס איז פארקערט ווי די אויבנדערמאנטע 'לבנה דקדושה'); א ראיה אז ס'איז דא אזא באגריף ווי א לבנה פון 'סטרא אחרא': **שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר** ווייל אויף די שלעכטע לבנה זאגט דער נביא (ישעי' כד): **וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ'** - "די 'לבנה' וועט זיך שעמען לעתיד לבא", פארשטייט מען, אז עס איז דא א 'לבנה' פון די 'סטרא אחרא' (און דערפאר וועט זי זיך שעמען לעתיד לבא, פארקערט פון די הייליגע 'לבנה', וואס לעתיד לבא וועט זיין איר ליכטיגקייט אזוי ווי די ליכטיגקייט פון די זון, ווי ערקלערט אויבן).

**וְזֶה** און די צוויי בחינות - די 'מלכות דקדושה' וואס ברענגט אנצוקומען צו די ליכטיגע 'שכל', און די 'מלכות דסטרא אחרא' וואס זוכט תאוות עולם הזה, און פארשעמט די הייליגע 'שכל', זיי זענען **בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרַע** די בחינה פון דער יצר טוב, מיט דעם יצר הרע[ל].

א ראיה אז דער יצר טוב' איז די 'מלכות דקדושה':

**כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא** ווייל דער יצר טוב ווערט אנגערופן אין פסוק (קהלת ד'): "**מִסְכֵּן וְחָכָם**" אז ער איז ווי א 'ארימאן' און א 'חכם', **בְּחִינַת מַלְכוּת** און די טיטלען - 'ארימאן' און 'חכם', זענען מרמז אויף די מדה פון די 'מלכות דקדושה', **שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם** ווייל די מלכות איז 'ארים' פון שכל - אז זי האט נישט קיין שום אייגענע 'אור' און אייגענע 'שכל', **כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה** בלויז די 'אור' וואס זי איז מקבל פון די 'חכמה' [וואס שיינט אריין אין איר א 'אור' פון 'שכל'], און דעריבער - פון איין זייט ווערט די מלכות אנגערופן 'ארימאן', וויבאלד איר 'מהות' איז, אז זי איז ארים און ליידיג פון חכמה, אבער וויבאלד די חכמה שיינט אריין אין די 'מלכות', ווערט זי אויך אנגערופן 'חכם'; און צוליב דעם איז דער יצר טוב א בחינה פון די **'מלכות דקדושה'** (-וואס איז 'ארים' און 'קלוג'), **ווייל דער יצר טוב איז א "מסכן וחכם"**.

---

הערות

**כו.** פון דעם וואס מיר האבן געלערנט ביז אהער פארשטייט מען, אז די וועג צו זוכה זיין צו 'חן' איז, אז מען זאל ארבעטן אנצוקומען צו (די מדה פון 'מלכות', וואס דאס איז-) די 'נו"ן', און דורכדעם וועט ער זוכה זיין אז די ('אור השכל', וואס דאס איז די-) 'חי"ת' - זאל ארייַנשיינען אין די 'נו"ן', און ווען ס'ווערט צונויפגעשטעלט די 'חי"ת' מיט די 'נו"ן' - ווערט די ווארט: 'חן'.

דער רבי וועט אבער ממשיך זיין ווייטער, אז ס'איז גארנישט אזוי פשוט זוכה צו זיין צו 'מלכות'-'נו"ן', און ער וועט אויספירן אז די עצה דערצו איז - צו לערנען 'תורה', און דערמיט וועט מען פארשטיין וואס מיר האבן געלערנט פריער, אז דורך 'תורה' איז מען זוכה צו 'חן'.

**כז.** וואס 'עשיו' איז פונקט די פארקערטע פון 'יעקב', וואס ווי ערקלערט אויבן - האט ער זוכה געווען צו די בכורה (וואס דאס איז מרמז אויף 'חכמה' און 'שכל דקדושה') (ביאור הליקוטים).

**כח.** און די כוונה פונעם פסוק איז, אז עס איז נישט געווען חשוב ביי עשיו, צו זיין א 'בכור' (וואס דאס מיינט - זיך צו מתבונן זיין אין די 'שכל דקדושה), דערפאר האט ער גערן פארקויפט די בכורה פאר יעקב, פאר אביסל גשמיות'דיגע תאוות - געקאכטע רויטע לינזן.

**כט.** ווי ערקלערט אויבן (הערה כה, כו), איז די באדייט פון די מדה פון 'מלכות', אז 'לית לה מגרמה כלום' - זי האט נישט קיין שום אייגענע 'אור' - 'שכל', און וויבאלד עשיו זוכט נישט די שכל פון יעדע זאך, דערפאר איז ער אויך די בחינה פון 'מלכות', נו אויב אזוי שטעלט זיך די שאלה - וואס איז די חילוק צווישן 'מלכות דקדושה און 'מלכות דסטרא אחרא', לכאורה ביידע האבן דאך נישט די 'שכל דקדושה'?

דער אמת איז אבער, אז אין די צייט וואס די 'מלכות דקדושה' ווייזט אויף 'אמונה' - צו גלייבן אז עס איז זיכער יא דא א באהאלטענע שכל אין יעדע זאך, און כאטש מען האט 'נאכנישט' זוכה געווען צו די שכל דקדושה, זאל מען 'וועלן' און 'בענקען' צו זוכה זיין צו די 'אור' פון די שכל, איז אבער די 'מלכות דסטרא אחרא' געגנוי די פארקערטע - אז זי וויל זיך נישט מתבונן זיין אין די הייליגע שכל, און זי איז מזלזל אין די שכל, און לייקנט דערין אינגאנצן (ליקוטי הלכות פקדון ד' יא; יט).

**ל.** דאס הייסט, אז די בחינות פון די 'מלכות דקדושה' און די 'מלכות דסטרא אחרא' געפינען זיך באמת אין יעדער איד - פון איין זייט איז דא אינעם מענטש א כח נישט נאכצוגיין די פראסטע תאוות וואס מען זעט מיט די אויגן, נאר צו פרובירן זיך צו מקשר זיין מיט די הייליגע פנימיות'דיגער 'שכל' וואס ליגט פארבארגן אין יעדע זאך. און פון די אנדערע זייט, איז דא דער כח פון יצר הרע, וואס ציהט דעם מענטש, יא צו נאכלויפן נאך די אלע הבלי עולם הזה, און זען בלויז די חיצוניות פון יעדע זאך (זע ביאור הליקוטים).

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּנָה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

**תְּמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה':** (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**כִּי** אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל, וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ח): חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תיקונים תיקון יד, זוהר משפטים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קיא): רֵאשִׁית חָכְמָה. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית כז): וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: וְחַכְּמַנִי. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ. וְזֶה בְּחִינַת (משלי ד): וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. וְזֶה בְּחִינַת חֵית, לְשׁוֹן חִיּוּת (א), כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ז): הַחָכְמָה תְּחַיֶּה וְכוּ':

**אַךְ** מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת נוּן, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב): לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ. (זוהר ויחי דף רלח. ודף רמט:) וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל, וְנַעֲשָׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

**אֲבָל** מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כה): וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה, דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל בְּחִינַת (משלי יח): לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר (ישעיה כד): וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ' (ב):

**וְזֶה** בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא מִסְכֵּן וְחָכָם (קהלת ד') (ג), בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל (שם), בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה): לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע. וְעַל־יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ', אִי אָזֵל - מוּטָב, וְאִם לָאו - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קידושין דף ל:): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית־הַמִּדְרָשׁ, כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת נ, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת ח, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח וְהַנ, וְנַעֲשָׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל (*), וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הושע יד): כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דַּרְכֵי ה', הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל־יְדֵי־זֶה. וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל:

**וְעַל־יְדֵי־זֶה** נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ; אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ וְהַח כַּנַּ"ל וְנַעֲשָׂה חֵן, וְעַל־כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה יַעֲלַת חֵן (משלי ה), וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. וְזֶה בְּחִינַת ת, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת "חֵן", עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת תָּי"ו, שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל ט): וְהִתְוִיתָ תָּו, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו. נִמְצָא, שֶׁבְּחִינַת הַ"חֵן" חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ; וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּי"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קהלת ט): דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. **נַחַת** דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת **חֵן** הַנַּ"ל וְהַ**ת** הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת **נַחַת**, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:

(א) עי' זוהר פנחס רמ"ח ע"ב ובתיקונים תיקון סה. (ב) עי' תיקון חית. (ג) עי' רש"י ועי' זוהר וישב קע"ט ובמ"ר קהלת ובנדרים ל"ב ע"ב. *) רש"י בראשית כ"ה פסוק כ"ג.

א ראיה אז דער ׳יצר הרע׳ איז די ׳מלכות דסטרא אחרא׳:

**וְיֵצֶר הָרַע נִקְרָא** ווייל דער יצר הרע ווערט אנגערופן אין פסוק (שם): **״מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל״** אז ער איז א ׳קעניג׳ וואס איז ׳אלט׳ און א ׳נאר׳, און די טיטלען ׳מלך׳ **און** ׳כסיל׳ זענען **בְּחִינַת מַלְכוּת דִּסְטְרָא אַחֲרָא** די בחינה פון די ׳**מלכות** דסטרא אחרא׳, ווייל די ׳מלכות דסטרא אחרא׳ איז **בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ׳ כַּנַּ״ל** די בחינה פון דעם פסוק ״לא יחפוץ כסיל **בתבונה**״, וואס דאס גייט ארויף אויף די ׳מלכות דסטרא אחרא׳, ווי אויבנדערמאנט [אז די כוונה איז: דער ׳כסיל - דער נאר׳ ווייל נישט זוכה זיין צו די הייליגע ׳שכל׳]; און דערפאר איז דער יצר הרע (-וואס איז א ״**מלך**״ **און א** ״כסיל״), די בחינה פון די ׳מלכות דסטרא אחרא׳ (-וואס איז אויך א **׳מלכות׳ פון** ׳כסילות׳)[לא].

**בקיצור:** אויב מען זוכט נישט, זיך צו מקשר זיין אין די הייליגע ׳שכל׳, איז דאס די מדה פון עשיו ❖ און דאס איז א בחינה פון די ׳מלכות הרשעה - לבנה דסטרא אחרא׳ ❖ דער יצר טוב איז די ׳מלכות דקדושה׳, און דער יצר הרע איז די ׳מלכות דסטרא אחרא׳.

### ווען מ׳לערנט תורה מיט אלע כחות - גיבט מען כח פאר׳ן יצר טוב, און מ׳איז מכניע דעם יצר הרע

[לב]**וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** און יעדער איד דארף גיבן כח פאר דעם ׳יצר טוב׳, וואס איז די בחינה פון די ׳מלכות דקדושה׳, **לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דִּסְטְרָא אַחֲרָא** אז זי זאל זיך קענען שטארקן איבער דעם ׳יצר הרע׳ וואס איז די בחינה פון די ׳מלכות דסטרא אחרא׳, א ראיה דערויף: **וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** ווי די חז״ל זאגן אין גמרא (ברכות ה.): **לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרַע** - א מענטש דארף אלעמאל זען צו געבן כח פאר׳ן יצר טוב, אז ער זאל קענען מנצח זיין די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, זעט מען, אז מען דארף טון פעולות צו געבן ׳**כח**׳ פאר די ׳**מלכות דקדושה**׳, כדי זי זאל זיך קענען שטארקן איבער די ׳מלכות דסטרא אחרא׳[לג].

**וְעַל יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** און וויאזוי קען מען גיבן כח - צו שטארקן די ׳מלכות דקדושה׳? **עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ** דורכדעם וואס מען לערנט תורה מיט כח [-אז מען שטארקט זיך צו לערנען תורה, און מען לייגט אריין אלע כחות אין די תורה][לד].

צוויי ראיות דערויף, די ערשטע ראיה:

(**כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ׳** אזוי ווי די גמרא איז ממשיך - נאך די אויבנדערמאנטע מימרא, אז מען דארף שטארקן די יצר טוב איבער׳ן יצר הרע, פירט די גמרא אויס: **אִי אָזֵל מוּטָב, וְאִם לָאו יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה** אויב האט ער גענוג געשטארקט דעם יצר טוב, אז דער יצר טוב האט מצליח געווען אין די מלחמה, און דער יצר הרע איז אוועק געגאנגען פון אים - איז גוט, און אז נישט - זאל ער עוסק זיין אין תורה, און דורכדעם וועט זיך דער יצר טוב שטארקן איבער׳ן יצר הרע[לה]).

די צווייטע ראיה:

**וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** ווי די חז״ל זאגן, אין גמרא (קידושין דף ל:): **אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה** אויב דער ׳מְנֻוָּל׳ [-דער ׳יצר הרע׳] האט דיר באגעגנט [-אז דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף דיר - דיר אריינצושלעפן אין זיינע מיאוס׳ע תאוות], איז די עצה דערויף: **מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ** שלעפ אים אריין אין בית המדרש [-צו לערנען תורה, וואס דאן פארלירט ער זיין כח], זעט מען פון די צוויי ראיות: **כִּי עַל יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** אז דורך לערנען תורה גיבט מען כח פאר די ׳מלכות דקדושה׳, און מען איז מכניע דעם יצר הרע[לו].

הערות

**לא.** דער רבי טייטשט נאָר די ערשטע און די לעצטע ווארט פונעם פסוק: ״מלך״ (-**מלכות** דסטרא אחרא), און ״כסיל״ (-לא יחפוץ **כסיל**), און ער טייטשט נישט דעם ווארט ״זקן״.

מ׳קען אבער זאגן, אז די ווארט **״זקן״** אין דעם פסוק איז א לשון פון **״זה קנה חכמה״** (ווי די חז״ל דרש׳ענען קידושין לב:), דאס הייסט, אז מען פארמאגט שוין די חכמה בשלימות, ווייל די מלכות דסטרא אחרא, כאטש וואס באמת איז זי ליידיג פון די הייליגע שכל און חכמה, שפירט זי אבער ווי די חיצוניות׳דיגע גשמיות וואס זי לויפט נאך - אז דאס איז די גאנצע חכמה, כאילו עס איז נישט דא קיין שום פנימיות׳דיגער חכמה, און דערפאר בענקט זי נישט און האפט זי נישט זוכה צו זיין צו די ליכטיגקייט פון די פנימיות׳דיגע חכמה, און טאקע דערפאר בלייבט זי א ׳כסיל׳, ווייל די חיצוניות׳דיגע גשמיות איז באמת בלויזע ׳כסילות׳.

פארקערט איז די הייליגע מלכות - אז זי שפירט ווי א ׳ארימאן׳, און בענקט צו זוכה זיין צו די פנימיות׳דיגער שכל, און דערפאר איז זי זוכה צו ווערן א ׳חכם׳, ווייל זי ווערט א כלי צו מקבל זיין די ליכטיגקייט פון די שכל.

**לב.** נאך וואס מיר האבן געלערנט, אז ס׳איז דא א ׳מלכות דסטרא אחרא׳ וואס שלאגט זיך מיט די ׳מלכות דקדושה׳, פארשטייט מען אז ס׳איז נישט אזוי לייכט, זוכה צו זיין צו די בחינה פון ׳מלכות דקדושה׳.

מיט מער פשוט׳ע ווערטער: ס׳איז גארנישט אזוי לייכט נאכצוגיין דעם ׳יצר טוב׳ (-׳מלכות דקדושה׳), ווייל דער ׳יצר הרע׳ (-׳מלכות דסטרא אחרא׳) פירט א מלחמה מיט׳ן יצר טוב, און ער לאזט נישט דעם מענטש פאלגן דעם יצר טוב.

יעצט וועט דער רבי אויספירן, וואס איז טאקע די עצה צו מכניע זיין דעם יצר הרע.

**לג.** דער טעם פארוואס עס פעלט זיך אויס צו צולייגן ספעציעלע כחות צו די זייט פונעם יצר טוב איז פארשטענדליך, וויבאלד דער יצר הרע פארמאגט - אויבנאויף - פיל שטערקערע כחות ווי דער יצר טוב, ווייל דער יצר טוב זאגט פאר׳ן מענטש, זיך צו פארמאכן די אויגן, נישט נאכצוגיין נאך די נארישקייטן און תאוות פון דער וועלט, נאר צו זוכן דעם הייליגן שכל אין יעדע זאך, און כאטש וואס דערווייל זעט ער נאכנישט קיין שום ליכטיגקייט פון די שכל, זאל ער אבער גלייבן מיט א תמימות דערין (וואס דאס איז דער באדייט פון די ׳מלכות דקדושה׳, ווי ערקלערט אויבן הערה כ,כה).

מה שאין כן דער יצר הרע ווייזט פאר׳ן מענטש אלע תאות עולם הזה, וואס דאס איז ׳גרייט׳, און ער רעדט אים איין נאכצוגיין נאך די פאלשע גליקן פון דער וועלט, וואס דאס זעט מען פאר די אויגן, קומט אויס אז דער כח פון יצר הרע איז פיל שטערקער.

דעריבער מוז מען האבן ספעציעלע כחות זיך צו קענען שטארקן קעגן אים, און נאכגיין דעם יצר טוב, אפילו ווען מען איז נאכנישט זוכה צו די ליכטיגקייט פונעם שכל.

**לד.** דער אפטייטש פון ׳תורה בכח׳ איז, אז מען מוטשעט זיך צו לערנען, טראץ וואס דער מענטש האט שוועריקייטן פון זיין גוף, און פון ארומיגע, נישט צו לערנען (עצות המבוארות). ווי אויך ליגט אין די ווערטער ׳תורה בכח׳, אז מען לייגט אריין די גאנצע מוח אין די תורה, צו פארשטיין גרונטליך און טיף די ווערטער פון די הייליגע תורה.

**לה.** אט די ערשטע ראיה איז נישט פון די ווערטער פונעם רבי׳ן אליין, נאר רבי נתן האט פארשטאנען, אז ווען דער רבי האט פריער געברענגט דעם מאמר חז״ל: ״לעולם ירגיז אדם״ וכו׳, האט ער אינזין געהאט אויך אויף דעם אויספיר פון דעם מאמר - אז די עצה דערצו איז: ״יעסוק בתורה״, און דערפאר האט ער דאס צוגעלייגט איינגערינגלט.

**לו.** די טעם פארוואס דורכ׳ן לערנען תורה מיט כח איז מען זוכה צו מכניע זיין דעם יצר הרע, און שטארקן דעם יצר טוב, איז וויבאלד די גאנצע באדייט פון די ׳מלכות דקדושה׳ - ׳יצר טוב׳, איז - נישט נאכצוגיין נאך די חיצונית׳דיגע גשמיות פון אלע זאכן אויף דער וועלט (וואס דאס איז די ׳מלכות דסטרא אחרא׳ - ׳יצר הרע׳), נאר פארקערט, גלייבן אז אין יעדע זאך ליגט באהאלטן א הייליגער רוחניות׳דיגער שכל, און אפילו מען שפירט דאס נאכנישט, דארף מען זוכן און

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

## תְמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה': (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**כִּי** אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל, וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ח): חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו. וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, כִּי יַעֲקֹב זָכָה לַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת חָכְמָה (תיקונים תיקון יד, זוהר משפטים קכא:), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים קיא): רֵאשִׁית חָכְמָה. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית כז): וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם, וְתַרְגּוּם אוּנְקְלוֹס: וְחַכְּמַנִי. וְזֶה בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ, כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא מֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו כְּמוֹ הַשֶּׁמֶשׁ. וְזֶה בְּחִינַת (משלי ד): וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. וְזֶה בְּחִינַת **חֵית**, לְשׁוֹן חִיּוּת (א), כִּי הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קהלת ז): הַחָכְמָה תְּחַיֶּה וְכוּ':

**אַךְ** מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת **נוּן**, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עב): לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: לְשׁוֹן מַלְכוּת. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ. (זוהר ויחי דף רלח. ודף רמט:) וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם, אֶלָּא מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מִן הַחֵית, שֶׁהִיא בְּחִינַת חָכְמָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ כַּנַּ"ל, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

**אֲבָל** מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו, שֶׁבָּזָה אֶת הַבְּכוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית כה): וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת הַבְּכֹרָה, דְּהַיְנוּ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל בְּחִינַת (משלי יח): לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת לְבָנָה דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁעָלֶיהָ נֶאֱמַר (ישעיה כד): וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וְכוּ' (ב):

**וְזֶה** בְּחִינַת יֵצֶר טוֹב וְיֵצֶר הָרָע, כִּי הַיֵּצֶר טוֹב נִקְרָא מִסְכֵּן וְחָכָם (קהלת ד') (ג), בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמַהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה. וְיֵצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל (שם), בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִתֵּן כֹּחַ לִבְחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהִתְגַּבֵּר עַל מַלְכוּת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות ה): לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע. וְעַל־יְדֵי מָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁהוּא עוֹסֵק בְּכֹחַ (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה שָׁם: לְעוֹלָם יַרְגִּיז וְכוּ', אִי אָזֵל - מוּטָב, וְאִם לָאו - יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה), וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קידושין דף ל:): אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה, מָשְׁכֵהוּ לְבֵית־הַמִּדְרָשׁ, כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת **נ**, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת **ח**, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח וְהַנ, וְנַעֲשֶׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל (*), וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (הושע יד): כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ה' וְצַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דַּרְכֵי ה', הַיְנוּ הַתּוֹרָה, עַל־יְדֵי־זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל־יְדֵי־זֶה. וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם, בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנָע עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל:

**וְעַל־יְדֵי־זֶה** נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת, כִּי עִקַּר מַה שֶּׁאֵין נִתְקַבְּלִין הַבַּקָּשׁוֹת הוּא מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַדְּבָרִים חֵן, וְאֵין נִכְנָסִין בַּלֵּב שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּאִלּוּ אֵין בְּלִבּוֹ מָקוֹם שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ, מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַמְבַקֵּשׁ חֵן שֶׁיִּכָּנְסוּ הַדְּבָרִים בְּלִבּוֹ שֶׁל זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ; אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְחַבְּרִין וְנִתְקַשְּׁרִין הַנ וְהַח כַּנַּ"ל וְנַעֲשֶׂה חֵן, וְעַל־כֵּן נִקְרֵאת הַתּוֹרָה יַעֲלַת חֵן (משלי ה), וַאֲזַי זוֹכֶה שֶׁדְּבָרָיו הֵם דִּבְרֵי חֵן, וַאֲזַי נִתְקַבְּלִין דְּבָרָיו וּבַקָּשׁוֹתָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמְּדַבֵּר דִּבְרֵי חֵן, שֶׁנִּכְנָסִין הַדְּבָרִים בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ, דְּהַיְנוּ זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ. וְזֶה בְּחִינַת **ת**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁנִּתְחַבְּרוּ וְנִתְקַשְּׁרוּ הַחֵי"ת וְהַנּוּ"ן וְנַעֲשָׂה בְּחִינַת "חֵן", עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת **תָּ"ו**, שֶׁהוּא לְשׁוֹן חֲקִיקָה וּרְשִׁימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל ט): וְהִתְוִיתָ תָּו, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נֶחְקָק וְנִרְשָׁם מָקוֹם בְּלֵב הַמִּתְבַּקֵּשׁ לְקַבֵּל הַבַּקָּשָׁה, כִּי עַל־יְדֵי הַחֵן נִתְקַבְּלוּ דְּבָרָיו. נִמְצָא, שֶׁבְּחִינַת הַ"חֵן" חָקַק מָקוֹם בְּלֵב זֶה שֶׁמְּבַקְשִׁין מִמֶּנּוּ, כְּדֵי שֶׁיִּכָּנְסוּ דְּבָרָיו בְּלִבּוֹ, וִיקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ; וְהַחֲקִיקָה וּרְשִׁימָה זֶה בְּחִינַת תָּ"ו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (קהלת ט): דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים. **נַחַת** דַּיְקָא, הַיְנוּ בְּחִינַת **חֵן** הַנַּ"ל **וְהַת** הַנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה אוֹתִיּוֹת **נַחַת**, וְאָז נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו וְנִתְקַבֵּל בַּקָּשָׁתוֹ כַּנַּ"ל:

(א) עי' זוהר פנחס רמ"ח ע"ב ובתיקונים תיקון סה. (ב) עי' תיקון חית. (ג) עי' רש"י ועי' זוהר וישב קע"ט ובמ"ר קהלת ובנדרים ל"ב ע"ב. *) רש"י בראשית כ"ה פסוק כ"ג.

יעצט פירט דער רבי אויס, וואס פאסירט ווען די 'מלכות דקדושה' האט כח:

**וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת 'נוּן', חַיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת 'חֵית'** דאן איז די 'מלכות' [וואס זי איז א בחינה פון די אות 'נו"ן'] מקבל ליכטיגקייט און חיות פון די 'חכמה' - וואס איז א בחינה פון די אות 'חי"ת', **וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַחֵ' וְהַנ'** און דאן ווערט באהאפטן און פארבינדן די אות ח', מיט די אות נ' [-אז די 'חכמה' שיינט אריין אין די 'מלכות', און די 'מלכות' ווערט איינס מיט די 'חכמה'], **וְנַעֲשָׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה** און דאן ווערט די ליכטיגקייט פון די 'לבנה' (וואס איז מרמז אויף די 'מלכות', ווי אויבנדערמאנט) די זעלבע גרויס - ווי די ליכטיגקייט פון די 'זון' (וואס איז מרמז אויף די 'חכמה')[לז].

[לח]**וּכְשֶׁזֶּה קָם זֶה נוֹפֵל** און דער כלל איז, אז ווען די 'צד הקדושה' ווערט אויפגעשטעלט און באפעסטיגט, פאלט די 'סטרא אחרא' אויטאמאטיש אראפ[לט], און די זעלבע פאסירט מיט די 'מלכות', אז ווען די 'מלכות דקדושה - יצר טוב' ווערט אויפגעהויבן און באפעסטיגט - **וַאֲזַי נוֹפֵל וְנִתְבַּטֵּל מַלְכוּת הָרְשָׁעָה** דאן פאלט אראפ די 'מלכות הרשעה', און זי ווערט אינגאנצן בטל.

א ראיה, אז דורך תורה ווערט שטארק די 'מלכות דקדושה', און די 'מלכות דסטרא אחרא' ווערט בטל:

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי ס'שטייט אין פסוק (הושע י"ד): **"כִּי יְשָׁרִים דַּרְכֵי ד', צַדִּיקִים יֵלְכוּ בָם וּפֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם"** - "די וועגן פון השי"ת [-די תורה און מצוות] זענען ריכטיג און גלייך, און די צדיקים וועלכע פאלגן די תורה ומצוות וועלן גיין דורך די תורה אין די אמת'ע און אייביגע וועג, און די רשעים וועלכע פאלגן נישט די תורה ומצוות, וועלן ווערן געשטרויכלט און צוקלאפט דורך דעם וואס זיי פאלגן נישט די תורה", **הַיְנוּ** דאס מיינט, **עַל יְדֵי דַּרְכֵי ד', הַיְנוּ הַתּוֹרָה** אז דורכדעם וואס מען לערנט די תורה, וואס ווערט אנגערופן "דרכי ד' - די וועגן פון השי"ת"[מ], **עַל יְדֵי זֶה הַצַּדִּיקִים שֶׁדְּבֵקִים בְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** דאס ברענגט צו, אז די צדיקים וועלכע זענען דבוק אין די 'מלכות דקדושה' [ד.מ. אז זיי 'ווילן' זיין דבוק אין די 'מלכות דקדושה', און דער יצר הרע שטערט זיי], **הֵם נִתְחַזְּקִים וּמְקַבְּלִים כֹּחַ עַל יְדֵי זֶה** זיי ווערן געשטארקט דורך די תורה, און זיי באקומען כח צו מצליח זיין מכניע צו זיין דעם יצר הרע, און זיין דבוק אין די 'מלכות דקדושה', (דאס איז מרומז אין די ווערטער "צדיקים ילכו בם"), **"וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם"** און אין די ווערטער "ופושעים יכשלו בם", איז מרומז - **בְּחִינַת מַלְכוּת הָרְשָׁעָה, בְּחִינַת הַיֵּצֶר הָרַע, שֶׁנּוֹפֵל וְנִכְנַע עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כַּנַּ"ל** אז די 'מלכות הרשעה' [-די 'מלכות דסטרא אחרא'], וואס דאס איז דער יצר הרע, ווערט נכנע און פאלט אראפ דורכדעם וואס מען לערנט תורה, ווי אויבן ערקלערט.

**בקיצור:** יעדער איד דארף גיבן ספעציעלע כחות פארן יצר טוב, אים צו שטארקן קעגן דעם יצר הרע ❖ דורכ'ן זיך שטארקן מיט כח צו לערנען תורה ווערט די 'מלכות דקדושה - יצר טוב' געשטארקט, און די 'מלכות הרשעה - יצר הרע' ווערט נכנע ❖ און דאן שיינט דער ח' אריין אין דעם נ', [און מען איז זוכה צו 'חן'].

---

הערות

בענקען צו זוכה זיין צו אט דעם ליכטיגן 'שכל' (ווי ערקלערט אויבן הערה כ), און א מענטש וואס וויל גיין אין די וועגן פון יצר טוב דארף זיין גרייט צוווארטן גאר א לאנגע צייט, איידער ער איז זוכה צו די 'אור' פון די 'שכל' - צו זען און שפירן א ליכטיגקייט פון רוחניות אין זיין לעבן.

אבער וויבאלד די פנימיות פון יעדע אידישע נשמה ברענט און פלאקערט צו ווערן באהאפטן צום אויבערשטן, און צו זוכה זיין צו די 'אור' פון די הייליגע 'שכל', דערפאר וואלט געווען אומדערטרעגליך צו קענען אויסווארטן אזא לאנגע צייט מיט אמונה און בענקעניש.

דערפאר האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט, און אונז געשאנקען זיין הייליגע תורה, וואס די תורה איז באמת די שורש פון אט די הייליגע שכל וואס ליגט אין יעדע זאך, ווי באקאנט אז מיט די תורה האט דער באשעפער באשאפן די גאנצע וועלט, און אין יעדע זאך פון די וועלט האט ער אריינגעלייגט א פנימיות'דיגער דעת פון די תורה, וואס דורך די 'דעת' און 'שכל' פון די תורה וואס ליגט אין יעדע זאך, קען מען דורך יעדע זאך פון די וועלט, ווערן נאנט צום אויבערשטן.

דערפאר, ווען א מענטש זעט אז ער פארלירט די כח און געדולד צו אנגיין מיט א בלויזע אמונה - צו גלייבן אז ס'איז יא דא א פנימיות'דיגער שכל אין יעדע זאך כאטש וואס ער זעט דאס נישט, און דורכדעם וויל דער יצר הרע אים איינרעדן נאכצוגיין נאך די גשמיות'דיגע תאות און די פראסטע חיצוניות פון דער וועלט, און נישט ווארטן און בענקען צו די הייליגע שכל פון יעדע זאך, איז זיין עצה, אז ער זאל לערנען 'תורה', וואס דורכדעם באקומט ער 'שוין יעצט' א געוויסע שייכות צו די 'אור' פון די 'שכל' וויבאלד די תורה איז דאך די שורש פון די 'שכל', און דורכדעם האט ער די כחות צו 'דורכשוויצן' די צייט וואס ער דארף אויסווארטן ביז ער וועט דערגרייכן צו די 'אור' פון די הייליגע 'שכל' בשלימות (ליקוטי הלכות פקדון ד', י').

דער טעם פארוואס מען דארף לערנען 'תורה בכח' איז, וויבאלד מען רעדט דאך פון א מענטש וואס איז נאך ווייט פון די הייליגע 'שכל' און 'דעת' פון די תורה, און ס'איז קלאר אז אזא מענטש האט נישט קיין געפיל אין די ליכטיגקייט און אין די זיסקייט פון די הייליגע תורה, וואס דאס איז די שורש פון די אויבנדערמאנטע הייליגע 'שכל', נאר ס'זעט אים אויס, ווי עס איז גאר שווער צו לערנען.

דערפאר איז זיין עצה, אז ער זאל זיך צוואונגען מיט כח, יא צו לערנען די תורה, און יא אריינלייגן זיין שכל אין די תורה, און דאן וועט די תורה אריינשיינען א געוואלדיגע ליכטיגקייט אין אים, אז כאטש וואס ער זעט נאכנישט און שפירט נאכנישט די פנימיות'דיגער שכל פון יעדע זאך, וועט ער אבער באקומען א כח פון 'אמונה' צו גלייבן, און פארשטיין פונדערוייטנס, אז עס איז 'יא' דא א באהאלטענער שכל אין יעדע זאך, און עס לוינט זיך צו ווארטן אויף די ליכטיגקייט, און בענקען דערצו, און נישט נאכגיין נאך די פאלשע תאות פון דער וועלט, וואס זיי זענען די פארקערטע פון די ליכטיגע שכל, וואס אט דאס איז די 'מלכות דקדושה - יצר טוב'; דערפאר פעלט אויס צו לערנען 'תורה בכח' כדי צו געבן כח פאר דעם יצר טוב, אקעגן דעם יצר הרע (באר היטב).

**לז.** פון וואס מיר האבן געלערנט ביז אהער, פארשטייט מען שוין פארוואס דורך 'תורה' איז מען זוכה צו 'חן', און דער טעם איז געבויעט ווי פאלגענד: א) ס'איז דא א 'שכל' אין יעדע זאך פון די וועלט, וואס דאס רופט זיך מיטן נאמען 'חי"ת', ב) מ'קען נישט זוכה זיין צו אט די שכל - נאר דורך 'מלכות' וואס דאס רופט זיך: 'נו"ן' (און נאר דאן שטעלט זיך צוזאם די ח' מיט די נ' - און ס'ווערט א די ווארט 'חן'), ג) ס'איז נישט אזוי לייכט אנצוקומען צו די נ' - ווייל ס'איז דא א 'מלכות דסטרא אחרא' (-'יצר הרע') וואס שלאגט זיך מיט די 'מלכות דקדושה' (-'יצר טוב'), ד) דורך 'תורה' שטארקט מען דעם 'יצר טוב' אז ער זאל קענען בייקומען דעם 'יצר הרע', וואס דאס מיינט, אז מ'איז זוכה צו די 'מלכות דקדושה' - 'נו"ן', און דאן קען די 'שכל דקדושה' - 'חי"ת' ארייננשיינען אין דעם 'נו"ן', און ס'ווערט צוזאמגעשטעלט די ווארט 'חן'; קומט אויס - אז דורך 'תורה' איז מען זוכה צו 'חן'.

**לח.** יעצט וועט דער רבי אויסשמועסן, אז ווען די 'מלכות דקדושה' איז שטארק - ווערט בטל די 'מלכות דסטרא אחרא' [פריער איז דאס נאכנישט געווארן קלאר אויסגעשמועסט], און דערנאך וועט ער ברענגען א ראיה, אז דורך תורה פאסירטביידע זאכן: די 'מלכות דקדושה' ווערט שטארק, און די 'מלכות דסטרא אחרא' ווערט בטל.

**לט.** רש"י פרשת תולדות (בראשית כה).

**מ.** די טעם פארוואס די תורה ווערט אנגערופן "דרכי ה'", קען מען פארשטיין, לויט ווי עס איז אויבן ערקלערט געווארן (הערה לז), אז די תורה איז די שורש פון די הייליגע 'שכל', וואס איז באהאלטן אין יעדע זאך פון די בריאה, קומט אויס אז דורך די תורה ווערט געפירט אלע חלקים פון די בריאה, און אלעס וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואס דאס איז די כוונה פון די אויסדרוק: "דרכי ד'" - אז אלע וועגן פון השי"ת וויאזוי ער פירט די בריאה, האבן בלויז א כח און א חיות דורך די תורה, וואס דאס איז די הייליגע 'שכל' און 'חכמה'.

בְּעֶזְרַת אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר שָׁמַיִם וָאָרֶץ קָנָה. וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ מִמִּדְבָּר מַתָּנָה. נַתְחִיל לְהַדְפִּיס חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים עַל מַאַמְרֵי רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. בִּזְכוּת זֶה נִזְכֶּה לַעֲלוֹת לְצִיּוֹן בְּרִנָּה. אֶל קִרְיַת מֶלֶךְ דָּוִד חָנָה:

# אַשְׁרֵי

## תְמִימֵי דָרֶךְ, הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה': (תהלים קיט)

**דַּע** כִּי עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְקַבְּלִים כָּל הַתְּפִלּוֹת וְכָל הַבַּקָּשׁוֹת שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים, וְהַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל נִתְעַלֶּה וְנִתְרוֹמֵם בִּפְנֵי כָּל מִי שֶׁצְּרִיכִין, הֵן בְּרוּחָנִי הֵן בְּגַשְׁמִי; כִּי עַכְשָׁו בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים חֵן וַחֲשִׁיבוּת הָאֲמִתִּי שֶׁל יִשְׂרָאֵל נָפַל, כִּי עַכְשָׁו עִקַּר הַחֲשִׁיבוּת וְהַחֵן הוּא אֶצְלָם, אֲבָל עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כִּי הַתּוֹרָה נִקְרֵאת (משלי ה): אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן, שֶׁמַּעֲלָה חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ (עירובין נד:), וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְקַבְּלִין כָּל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת:

**נא.** אין אט די לעצטע ווערטער איז ער מרמז אויף די נסיון פון יוסף הצדיק, וואס דעמאלטס האט אים אויסגעקוקט ווי דער מצב איז פינסטער און טונקל, און עס איז אים געווען גאר שווער, זיך צו שטארקן איבער׳ן נסיון, וואס דער ׳יצר הרע - מלכות הרשעה׳ האט אים ארײנגעברענגט, אבער ווי חז״ל זאגן (סוטה לו:) איז ארויפגעקומען פאר אים די צורה פון זיין פאטער ׳יעקב׳, וואס דאס מיינט, אז ער האט זיך דערמאנט אין די הייליגע מדה פון זיין טאטן, זיך צו מתבונן זיין אין די ׳שכל׳ פון יעדע זאך, און דורכדעם וואס ער האט געזוכט אפילו דארט, דעם געטליכן ׳שכל׳, האט דאס געשיינט און געלאכטן פאר אים, און אים געגעבן די כחות, זיך צו שטארקן אויפ׳ן יצר הרע, און אים מכניע זיין (פרפראות לחכמה).

**נב.** וואס ווערן געברענגט אין גמרא מסכת בבא בתרא (דף עג:).

**נג.** לויט ווי עס איז אויבן ערקלערט געווארן די מהות פונעם יצר הרע, איז פארשטענדליך די טעם פארוואס דער יצר הרע ווערט אנגערופן **״גלא״**, ווייל דאס איז א לשון פון ׳אויפגעדעקט׳ - ווייל דער יצר הרע רעדט איין די מענטשן, נאכצוגיין בלויז נאך די גשמיות וואס דאס איז ׳אויפגעדעקט׳, און מען זעט דאס מיט די אויגן, און נישט זיך צו מתבונן זיין אין די פנימיות פון יעדע זאך, און אין די ליכטיגע ׳שכל׳ וואס איז ׳באהאלטן׳ דערין [און דאס איז ווי דער לשון פונעם פסוק, וואס איז אויבן געברענגט געווארן: ״לא יחפוץ כסיל בתבונה, כי אם **בהתגלות** לבו״].

**נד.** זע מועד קטן כח ע״א, אז ׳ספון׳ איז א לשון פון חשיבות.

**נה.** כאטש וואס מיר האבן אויבן געלערנט, אז די ׳חן׳ איז צוזאמגעשטעלט פון די ׳חכמה׳ און די ׳מלכות׳ צוזאמען, אבער וויבאלד די געטליכע שכל, דאס איז די עצם ליכטיגקייט און שיינקייט, דעריבער פאדערט דאס נישט קיין עקסטרע חן, און עס איז אפילו נישט שייך צו זאגן, אז ׳די חכמה האט א חן׳, וויבאלד דאס איז די שורש פון אלע סארט חן און שיינקייט.

דערפאר ווערט דא דער ׳חן׳ אנגערופן - בלויז אויפ׳ן ׳מלכות׳, ווייל זי האט נישט קיין שום אייגענע ליכטיגקייט און ׳חן׳, נאר ווען די ליכטיגקייט פון די ׳חכמה׳ שיינט ארײן אין די ׳מלכות׳, דאן באקומט די ׳מלכות׳ א ׳חן׳, קומט אויס אז דער עיקר פון די ׳חן׳ איז - די ׳מלכות׳, ווען עס שיינט ארײן אין איר, די ליכטיגקייט פון די ׳חכמה׳.

דאס מיינט אויף למעשה, אז ווי מער ׳מיר׳ זענען זוכה צו די מדה פון די הייליגע ׳מלכות׳, אלץ מער קענען ׳מיר׳ מקבל זיין א ליכטיגקייט פון די ׳חכמה׳, און דאן קענען ׳מיר׳ זוכה זיין צו ׳חן׳ (ביאור הליקוטים).

**נו.** מען קען פארשטיין, וויאזוי דער יצר הרע פארשטעלט זיך אין מצוות, לויט ווי עס איז ערקלערט געווארן אויבן (הערה לא), די מהות פון דעם יצר טוב און דעם יצר הרע - אז דער כח פון דער יצר טוב איז, אז מען זאל בלויז בענקען צו די הייליגע ליכטיגקייט פונעם ׳שכל׳, און אפילו מען זעט דאס נאכנישט מיט די אויגן, זאל מען נישט נאכגיין די אייגענע שכל, נאר גלייבן מיט ׳אמונה׳, אז אין יעדע זאך איז באהאלטן א פנימיות׳דיגער ׳שכל׳, און האפן און ווארטן ביז מען וועט זוכה זיין דערצו, און דער יצר הרע איז פונקט די פארקערטע.

דערפאר קען זיך דער יצר הרע צומאל פארשטעלן אין מצוות - וויבאלד מען דארף זיך דאך מבטל זיין די שכל, וועט ער אײנרעדן א מענטש, ׳אינגאנצן׳ אוועקצואווארפן זיין שכל, און נאכגיין אלע תאוות ווי א בהמה, וואס דאס איז אינגאנצן די ׳פארקערטע׳ פון שכל [און באמת, טראץ וואס מען דארף זיך מבטל זיין די שכל, דארף מען אבער ׳פרובירן׳ צו אנקומען צום הייליגן שכל, און בענקען

**ועל־כן** יעקב, שהוא בחינת השכל כנ"ל, על־כן זכה לחן, כמו שכתוב (בראשית לג): כי חנני אלקים וכו'. ועל־כן ברך את השבטים בחן, כמו שכתוב (שם): הילדים אשר חנן וכו'. ובנימין לא היה אז, ועל־כן ברכו יוסף בחן, כמו שכתוב (בראשית מג): אלקים יחנך בני (ד). ודוקא יוסף היה יכול לברכו בחן, כי יוסף היה כלול ביותר מבחינת יעקב, כמו שכתוב (שם לז): אלה תלדות יעקב יוסף, כי הוא היה עקר תולדותיו, כי יעקב ויוסף כחדא חשיבי (ה). ועל־כן נאמר ביוסף (דברים לג): בכור שורו הדר לו. בכור הוא בחינת השכל כנ"ל, וזהו שורו - לשון הסתכלות, כי צריכין להסתכל בהשכל שיש בכל דבר כנ"ל. וזהו הדר לו, תרגם אונקלוס: זיו לה, לשון אור, כי השכל מאיר לו בכל דבר; אפלו במקום שהיה אפל וחשך, מאיר לו השכל, כשזוכה להסתכל על השכל שיש שם בכל דבר, ומקרב אותו להשם יתברך:

**וזה** פרוש: מה שאמר רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג): **האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה אשר אהיה:**

רשב"ם: צוציתא דנורא חורתא אש לבנה, ומלאך מזיק הוא.

**גלא** - הוא היצר הרע. **דמטבע לספינתא** הוא החן והחשיבות, לשון ספון וחשוב (ו), כי היצר הרע רוצה להטביע ולהשפיל חם ושלום, בחינת החן והחשיבות של ישראל, בחינת מלכות דקדשה. **ומתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא**, כי מתחלה היצר הרע מתלבש עצמו במצוות ומטעה את האדם כאלו מסיתו לעשות מצוה. וזהו בחינת צוציתא דנורא חורתא, אש לבנה; אף־על־פי־כן מלאך מזיק הוא. **ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה וכו'**, הינו שעקר הכנעתו של היצר הרע הוא על־ידי התורה, שהיא כלה שמותיו של הקדוש־ברוך־הוא. והתורה היא בחינת ו"ו (ז), כי הלוחות ארכן ו"ו ורחבן ו"ו (בבא בתרא יד). וזהו בחינת אלותא, דהינו מקלות, דחקיק עלה אהיה וכו', הינו שמות, בחינת התורה, שהיא בחינת ו"ו. והו"ו הוא צורת מקל, והיא כלה שמותיו של השם יתברך, הינו שהתורה הקדושה היא מכניע את היצר הרע, שרוצה לעשות את האדם משגע ממש, חס ושלום, כי בעל־עברה הוא משגע, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה (סוטה ג): אין אדם עובר עברה, אלא־אם־כן נכנס בו רוח־שטות. וכמו שהמשגעים צריכים להכותם ולשום עליהם שמות, כמו־כן ממש התורה שעוסקין הוא בחינת מקלות ושמות, שבזה מכין ומכניעין את היצר הרע, ומגרשין מן האדם את השגעון והרוח־שטות שנכנס בו בחינת ומחינן לה באלותא דחקיק עלה שמות וכו' כנ"ל (ח):

**וזהו** אשרי תמימי דרך. **אשרי** לשון הסתכלות. **תמימי דרך** בחינת (בראשית כה): ויעקב איש תם, שהוא בחינת השכל כנ"ל. הינו לזכות להסתכל על השכל שיש בכל דבר, שהוא בחינת יעקב איש תם, זה זוכין על־ידי התורה. וזהו **ההולכים בתורת ה'**, כי על־ידי שלומד תורה בכח, על־ידי זה נותן כח למלכות דקדשה, בחינת נו"ן, לקבל מן השכל, שהוא בחינת חי"ת, ואזי נעשה חן, ונתקבלים דבריו כנ"ל, ואזי נתעלה החן והחשיבות של ישראל, וכל התפלות והבקשות נתקבלים:

## ב

לשון רבנו זכרונו לברכה

## ויאמר ה' אל משה, אמר אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם, לנפש לא יטמא בעמיו: (ויקרא כא)

**איתא** בספרא דצניעותא (א), פרק ב (זוהר תרומה דף קעז.): **מנוקבא דפרדשקא משך רוחא דחיי למשיחא:**

**א כי** עקר כלי זינו של משיח הוא התפלה, שהוא בחינת חטם, כמו שכתוב (ישעיה מח): ותהלתי אחטם־לך; ומשם עקר חיותו, וכל מלחמתו שיעשה וכל הכבישות שיכבש - הכל משם, כמו שכתוב (שם יא): והריחו ביראת ה' וכו' - זה בחינת חטם, וזה עקר כלי זינו, כמו שכתוב (בראשית מח): בחרבי ובקשתי. ופרש רש"י: תפלה ובקשה. וכמו שכתוב (תהלים מד): כי לא בקשתי אבטח וכו' באלהים הללנו, (ב) בחינת תהלתי אחטם לך:

**ב וזה** הכלי זין צריך לקבל על־ידי בחינת יוסף, הינו שמירת הברית, כמו שכתוב (שם מה): חגור חרבך על ירך. (ג) וכמו שכתוב (שם קלב): מפרי בטנך אשית לכסא לך - זה בחינת משיח, בחינת תפלה. אם ישמרו בניך בריתי, הינו על־ידי בחינת יוסף. **ויוסף**, ששמר את הברית, נטל את הבכורה, שהוא בחינת עבודת התפלה *, בחינות פי שנים, כי התפלה הוא פי שנים. שנים, שיש בהם שבחו של מקום ושאלת צרכיו (ד), והוא בחינת (שם קמט): וחרב פיפיות בידם, בחינת שתי פיות, בחינת פי שנים. ונטל מראובן על־ידי שחלל יצועי אביו (ה), כי היא תלוי בשמירת הברית:

* ועל־כן יוסף בשביל שזכה לבחינת תפלה, שהיא בחינת תהלתי אחטם, בחינת חיות הנמשך מנוקבא דפרדשקא כנ"ל, על־כן נקרא בן פרת יוסף, שהם בחינת תרפ"ו אורות, שהם שבעה שמות: עב, סג, מה, בן, קסא, קנא, קמג, שעולין תרפ"ו, שמקבל מנוקבא דפרדשקא, כי "פרדשקא" בגימטריא תרפ"ו.

**ג ומי** שזכה לחרב הזה, צריך לידע איך ללחם עם החרב, שלא יטה אותה לימין או לשמאל, ושיהא קולע אל השערה ולא יחטא:

**וזה** אי אפשר אלא על־ידי בחינת משפט, כי משפט הוא עמודא דאמצעיתא (ו), - הינו שקולע עם כלי זינו אל המקום הצריך ואינו מטה לימין ולא לשמאל, אלא לאמצע. וזה בחינת (תהלים קיב): יכלכל דבריו במשפט. ובשביל זה קבל יוסף את הבכורה דוקא מיעקב, כמו שכתוב (בראשית מח): ואני נתתי לך וכו' - אני דיקא, שהוא בחינת משפט. וזה (תהלים פא): כי חק לישראל הוא, בחינת ברית, כמו שכתוב: חק בשארו שם. משפט לאלהי יעקב, הינו שצריך יוסף לקבל זאת החרב מבחינת משפט, כדי שיכלכל דבריו במשפט. וזה (שם עב): משפטיך למלך תן, שמשיח יקבל מבחינת משפט:

(ד) עי' ב"ר וישלח פ' ע"ח מקץ פ' צ"ב. (ה) עי' זוהר וישלח קע"ו ע"ב, וישב קפ"ב ע"ב. (ו) מו"ק כח. מאן חשיב מאן ספון. (ז) עי' זוהר פקודי דף רכ"ו ע"ב. (ח) עי' מ"ר קדושים תחלת פ' כ"ה. (א) עי' אד"ר נשא דף ק"ל ע"ב ובא"ז האזינו דף רפ"ט ע"א. (ב) עי' ב"ב קכג. (ג) עי' זוהר ויחי ר"מ ע"ב. (ד) עי' ברכות לא. לב. ע"ז ז. (ה) בפ' ויחי. (ו) הקדמה שניה לתיקונים (דף י"ז ע"ב).

**צוּצִיתָא דְנוּרָא חִוַּרְתָּא** און דאס איז מרומז אין די 'ווייסע פייער' [-אז אין פארנט (-אין אנהויב) זעט אויס ווי דער יצר הרע (-וואַל) איז א ווייסע (-ריינע און ליכטיגע) פייער]; און דערפאר טייטשט דער רשב"ם: **אֵשׁ לְבָנָה, אַף עַל פִּי כֵן מַלְאָךְ מַזִּיק הוּא** אז כאטש וואס ער זעט אויס ווי א ווייסע פייער, איז ער באמת א מלאך וואס שעדיגט, ווייל דורכדעם וואס ער פארנארט דעם מענטש, ווי כאילו ער וויל אז ער זאל טון א מצוה, דורכדעם קען ער אים ארייננכאפן גרינגערהייט אין זיין נעץ, און אים שעדיגן אויף אייביג.

איז רבה בר בר חנה ממשיך, וואס איז די עצה צו מכניע זיין די וואֵל - דעם יצר הרע:

**וּמְחִינַן לֵהּ בְּאַלְוָתָא דְחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶ"ה אֲשֶׁר אֶהְיֶ"ה וְכוּ'** - "מיר האבן אים געשלאגן מיט א שטעקן וואס איז אויסגעקריצט דערויף, די הייליגע שֵמות 'אהי"ה אשר אהי"ה" וכו'[נז], **הַיְנוּ** דאס איז מרמז - **שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע הוּא עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה** אז דער עיקר וועג וויאזוי צו מכניע זיין דעם יצר הרע איז דורך לערנען תורה.

וויאזוי איז די 'תורה' מרומז אין די 'שטעקענעס'[נח]?

**שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וויבאלד אלע אותיות התורה זענען באמת הייליגע 'שֵמות' פונעם אויבערשטן[נט], און נאך א ענין וואס מ'זעט ביי די תורה: **וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו** אז די תורה איז א בחינה פון די אות 'וי"ו', א ראיה דערויף: **כִּי הַלּוּחוֹת אָרְכָּן וָי"ו וְרָחְבָּן וָי"ו** ווי די גמרא זאגט (בבא בתרא יד), אז סיי די לענג פון די 'לוחות', און סיי די ברייט פון די 'לוחות' איז געווען - זעקס 'אמות', און וויבאלד וי"ו איז בגימטריא 'זעקס' זעט מען, אז די תורה איז מרומז אינעם אות וי"ו.

**וְזֶהוּ בְּחִינַת** און דיביידע זאכן וואס מיר האבן יעצט דערמאנט, סיי די 'שֵמות', און סיי די אות 'וי"ו' זענען מרומז אין די צוויי זאכן וואס רבה בר בר חנה דערמאנט, די ערשטע זאך איז: **אַלְוָתָא, דְּהַיְנוּ מַקְלוֹת** "אלוותא", וואס די באדייט דערפון איז - 'שטעקענעס', און די צווייטע זאך איז: **דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה וְכוּ', הַיְנוּ שֵׁמוֹת** אז אויף די שטעקענעס זענען געווען אויסגעקריצט די ווערטער 'אהי"ה אשר אהי"ה' וואס דאס איז 'שֵמות' פונעם אויבערשטן, און אט די ביידע זאכן [-שטעקענעס מיט 'שֵמות'], זענען **בְּחִינַת הַתּוֹרָה** די זעלבע בחינה ווי די 'תורה', **שֶׁהִיא בְּחִינַת וָי"ו** וויבאלד די תורה איז דאך די בחינה פון די אות 'וי"ו', **וְהַוָּי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל** וואס א 'וי"ו' קוקט אויס ווי א 'שטעקן', דערפאר איז די 'תורה' געגליכן צו א 'שטעקן', **וְהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** און די גאנצע תורה איז דאך אויך 'שֵמות' פונעם אויבערשטן, דערפאר קומט אויס, אז די תורה איז מרומז אין "די שטעקענעס וואס עס איז אויסגעקריצט דערויף ('שֵמות' -) 'אהי"ה אשר אהי"ה", **הַיְנוּ** און די כוונה איז: **שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע** אז די הייליגע 'תורה' (-די 'שטעקענעס' וואס האבן 'שֵמות') איז מכניע דעם 'יצר הרע' (-די 'וואַל').

פארוואס פעלט אויס דוקא 'שטעקענעס' מיט 'שֵמות' צו מכניע זיין דעם יצר הרע?

**שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם** וויבאלד דער יצר הרע וויל חס ושלום מאכן דעם מענטש אינגאנצן משוגע, **כִּי בַּעַל־עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע** ווייל איינער וואס טוט עבירות איז משוגע, קומט אויס, אז דער יצר הרע וואס רעדט איין א מענטש צו עבירות מאכט ער אים משוגע; א ראיה אז א בעל עבירה איז משוגע: **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** ווי די גמרא זאגט (סוטה ג): **אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה** אז א מענטש טוט נישט קיין עבירה, ווען זיין שכל איז קלאר, **אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת** נאר ווען עס גייט אריין אינעם מענטש א רוח פון 'שטות', דאן טוט ער די עבירה, זעט מען, אז א **בעל עבירה** איז **משוגע**[ס], און אויב אזוי דארף מען באהאנדלען א 'בעל עבירה' - מיט די זעלבע מיטלען מיט וואס מ'באהאנדלט 'משוגעים', **וּכְמוֹ שֶׁהַמְשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת** און אזוי ווי מען דארף שלאגן די משוגעים - אז ער זאל מער נישט טון זיינע משוגעת'ן, און ווי אויך דארף מען ארויפלייגן אויף זיי קמיעות מיט 'שֵמות' - זיי אויסצוהיילן פון זייער שגעון, **כְּמוֹ־כֵן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין** פונקט די זעלבע כחות פארמאגט די תורה וואס מען לערנט, **הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת** ווייל די תורה איז א בחינה פון 'שטעקענעס' און 'שֵמות' (ווי ערקלערט פריער), און דערפאר קען מען ווערן אויסגעהיילט דורך תורה, פון די שגעון פונעם יצר הרע, ווי פאלגנד: **שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע** אז דורך תורה [-דורך די כח פון 'שטעקענעס' וואס ליגט אין די תורה], שלאגט מען און מ'איז מכניע דעם יצר הרע, **וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ־שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ** און ווי אויך [-דורך די כח פון 'שֵמות' וואס ליגט אין די תורה] פארטרייבט מען פונעם מענטש, די שגעון און די רוח שטות וואס האט זיך ארייגעכאפט אין אים דורך דעם יצר הרע[סא], **בְּחִינַת וּמְחִינַן לֵהּ בְּאַלְוָתָא דְחָקִיק עֲלֵהּ שֵׁמוֹת**

הערות

דערצו, און אוודאי נישט נאכגיין נאך גשמיות, וואס דאס איז די פארקערטע פון שכל] (פרפראות לחכמה, ליקוטי הלכות פקדון ד', ד').

צומאל קען דער יצר הרע זיך פארשטעלן אין מצוות אויך פון א פארקערטער ריכטונג - וויבאלד מען דארף דאך זוכה זיין צום ליכטיגקייט פונעם 'שכל', וועט ער איינרעדן א מענטש, צו זוכן 'צופיל' שכל, אז ער זאל פרובירן צו פארשטיין זאכן וואס איז העכער פון זיין מדריגה, וואס ער וועט דאס נישט קענען פארנעמען [און באמת מוז מען זיך מצמצם זיין די שכל מיט א אמונה - וואס דאס איז די מדה פון די הייליגע 'מלכות', כדי צו קענען זוכה זיין צו מקבל זיין די ליכטיגע שכל] (ביאור הליקוטים, ליקו"ה פקדון ד, ד', י"א).

**נז.** דער רבי זאגט **וכו'**, ווייל די גמרא רעכנט אויס דארטן, נאך עטליכע שֵמות וואס זענען געווען אריינגעקריצט אין דעם שטעקן.

**נח.** כדי צו פארשטיין פארוואס די ווערטער 'אלוותא דחקיק עליה אהי"ה אשר אהי"ה' איז מרמז אויף די תורה, איז דער רבי מקדים צוויי נקודות וואס מיר געפינען ביי די תורה, און נאך די צוויי הקדמות, קומט ער צוריק, דאס צו אריינטייטשן אין די ווערטער פון רבה בר בר חנה.

**נט.** דאס איז א באקאנטער יסוד, וואס ווערט דערמאנט פילע מאל אין זוהר הקדוש, און אין נאך ספרים, אז אויב מען וועט נעמען אט די זעלבע ווערטער פון די תורה, און ארומדרייען אויף א אנדערע אויסשטעל, וועט ארויסקומען פון יעדע ווארט, הייליגע שֵמות פונעם אויבערשטן, ווי אויך זענען פילע שמות מרומז אין די ווערטער פון די תורה, דורך ראשי תיבות, גימטריאות וכדו', (הקדמת הרמב"ן על התורה).

**ס.** די הסבר דערפון איז - ווי אויבן ערקלערט, אז דער עיקר כח פון די יצר הרע, איז בלויז דורכדעם וואס ער נעמט צו די שכל פונעם מענטש, און ער דערווייטערט אים פונעם שכל דקדושה, און ער רעדט אים נאכצוגיין נאך די גשמיות'דיגע תאוות וואס זענען ווייט פון די ליכטיגקייט פון די שכל, און דורכדעם ווערט ער ממש משוגע (ווי דער אויבנדערמאנטער פסוק: "לא יחפוץ **כסיל** בתבונה כי אם בהתגלות לבו"), אבער ווען מען לערנט 'תורה' שטארקט מען די כח פון די 'מלכות דקדושה', וואס דורכדעם קען מען זוכה זיין צו די הייליגע 'שכל', און דאן ווערט דער כח פון יצר הרע אינגאנצן בטל (ווי ערקלערט אויבן).

**סא.** דער טעם פארוואס עס פעלט אויס צוויי כחות צו מכניע זיין דעם שגעון, איז וויבאלד עס זענען פארהאן צוויי חלקים פון א משוגענער, איינס - אז ער פירט זיך

ועל־כן יעקב, שהוא בחינת השכל כנ"ל, על־כן זכה לחן, כמו שכתוב (בראשית לג): כי חנני אלקים וכו'. ועל־כן ברך את השבטים בחן, כמו שכתוב (שם): הילדים אשר חנן וכו'. ובנימין לא היה אז, ועל־כן ברכו יוסף בחן, כמו שכתוב (בראשית מג): אלקים יחנך בני (ד). ודוקא יוסף היה יכול לברכו בחן, כי יוסף היה כלול ביותר מבחינת יעקב, כמו שכתוב (שם לז): אלה תלדות יעקב יוסף, כי הוא היה עקר תולדותיו, כי יעקב ויוסף כחדא חשיבי (ה). ועל־כן נאמר ביוסף (דברים לג): בכור שורו הדר לו. בכור הוא בחינת השכל כנ"ל, וזהו שורו - לשון הסתכלות, כי צריכין להסתכל בהשכל שיש בכל דבר כנ"ל. וזהו הדר לו, תרגם אונקלוס: זיו לה, לשון אור, כי השכל מאיר לו בכל דבר; אפלו במקום שהיה אפל וחשך, מאיר לו השכל, כשזוכה להסתכל על השכל שיש שם בכל דבר, ומקרב אותו להשם יתברך:

וזה פרוש: מה שאמר רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג): האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה אשר אהיה:

רשב"ם: צוציתא דנורא חורתא אש לבנה, ומלאך מזיק הוא.

גלא - הוא היצר הרע. דמטבע לספינתא הוא החן והחשיבות, לשון ספון וחשוב (ו), כי היצר הרע רוצה להטביע ולהשפיל חס ושלום, בחינת החן והחשיבות של ישראל, בחינת מלכות דקדשה. ומתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא, כי מתחלה היצר הרע מתלבש עצמו במצוות ומטעה את האדם כאלו מסיתו לעשות מצוה. וזהו בחינת צוציתא דנורא חורתא, אש לבנה; אף־על־פי־כן מלאך מזיק הוא. ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה וכו', הינו שעקר הכנעתו של היצר הרע הוא על־ידי התורה, שהיא כלה שמותיו של הקדוש־ברוך־הוא. והתורה היא בחינת וי"ו (ז), כי הלוחות ארכן וי"ו ורחבן וי"ו (בבא בתרא יד). וזהו בחינת אלותא, דהינו מקלות, דחקיק עלה אהיה וכו', הינו שמות, בחינת התורה, שהיא בחינת וי"ו. והוי"ו הוא צורת מקל, והיא כלה שמותיו של השם יתברך, הינו שהתורה הקדושה היא מכניע את היצר הרע, שרוצה לעשות את האדם משגע ממש, חס ושלום, כי בעל־עברה הוא משגע, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה (סוטה ג): אין אדם עובר עברה, אלא־אם־כן נכנס בו רוח־שטות. וכמו שהמשגעים צריכים להכותם ולשום עליהם שמות, כמו־כן ממש התורה שעוסקין הוא בחינת מקלות ושמות, שבזה מכין ומכניעין את היצר הרע, ומגרשין מן האדם את השגעון והרוח־שטות שנכנס בו בחינת ומחינן לה באלותא דחקיק עלה שמות וכו' כנ"ל (ח):

וזהו אשרי תמימי דרך. אשרי לשון הסתכלות. תמימי דרך בחינת (בראשית כה): ויעקב איש תם, שהוא בחינת השכל כנ"ל. הינו לזכות להסתכל על השכל שיש בכל דבר, שהוא בחינת יעקב איש תם, זה זוכין על־ידי התורה. וזהו ההולכים בתורת ה', כי על־ידי שלומד תורה בכח, על־ידי זה נותן כח למלכות דקדשה, בחינת נו"ן, לקבל מן השכל, שהוא בחינת חי"ת, ואזי נעשה חן, ונתקבלים דבריו כנ"ל, ואזי נתעלה החן והחשיבות של ישראל, וכל התפלות והבקשות נתקבלים:

## ב

לשון רבנו זכרונו לברכה

**ויאמר ה' אל משה, אמר אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם, לנפש לא יטמא בעמיו:** (ויקרא כא)

**איתא** בספרא דצניעותא (א), פרק ב (זוהר תרומה דף קעז.): מנוקבא דפרדשקא משך רוחא דחיי למשיחא:

**א** כי עקר כלי זינו של משיח הוא התפלה, שהוא בחינת חטם, כמו שכתוב (ישעיה מח): ותהלתי אחטם־לך; ומשם עקר חיותו, וכל מלחמתו שיעשה וכל הכבישות שיכבש - הכל משם, כמו שכתוב (שם יא): והריחו ביראת ה' וכו' - זה בחינת חטם, וזה עקר כלי זינו, כמו שכתוב (בראשית מח): בחרבי ובקשתי. ופרש רש"י: תפלה ובקשה. וכמו שכתוב (תהלים מד): כי לא בקשתי אבטח וכו' באלהים הללנו, (ב) בחינת תהלתי אחטם לך:

**ב** וזה הכלי זין צריך לקבל על־ידי בחינת יוסף, הינו שמירת הברית, כמו שכתוב (שם מה): חגור חרבך על ירך. (ג) וכמו שכתוב (שם קלב): מפרי בטנך אשית לכסא לך - זה בחינת משיח, בחינת תפלה. אם ישמרו בניך בריתי, הינו על־ידי בחינת יוסף. ויוסף, ששמר את הברית, נטל את הבכורה, שהוא בחינת עבודת התפלה *, בחינות פי שנים, כי התפלה הוא פי שנים. שנים, שיש בהם שבחו של מקום ושאלת צרכיו (ד), והוא בחינת (שם קמט): וחרב פיפיות בידם, בחינת שתי פיות, בחינת פי שנים. ונטל מראובן על־ידי שחלל יצועי אביו (ה), כי היא תלוי בשמירת הברית:

* ועל־כן יוסף בשביל שזכה לבחינת תפלה, שהיא בחינת תהלתי אחטם, בחינת חיות הנמשך מנוקבא דפרדשקא כנ"ל, על־כן נקרא בן פורת יוסף, שהם בחינת תרפ"ו אורות, שהם שבעה שמות: עב, סג, מה, בן, קסא, קנא, קמג, שעולין תרפ"ו, שמקבל מנוקבא דפרדשקא, כי "פרדשקא" בגימטריא תרפ"ו.

**ג** ומי שזכה לחרב הזה, צריך לידע איך ללחם עם החרב, שלא יטה אותה לימין או לשמאל, ושיהא קולע אל השערה ולא יחטא:

וזה אי אפשר אלא על־ידי בחינת משפט, כי משפט הוא עמודא דאמצעיתא (ו), - הינו שקולע עם כלי זינו אל המקום הצריך ואינו מטה לימין ולא לשמאל, אלא לאמצע. וזה בחינת (תהלים קיב): יכלכל דבריו במשפט. ובשביל זה קבל יוסף את הבכורה דוקא מיעקב, כמו שכתוב (בראשית מח): ואני נתתי לך וכו' - אני דיקא, שהוא בחינת משפט. וזה (תהלים פא): כי חק לישראל הוא, בחינת ברית, כמו שכתוב: חק בשארו שם. משפט לאלהי יעקב, הינו שצריך יוסף לקבל זאת החרב מבחינת משפט, כדי שיכלכל דבריו במשפט. וזה (שם עב): משפטיך למלך תן, שמשיח יקבל מבחינת משפט:

(ד) עי' ב"ר וישלח פ' ע"ח מקץ פ' צ"ב. (ה) עי' זוהר וישלח קע"ו ע"ב, וישב קפ"ב ע"ב. (ו) מו"ק כח. מאן חשיב מאן ספון. (ז) עי' זוהר פקודי דף רכ"ו ע"ב. (ח) עי' מ"ר קדושים תחלת פ' כ"ה. (א) עי' אד"ר נשא דף ק"ל ע"ב ובא"ז האזינו דף רפ"ט ע"א. (ב) עי' ב"ב קכג. (ג) עי' זוהר ויחי ר"מ ע"ב. (ד) עי' ברכות לא. לב. ע"ז ז. (ה) בפ' ויחי. (ו) הקדמה שניה לתיקונים (דף י"ז ע"ב).

**וְכוּ' כַּנַּ"ל** און דאס איז מרומז אין די אויבנדערמאנטע ווערטער: "מיר האבן געשלאגן די וואַל (-יצר הרע) מיט א שטעקן וואס איז אויסגעקריצט דערויף 'שֵׁמוֹת' (-וואס דאס איז די תורה)"[סב].

**בקיצור:** די אויבנדערמאנטע חידושים זענען מרומז אין די מאמר פון רבה בר בר חנה ❖ דער יצר הרע וויל דערטרענקען די חן פון אידן ❖ דער יצר הרע פארנארט דעם מענטש אין אנהויב, ווי ער וויל אים איינרעדן צו טון א מצוה ❖ דער יצר הרע וויל מאכן דעם מענטש אינגאנצן משוגע ❖ די עצה דערויף, איז צו לערנען תורה וואס האט אין זיך די כח פון 'שטעקענעס', און די כח פון 'שֵׁמוֹת', וואס דורכדעם איז מען מכניע דעם יצר הרע, און מ'טרייבט ארויס די שגעון פונעם מענטש.

**אלע ענינים פון די תורה - אריינגעטייטשט אין פסוק: "אשרי תמימי דרך"**

**וְזֶהוּ: "אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ"** און דאס איז מרומז אינעם פסוק: "אשרי תמימי דרך" (מיט וואס דער רבי האט אנגעהויבן די תורה), ווי פאלגנד: **"אַשְׁרֵי" לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת** די ווארט "אשרי" איז א לשון פון 'אריינקוקן'[סג] [-'זיך מתבונן זיין'], **"תְמִימֵי דָרֶךְ" בְּחִינַת וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם** און די ווערטער "תמימי דרך", זענען מרמז אויף 'יעקב', ווי מיר טרעפן אז 'יעקב' ווערט אנגערופן אין פסוק (בראשית כה): א "איש תם", **שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל** וואס 'יעקב' האט דאך זוכה געווען צו די 'שכל', ווי אויבנדערמאנט, קומט אויס, אז די ווערטער "תמימי דרך" זענען מרמז אויפ'ן שכל[סד][סה].

**הַיְנוּ** דאס הייסט, אז דער פסוק ווערט זיך טייטשן ווי פאלגנד: **לִזְכּוֹת לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, שֶׁהוּא בְּחִינַת יַעֲקֹב אִישׁ תָּם** אז כדי צו זוכה זיין 'אריינצוקוקן' (-וואס דאס איז "אשרי"), אין די געטליכע שכל פון יעדע זאך (-וואס דאס איז "תמימי", וואס איז מרמז אויפ'ן שכל - די מדה פון יעקב איש 'תם'), **זֶה זוֹכִין עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה** זוכה צו זיין דערצו, קען מען בלויז דורכ'ן לערנען תורה, **וְזֶהוּ: "הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'"** און דאס פירט דער פסוק אויס: "ההולכים בתורת ד'" - אז כדי צו זוכה זיין, צו "אשרי תמימי דרך" (-זיך צו מתבונן זיין אין די שכל פון יעדע זאך), דארף מען גיין אין די תורה פון השי"ת, **כִּי עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּכֹחַ, עַל יְדֵי זֶה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, בְּחִינַת נוּ"ן, לְקַבֵּל מִן הַשֵּׂכֶל, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֵי"ת** ווייל דורכדעם וואס מען לערנט תורה מיט אלע כחות, גיבט מען כח פאר די 'מלכות דקדושה', וואס איז די בחינה פון די אות 'נון' - אז זי זאל קענען מקבל זיין די 'אור' פון די 'שכל', וואס איז די בחינה פון די אות 'חית'[סו].

פירט דער רבי אויס: **וַאֲזַי** און דאן - ווען די 'נון' איז מקבל פון די 'חית' **נַעֲשֶׂה חֵן** ווערט צוזאמגעשטעלט די ווארט 'חן', און דאן ווערט נמשך אויף אים א געטליכער 'חן', **וְנִתְקַבְּלִים דְּבָרָיו כַּנַּ"ל** און דאן ווערן זיינע אלע ווערטער און בקשות אנגענומען, ווי ערקלערט אויבן. קומט אויס: **וַאֲזַי** אז דאן ווען מען לערנט תורה **נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל** ווערט דערהויבן די חן און די חשיבות פון אידן, **וְכָל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת נִתְקַבְּלִים** און אלע תפלות און בקשות ווערן אנגענומען.

**בקיצור:** אין די פסוק "אשרי תמימי דרך" איז מרומז, אז דורכ'ן לערנען תורה מיט כח, איז מען זוכה צו קוקן אין די שכל פון יעדע זאך.

## עצות אויף למעשה

**א)** לימוד התורה פארמאגט אין זיך א געוואלדיגע סגולה, אז מען באקומט א געטליכע 'חן' און א 'חשיבות', סייביים אויבערשטן, און סיי ביי אנדערע מענטשן, און דאן ווערן אנגענומען אלע זיינע תפלות און בקשות וואס ער בעט.

הערות

אויף משוגע, וויבאלד זיין פארדרייטער שכל זאגט אים אז דאס איז נארמאל, און דערויף דארף מען אים גיבן 'קמיעות' און 'שֵׁמוֹת' אים אויסצוהיילן פון זיין 'רוח שטות'.

צווייטנס - צומאל איז דא זאכן, וואס אפילו זיין פארדרייטער שכל פארשטייט אויך אז דאס איז נישט נארמאל, אבער צוליב זיין שגעון קען ער זיך נישט איינהאלטן דאס נישט צו טון, און אויף די סארט זאכן דארף מען אים 'שלאגן' אז ער זאל דאס מער נישט טון.

פונקט די זעלבע שפילט זיך אפ לגבי די רוחניות'דיגע משוגעת'ן פון דעם יצר הרע, אז אין אנהויב פארנארט ער דעם מענטש, אז ער זאל מיינען אז דאס איז גאר א מצוה, און דערנאך רעדט ער אים איין צו טון זאכן, וואס דער מענטש פארשטייט אויך אז עס איז א עבירה און א שגעון.

די תורה הקדושה האט ביידע כחות, סיי צו גיבן דעם קלארן דעת פאר'ן מענטש, צו וויסן וואס איז א מצוה און וואס איז א עבירה (וואס דאס איז די כח פון 'שֵׁמוֹת'), און סיי די כח פון גיבן יראת שמים פארן מענטש, אז ער זאל נישט טון קיין עבירות (וואס דאס איז די כח פון 'שטעקענעס') (פרפראות לחכמה).

**סב.** א תמצית פון די גאנצע מאמר פון רבה בר בר חנה, מיט די פשט פונעם רבי'ן: **"האי גלא"** = דער יצר הרע, **"דמטבע לספינתא"** = וואס וויל דערנידערן די 'חן' און 'חשיבות' פון כלל ישראל, **"מתחזי כי צוציתא דנורא חוורתאברישא"** = זעט אויס אין אנהויב ווי ער וויל צורעדן צו מצוות, **"ומחינן ליה באלוותא דחקיק עליה אהי"ה אשר אהי"ה"** = און מען איז מכניע דעם יצר הרע דורך די תורה.

**סג.** אזוי ווי ס'איז אויבן ערקלערט געווארן אויפ'ן פסוק: **"בכור שורו הדר לו"**, אז **"שורו"** איז א לשון פון 'אריינקוקן' (זע הערה נ).

**סד.** דער הייליגער 'שכל' ווערט דא אנגערופן 'תמימות', וויבאלד עס איז נישט מעגליך צו מקבל זיין די ליכטיגקייט פון די שכל, בלויז דורך די 'מלכות', וואס דאס מיינט, אז מען לייגט אוועק די אייגענע שכל, און מען באנוצט זיך בלויז מיט ריינע אמונה און תמימות (ווי ערקלערט אויבן הערה כ), און טאקע דערפאר ווערט יעקב אבינו אנגערופן "איש תם", טראץ וואס ער איז דער סימבאל פון שכל, וויבאלד די כלי צו די שכל איז 'תמימות' (פרפראות לחכמה).

**סה.** לויט אט די רמז אין פסוק, ווערט זיך אויסטייטשן "תמימי **דרך**" - אז די שכל שיינט פאר'ן מענטש אין אלע זיינע **וועגן**, אים צו מקרב זיין צום אויבערשטן פון יעדע פלאץ און יעדע מצב, ווי אויבן ערקלערט.

**סו.** די אפטייטש פון די ווארט **"ההולכים"** בתורת ד', איז אזוי ווי די פשט פונעם פסוק (ויקרא כו): "אם בחקותי **תלכו**", וואס חז"ל ערקלערן (תו"כ, מובא ברש"י), אז די כוונה פון די ווארט 'תלכו' [-גיין] איז, אז מ'זאל זיך פלאגן אויף די תורה, די זעלבע ווערט זיך טייטשן דא ביי אונז דער ווארט **"ההולכים"** - די וואס פלאגן זיך "בתורת ה'", ווייל ווי ערקלערט אויבן, פעלט אויס זיך צו פלאגן און אריינלייגן אלע כחות אין לימוד התורה, און דורכדעם גיבט מען כח פאר די מלכות דקדושה (פרפראות לחכמה).

**ועל־כן** יעקב, שהוא בחינת השכל כנ"ל, על־כן זכה לחן, כמו שכתוב (בראשית לג): כי חנני אלקים וכו'. ועל־כן ברך את השבטים בחן, כמו שכתוב (שם): הילדים אשר חנן וכו'. ובנימין לא היה אז, ועל־כן ברכו יוסף בחן, כמו שכתוב (בראשית מג): אלקים יחנך בני (ד). ודוקא יוסף היה יכול לברכו בחן, כי יוסף היה כלול ביותר מבחינת יעקב, כמו שכתוב (שם לז): אלה תלדות יעקב יוסף, כי הוא היה עקר תולדותיו, כי יעקב ויוסף כחדא חשיבי (ה). ועל־כן נאמר ביוסף (דברים לג): בכור שורו הדר לו. בכור הוא בחינת השכל כנ"ל, וזהו שורו - לשון הסתכלות, כי צריכין להסתכל בהשכל שיש בכל דבר כנ"ל. וזהו הדר לו, תרגם אונקלוס: זיו לה, לשון אור, כי השכל מאיר לו בכל דבר; אפלו במקום שהיה אפל וחשך, מאיר לו השכל, כשזוכה להסתכל על השכל שיש שם בכל דבר, ומקרב אותו להשם יתברך:

**וזה פרוש:** מה שאמר רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג): **האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה אשר אהיה:**

רשב"ם: צוציתא דנורא חורתא אש לבנה, ומלאך מזיק הוא.

**גלא** - הוא היצר הרע. **דמטבע לספינתא** הוא החן והחשיבות, לשון ספון וחשוב (ו), כי היצר הרע רוצה להטביע ולהשפיל, חס ושלום, בחינת החן והחשיבות של ישראל, בחינת מלכות דקדשה. **ומתחזי כי צוציתא דנורא חורתא ברישא**, כי מתחלה היצר הרע מתלבש עצמו במצוות ומטעה את האדם כאלו מסיתו לעשות מצוה. וזהו בחינת צוציתא דנורא חורתא, אש לבנה; אף־על־פי־כן מלאך מזיק הוא. **ומחינן לה באלותא דחקיק עלה אהיה וכו'**, הינו שעקר הכנעתו של היצר הרע הוא על־ידי התורה, שהיא כלה שמותיו של הקדוש־ברוך־הוא. והתורה היא בחינת וי"ו (ז), כי הלוחות ארכן וי"ו ורחבן וי"ו (בבא בתרא יד). וזהו בחינת אלותא, דהינו מקלות, דחקיק עלה אהיה וכו', הינו שמות, בחינת התורה, שהיא בחינת וי"ו. והוי"ו הוא צורת מקל, והיא כלה שמותיו של השם יתברך, הינו שהתורה הקדושה היא מכניע את היצר הרע, שרוצה לעשות את האדם משגע ממש, חס ושלום, כי בעל־עברה הוא משגע, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה (סוטה ג): אין אדם עובר עברה, אלא־אם־כן נכנס בו רוח־שטות. וכמו שהמשגעים צריכים להכותם ולשום עליהם שמות, כמו־כן ממש התורה שעוסקין הוא בחינת מקלות ושמות, שבזה מכין ומכניעין את היצר הרע, ומגרשין מן האדם את השגעון והרוח־שטות שנכנס בו בחינת ומחינן לה באלותא דחקיק עלה שמות וכו' כנ"ל (ח):

**וזהו** אשרי תמימי דרך. **אשרי** לשון הסתכלות. **תמימי דרך** בחינת (בראשית כה): ויעקב איש תם, שהוא בחינת השכל כנ"ל. הינו לזכות להסתכל על השכל שיש בכל דבר, שהוא בחינת יעקב איש תם, זה זוכין על־ידי התורה. וזהו **ההולכים בתורת ה'**, כי על־ידי שלומד תורה בכח, על־ידי זה נותן כח למלכות דקדשה, בחינת נו"ן, לקבל מן השכל, שהוא בחינת חי"ת, ואזי נעשה חן, ונתקבלים דבריו כנ"ל, ואזי נתעלה החן והחשיבות של ישראל, וכל התפלות והבקשות נתקבלים:

## ב

לשון רבנו זכרונו לברכה

**ויאמר ה' אל משה, אמר אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם, לנפש לא יטמא בעמיו:** (ויקרא כא)

**איתא** בספרא דצניעותא (א), פרק ב (זוהר תרומה דף קעז.): **מנוקבא דפרדשקא משך רוחא דחיי למשיחא:**

**א כי** עקר כלי זינו של משיח הוא התפלה, שהוא בחינת חטם, כמו שכתוב (ישעיה מח): ותהלתי אחטם־לך; ומשם עקר חיותו, וכל מלחמתו שיעשה וכל הכבישות שיכבש - הכל משם, כמו שכתוב (שם יא): והריחו ביראת ה' וכו' - זה בחינת חטם, וזה עקר כלי זינו, כמו שכתוב (בראשית מח): בחרבי ובקשתי. ופרש רש"י: תפלה ובקשה. וכמו שכתוב (תהלים מד): כי לא בקשתי אבטח וכו' באלהים הללנו, (ב) בחינת תהלתי אחטם לך:

**ב וזה** הכלי זין צריך לקבל על־ידי בחינת יוסף, הינו שמירת הברית, כמו שכתוב (שם מה): חגור חרבך על ירך. (ג) וכמו שכתוב (שם קלב): מפרי בטנך אשית לכסא לך - זה בחינת משיח, בחינת תפלה. אם ישמרו בניך בריתי, הינו על־ידי בחינת יוסף. **ויוסף**, ששמר את הברית, נטל את הבכורה, שהוא בחינת עבודת התפלה *, בחינות פי שנים, כי התפלה הוא פי שנים. שנים, שיש בהם שבחו של מקום ושאלת צרכיו (ד), והוא בחינת (שם קמט): וחרב פיפיות בידם, בחינת שתי פיות, בחינת פי שנים. ונטל מראובן על־ידי שחלל יצועי אביו (ה), כי היא תלוי בשמירת הברית:

* ועל־כן יוסף בשביל שזכה לבחינת תפלה, שהיא בחינת תהלתי אחטם, בחינת חיות הנמשך מנוקבא דפרדשקא כנ"ל, על־כן נקרא בן פורת יוסף, שהם בחינת תרפ"ו אורות, שהם שבעה שמות: עב, סג, מה, בן, קסא, קנא, קמג, שעולין תרפ"ו, שמקבל מנוקבא דפרדשקא, כי "פרדשקא" בגימטריא תרפ"ו.

**ג ומי** שזוכה לחרב הזה, צריך לידע איך ללחם עם החרב, שלא יטה אותה לימין או לשמאל, ושיהא קולע אל השערה ולא יחטא:

**וזה** אי אפשר אלא על־ידי בחינת משפט, כי משפט הוא עמודא דאמצעיתא (ו), - הינו שקולע עם כלי זינו אל המקום הצריך ואינו מטה לימין ולא לשמאל, אלא לאמצע. וזה בחינת (תהלים קיב): יכלכל דבריו במשפט. ובשביל זה קבל יוסף את הבכורה דוקא מיעקב, כמו שכתוב (בראשית מח): ואני נתתי לך וכו' - אני דיקא, שהוא בחינת משפט. וזה (תהלים פא): כי חק לישראל הוא, בחינת ברית, כמו שכתוב: חק בשארו שם. משפט לאלהי יעקב, הינו שצריך יוסף לקבל זאת החרב מבחינת משפט, כדי שיכלכל דבריו במשפט. וזה (שם עב): משפטיך למלך תן, שמשיח יקבל מבחינת משפט:

(ד) עי' ב"ר וישלח פ' ע"ח מקץ פ' צ"ב. (ה) עי' זוהר וישלח קע"ו ע"ב, וישב קפ"ב ע"ב. (ו) מו"ק כח. מאן חשיב מאן ספון. (ז) עי' זוהר פקודי דף רכ"ו ע"ב. (ח) עי' מ"ר קדושים תחלת פ' כ"ה. (א) עי' אד"ר נשא דף ק"ל ע"ב ובא"ז האזינו דף רפ"ט ע"א. (ב) עי' ב"ב קכג. (ג) עי' זוהר ויחי ר"מ ע"ב. (ד) עי' ברכות לא. לב. ע"ז ז. (ה) בפ' ויחי. (ו) הקדמה שניה לתיקונים (דף י"ז ע"ב).

**ב)** ווען א מענטש שטארקט זיך צו לערנען, כאטש וואס ער האט שוועריגקייטן צו לערנען, און ער לייגט אריין זיינע כחות און זיין מוח אין לימוד התורה, דורכדעם איז ער זוכה צו גיבן כח פאר דעם יצר טוב, זיך צו שטארקן איבער דער יצר הרע - אז דער מענטש זאל זיך אלעמאל פירן אין די וועגן פון דעם יצר טוב [זע ווייטער אות ה', וואס זענען די וועגן פון דעם יצר טוב].

**ג)** יעדער איד דארף אין יעדע מצב, און אין יעדע פלאץ, זיך מתבונן זיין אין אלעס וואס ער זעט און ער הערט, און אין יעדע זאך וואס עס פאסירט מיט אים - צו טרעפן דארט די באהאלטענע געטליכע 'חכמה', וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין יעדע זאך פון די בריאה, וואס די 'חכמה' איז באמת די גאנצע 'חיות' פון אט די זאך. און דער מענטש דארף זוכן אין יעדע זאך אט די 'חכמה', וואס דאס מיינט, אז ער זאל פארשטיין די רמזים, וואס דער אויבערשטער איז אים מרמז, דורך יעדע זאך, וויאזוי ער זאל ווערן נענטער צום אויבערשטן, און מער דינען דעם אויבערשטן, און ער דארף זיך פירן מיט זיינע מעשים, לויט אט די רמזים. און ווען א מענטש איז זוכה צו פארשטיין אט די 'חכמה' און 'שכל' פון יעדע זאך, דאן לייכט די 'שכל' פאר אים, אין יעדע מצב, און ווייזט אים די וועג וויאזוי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן. און אפילו ווען עס זעט אים אויס, ווי עס איז טונקל און פינסטער - אז דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף אים מיט ביטערע נסיונות, וועט אבער אט די געטליכע שכל וואס געפינט זיך 'איבעראל', אים באלייכטן די אויגן, אז ער זאל זיך קענען שטארקן אויף די נסיונות, און ווערן נאנט צום אויבערשטן אפילו פון דארט.

**ד)** מען קען נישט זוכה זיין צו אט די ליכטיגע 'שכל', נאר דורך די מדה פון די 'מלכות דקדושה', וואס אויף למעשה מיינט דאס, אז ער זאל מקיים זיין די פאלגענדע פונקטן: 1) צו מקבל זיין אויף זיך אמת'דיג די עול 'מלכות' שמים. 2) גלייבן אינעם אויבערשטן מיט א תמימות, און ער זאל אינגאנצן אוועק לייגן זיין אייגענע שכל, כאילו ער פארמאגט נישט קיין שום אייגענע שכל. 3) ער זאל שטיין ווייט פון אלע סארט חכמות חיצוניות, און שלעכטע חכמות (וואס זענען די פארקערטע פון די הייליגע שכל). 4) ער זאלווארטן און האפן און בענקען צו מקבל זיין די ליכטיגקייט און די חיות פון די אמת'דיגע חכמה, וואס דאס איז די אויבנדערמאנטע הייליגע 'שכל' וואס ליגט באהאלטן אין יעדע זאך.

**ה)** די עיקר מלחמה צווישן דער יצר טוב און דעם יצר הרע, איז אין אט די מדה פון 'מלכות', ווייל דער יצר טוב, איז די 'מלכות דקדושה', און ער רעדט איין דעם מענטש, אז ער זאל אנטלויפן פון אלע שלעכטע חכמות חיצוניות, נאר פארקערט, אז ער זאל זוכן דעם הייליגן אמת'דיגן 'שכל', וואס ליגט אין יעדע זאך, און בענקען דערצו, און נישט נאכגיין נאך די גשמיות פון די זאך, און די תאוות עולם הזה. און דער יצר הרע איז דער 'מלכות הרשעה' וואס איז פונקט פארקערט פון די 'מלכות דקדושה', און ער רעדט איין דעם מענטש, יא נאכצולויפן חכמות חיצוניות, און פון די אנדערע זייט נישט נאכצוגיין און זוכן די הייליגע 'שכל', נאר צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די נארישע תאוות, און די גשמיות פון יעדע זאך.

**ו)** ווען א מענטש איז זיך מדבק אין די 'מלכות דקדושה - יצר טוב', וואס דאס ברענגט אים צו די ליכטיגקייט פון די הייליגע שכל, דאן ווערט א געוואלדיגער ייחוד אין אלע וועלטן (-אז די לבנה ווערט פונקט ווי די זון), און דורכדעם באקומט דער מענטש א געטליכע חן, און דאן ווערן זיינע אלע תפלות און בקשות אנגענומעןביים אויבערשטן און ביי מענטשן.

**ז)** דורכדעם וואס מען שטארקט זיך צו לערנען תורה מיט אלע כחות (זע אות ב'), דאן גיבט מען כח פאר די 'מלכות דקדושה - יצר טוב', וואס איז אויבנדערמאנט (אין אות ה'), און דורכדעם קען ער זיך מתבונן זיין אין די 'שכל' וואס ליגט אין יעדע זאך, אז ער זאל פארשטיין דערפון רמזים, וויאזוי צו ווערן דורכדעם נענטער צום אויבערשטן (ווי ערקלערט אין אות ג').

**ח)** דער יצר הרע וויל מאכן דעם מענטש אינגאנצן משוגע חס ושלום, ווייל א בעל עבירה איז באמת משוגע, און יעדער איינער לויט די עבירות וואס ער האט געטון, איז ער ממש משוגע, און דערפאר האבן רוב מענטשן פארשידענע משוגעת'ן. אבער וויבאלד דער יצר הרע קען דאך נישט פלוצלינג קומען צו א מענטש, און אים מאכן משוגע, דערפאר קומט ער אין אנהויב פארשטעלטערהייט, און ער פארנארט דעם מענטש, ווי כאילו ער רעדט אים איין צו טון א מצוה, און אזוי רעדט ער אים איין מער און מער, ביז ער ברענגט אים צו גרויסע עבירות במזיד חס ושלום, וואס דער מענטש פארשטייט שוין אויך אז דאס איז א עבירה און א שגעון, אבער ער קען זיך נישט איינהאלטן. און דער עצה דערצו איז צו לערנען תורה, וואס דורכדעם ווערט מען געראטעוועט פון ביידע סארט שגעונות פון די יצר הרע - סיי פון די גרויסע עבירות וואס אפילו דער מענטש פארשטייט אז עס איז א עבירה, איז מען זוכה דורכ'ן לערנען תורה, צו באקומען יראת שמים, אז ער זאל דאס מער נישט טון, און סיי פון די רוח שטות וואס דער יצר הרע האט אין אים אריינגעברענגט, אז ער זאל מיינען אויף עבירות אז זיי זענען מצוות, איז מען זוכה דורך תורה צו באקומען די ריכטיגע שכל, און דאן ווערט מען אינגאנצן געראטעוועט פון דער יצר הרע.

**וְעַל־כֵּן** יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן זָכָה לְחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית לג): כִּי חַנַּנִי אֱלֹקִים וְכוּ'. וְעַל־כֵּן בֵּרַךְ אֶת הַשְּׁבָטִים בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): הַיְלָדִים אֲשֶׁר חָנַן וְכוּ'. וּבִנְיָמִין לֹא הָיָה אָז, וְעַל־כֵּן בֵּרְכוֹ יוֹסֵף בְּחֵן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מג): אֱלֹקִים יָחְנְךָ בְּנִי (ד). וְדַוְקָא יוֹסֵף הָיָה יָכוֹל לְבָרְכוֹ בְּחֵן, כִּי יוֹסֵף הָיָה כָּלוּל בְּיוֹתֵר מִבְּחִינַת יַעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם לז): אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, כִּי הוּא הָיָה עִקַּר תּוֹלְדוֹתָיו, כִּי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף כַּחֲדָא חֲשִׁיבֵי (ה). וְעַל־כֵּן נֶאֱמַר בְּיוֹסֵף (דברים לג): בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ. בְּכוֹר הוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ שׁוֹרוֹ - לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת, כִּי צְרִיכִין לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ הָדָר לוֹ, תַּרְגֵּם אוּנְקְלוֹס: זִיו לֵהּ, לְשׁוֹן אוֹר, כִּי הַשֵּׂכֶל מֵאִיר לוֹ בְּכָל דָּבָר; אֲפִלּוּ בְּמָקוֹם שֶׁהָיָה אֹפֶל וָחֹשֶׁךְ, מֵאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל, כְּשֶׁזּוֹכֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּכָל דָּבָר, וּמְקָרֵב אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ:

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** מַה שֶּׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה (בבא בתרא עג): **הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא וּמְחִינַן לֵהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה:**

רַשְׁבַּ"ם: צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא אֵשׁ לְבָנָה, וּמַלְאַךְ מַזִּיק הוּא.

**גַּלָּא** - הוּא הַיֵּצֶר הָרָע. **דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא** הוּא הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת, לְשׁוֹן סָפוּן וְחָשׁוּב (ו), כִּי הַיֵּצֶר הָרָע רוֹצֶה לְהַטְבִּיעַ וּלְהַשְׁפִּיל, חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. **וּמִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא**, כִּי מִתְּחִלָּה הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה. וְזֶהוּ בְּחִינַת צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא, אֵשׁ לְבָנָה; אַף־עַל־פִּי־כֵן מַלְאָךְ מַזִּיק הוּא. **וּמְחִינַן לֵהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה** וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע הוּא עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא. וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו (ז), כִּי הַלּוּחוֹת אָרְכָּן וָי"ו וְרָחְבָּן וָי"ו (בבא בתרא יד). וְזֶהוּ בְּחִינַת אַלְוָתָא, דְּהַיְנוּ מַקְלוֹת, דְּחָקִיק עֲלֵהּ אֶהְיֶה וְכוּ', הַיְנוּ שֵׁמוֹת, בְּחִינַת הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת וָי"ו. וְהַוָּי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל, וְהִיא כֻּלָּהּ שְׁמוֹתָיו שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי בַּעַל־עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוטה ג): אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה, אֶלָּא־אִם־כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ־שְׁטוּת. וּכְמוֹ שֶׁהַמְשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת, כְּמוֹ־כֵן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת, שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ־שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ בְּחִינַת וּמְחִינַן לֵהּ בְּאַלְוָתָא דְּחָקִיק עֲלֵהּ שֵׁמוֹת וְכוּ' כַּנַּ"ל (ח):

**וְזֶהוּ** אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ. **אַשְׁרֵי** לְשׁוֹן הִסְתַּכְּלוּת. **תְּמִימֵי דָרֶךְ** בְּחִינַת (בראשית כה): וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל. הַיְנוּ לִזְכּוֹת לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, שֶׁהוּא בְּחִינַת יַעֲקֹב אִישׁ תָּם, זֶה זוֹכִין עַל־יְדֵי הַתּוֹרָה. וְזֶהוּ **הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'**, כִּי עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּכֹחַ, עַל־יְדֵי זֶה נוֹתֵן כֹּחַ לְמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, בְּחִינַת נוּ"ן, לְקַבֵּל מִן הַשֵּׂכֶל, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֵי"ת, וַאֲזַי נַעֲשֶׂה חֵן, וְנִתְקַבְּלִים דְּבָרָיו כַּנַּ"ל, וַאֲזַי נִתְעַלֶּה הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְכָל הַתְּפִלּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת נִתְקַבְּלִים:

## ב

לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן, וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם, לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו:** (ויקרא כא)

**אִיתָא** בְּסִפְרָא דִצְנִיעוּתָא (א), פֶּרֶק ב (זוהר תרומה דף קעז.): **מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא מָשַׁךְ רוּחָא דְּחַיֵּי לִמְשִׁיחָא:**

**א כִּי** עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה מח): וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם־לָךְ; וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ, וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּוּשׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם יא): וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה' וְכוּ' - זֶה בְּחִינַת חֹטֶם, וְזֶה עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מח): בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי. וּפֵרַשׁ רַשִׁ"י: תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים מד): כִּי לֹא בְקַשְׁתִּי אֶבְטָח וְכוּ' בֵּאלֹהִים הִלַּלְנוּ, (ב) בְּחִינַת תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ:

**ב וְזֶה** הַכְּלִי זַיִן צָרִיךְ לְקַבֵּל עַל־יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף, הַיְנוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מה): חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ. (ג) וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם קלב): מִפְּרִי בִטְנְךָ אָשִׁית לְכִסֵּא לָךְ - זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, בְּחִינַת תְּפִלָּה. אִם יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ בְּרִיתִי, הַיְנוּ עַל־יְדֵי בְּחִינַת יוֹסֵף. **וְיוֹסֵף**, שֶׁשָּׁמַר אֶת הַבְּרִית, נָטַל אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה *, בְּחִינוֹת פִּי שְׁנַיִם, כִּי הַתְּפִלָּה הוּא פִּי שְׁנַיִם. שְׁנַיִם, שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם שִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם וּשְׁאֵלַת צְרָכָיו (ד), וְהוּא בְּחִינַת (שם קמט): וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם, בְּחִינַת שְׁתֵּי פִּיּוֹת, בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם. וְנִטַּל מֵרְאוּבֵן עַל־יְדֵי שֶׁחִלֵּל יְצוּעֵי אָבִיו (ה), כִּי הִיא תָּלוּי בִּשְׁמִירַת הַבְּרִית:

* וְעַל־כֵּן יוֹסֵף בִּשְׁבִיל שֶׁזָּכָה לִבְחִינַת תְּפִלָּה, שֶׁהִיא בְּחִינַת תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם, בְּחִינַת חִיּוּת הַנִּמְשָׁךְ מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן נִקְרָא בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף, שֶׁהֵם בְּחִינַת תרפ"ו אוֹרוֹת, שֶׁהֵם שִׁבְעָה שֵׁמוֹת: עב, סג, מה, בן, קסא, קנא, קמג, שֶׁעוֹלִין תרפ"ו, שֶׁמְּקַבֵּל מְנוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא, כִּי "פַּרְדַּשְׁקָא" בְּגִימַטְרִיָּא תרפ"ו.

**ג וּמִי** שֶׁזָּכָה לַחֶרֶב הַזֶּה, צָרִיךְ לֵידַע אֵיךְ לִלְחֹם עִם הַחֶרֶב, שֶׁלֹּא יַטֶּה אוֹתָהּ לְיָמִין אוֹ לִשְׂמֹאל, וְשֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

**וְזֶה** אִי אֶפְשָׁר אֶלָּא עַל־יְדֵי בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא עַמּוּדָא דְאֶמְצָעִיתָא (ו), - הַיְנוּ שֶׁקּוֹלֵעַ עִם כְּלֵי זֵינוֹ אֶל הַמָּקוֹם הַצָּרִיךְ וְאֵינוֹ מַטֶּה לְיָמִין וְלֹא לִשְׂמֹאל, אֶלָּא לְאֶמְצַע. וְזֶה בְּחִינַת (תהלים קיב): יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה קִבֵּל יוֹסֵף אֶת הַבְּכוֹרָה דַּוְקָא מִיַּעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מח): וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ וְכוּ' - אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט. וְזֶה (תהלים פא): כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא, בְּחִינַת בְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: חֹק בִּשְׁאֵרוֹ שָׂם. מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ יוֹסֵף לְקַבֵּל זֹאת הַחֶרֶב מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּדֵי שֶׁיְּכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט. וְזֶה (שם עב): מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן, שֶׁמָּשִׁיחַ יְקַבֵּל מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט:

(ד) עי' ב"ר וישלח פ' ע"ח מקץ פ' צ"ב. (ה) עי' זוהר וישלח קע"ו ע"ב, וישב קפ"ב ע"ב. (ו) מו"ק כח. מאן חשיב מאן ספון. (ז) עי' זוהר פקודי דף רכ"ו ע"ב. (ח) עי' מ"ר קדושים תחלת פ' כ"ה. (א) עי' אד"ר נשא דף ק"ל ע"ב ובא"ז האזינו דף רפ"ט ע"א. (ב) עי' ב"ב קכג. (ג) עי' זוהר ויחי ר"מ ע"ב. (ד) עי' ברכות לא. לב. ע"ז ז. (ה) בפ' ויחי. (ו) הקדמה שניה לתיקונים (דף י"ז ע"ב).

# סימן ב

## **לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**[א].

עס שטייט אין פסוק: ״**וַיֹּאמֶר ד׳ אֶל מֹשֶׁה** דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו, **אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים** זאג פאר די כהנים, **בְּנֵי אַהֲרֹן** די קינדער פון אהרן, **וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם** און דו זאלסט זיי זאגן, **לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא** אז זיי זאלן זיך נישט מטמא זיין צו א טויטן מענטש **בְּעַמָּיו** ווען דער טויטער איז צווישן זיין פאלק״[ב].

**אִיתָא בְּסִפְרָא דִּצְנִיעוּתָא** עס ווערט געברענגט אין ׳ספרא דצניעותא׳[ג]: **מִנּוּקְבָא דְּפַרְדַּשְׁקָא** אז פון די גאר הויכע ליכטיגקייט אין די עולמות העליונים, וואס ווערט אנגערופן מיטן נאמען ׳נוקבא דפרדשקא׳ [-די לאך פון די ׳נאז׳[ד]], **מָשַׁךְ רוּחָא דְּחַיֵּי לִמְשִׁיחָא** פון דארט ווערט נמשך א גייסט פון ׳לעבן׳ און ׳חיות׳ פאר משיח, צו קענען מכניע זיין אלע קליפות, און פאררעכטן די גאנצע בריאה - צוריק צו קערן די גאנצע וועלט צום אויבערשטן.

### סעיף א

#### די גאנצע חיות פון משיח, און זיין געווער איינצונעמען די גאנצע וועלט, איז בלויז דורך תפלה

כדי צו פארשטיין די ווערטער פון דעם זוהר הקדוש, איז דער רבי מקדים:

**כִּי עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ** אז די עיקר געווער פון משיח - וויאזוי ער וועט מלחמה האלטן מיט אלע קליפות, און אלע גויים, **הוּא הַתְּפִלָּה** איז די כח פון תפלה, וואס משיח וועט זוכה זיין דערצו בשלימות; א טעם דערויף: **שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם** וויבאלד די תפלה, דאס איז א בחינה פון ׳חוטם׳ [-די אויבנדערמאנטע הייליגע ׳נוקבא דפרדשקא׳]; א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: ״וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ״** ווי דער פסוק זאגט (ישעיה מח): ״ותהלתי אחטם לך״, און דער רבי טייטשט אזוי: ״ותהלתי״ - מיין לויב [דאס מיינט תפלה, וואס איז די לויב פון השי״ת], ״אחטם לך״ - איז א בחינה פון ׳חוטם׳.

[ה]**וּמִשָּׁם עִקַּר חִיּוּתוֹ** און פון דארט [-פון תפלה] איז משיח מקבל זיין עיקר ׳חיות׳, וויבאלד די תפלה איז אט די הייליגע ׳חוטם׳ [-נוקבא דפרדשקא], און ווי אויבן דערמאנט פון ספרא דצניעותא, קומט די גאנצע חיות פון משיח פון אט די ׳נוקבא דפרדשקא׳; און דערפאר וועט זיין: **וְכָל מִלְחֲמוֹתָיו שֶׁיַּעֲשֶׂה** אז אלע זיינע מלחמות וואס ער וועט פירן, **וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ** און אלע פלעצער וואס ער וועט איינעמען, **הַכֹּל מִשָּׁם** אלעס וועט קומען פון דארט [-פון תפלה], ד.מ. וויבאלד ׳תפלה׳ איז די חיות פון משיח, דערפאר וועט משיח נעמען פון דארט [-פון די תפלה - חוטם] זיינע אלע כחות, צו פירן אלע מלחמות, וואס ער וועט לוחם זיין אקעגן די גויים און די קליפות, און זיי איינעמען, ווייל די באדייט פון די ׳חיות פון משיח׳ איז, אז די כחות הקדושה ווערן אויפגעבויעט, און דאן ווערן אויטאמאטיש בטל אלע קליפות[ו][ז].

[ח]א ראיה אז די עיקר חיות פון משיח איז פון די ׳חוטם׳:

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב:** ווי דער פסוק זאגט (ישעיה יא): ״**וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ד׳״ וְכוּ׳** - ״משיח וועט זוכה זיין צו א געטליכע כח אין זיין

---

הערות

**א.** רוב תורות אין ליקוטי מוהר״ן זענען געזאגט געווארן דורכ׳ן הייליגן רבי׳ן ז״ל, אויף די אידישע שפראך [און צומאל אויך אין לשון קודש]. און זענען אפגעשריבן געווארן ווארט ביי ווארט, דורך זיין גרויסן תלמיד רבי נתן זצ״ל אין לשון הקודש, און דערנאך האט דער רבי זיי איבערגעקוקט און מגיה געווען. אבער א חלק פון די תורות, וועלכע זענען אנגעצייכנט אונטער׳ן קעפל: ״לשון רבינו ז״ל״, זענען געשריבן געווארן דורכ׳ן הייליגן רבי׳ן אליין, און וויבאלד זיי זענען געשריבן געווארן מיט די לשון פונעם רבי׳ן, שטייען זיי אין א העכערע דרגה, ווי די אנדערע תורות (פרפראות לחכמה סי׳ י״ב; חיי מוהר״ן שס״ב).

**ב.** ויקרא כ״א; דער רבי וועט אויסטייטשן די פסוק, ביים ענדע פון די תורה.

**ג.** ׳ספרא דצניעותא׳ איז גאר א הייליגער ספר, וואס רעדט ארום איבער גאר הויכע און טיפע סודות פון קבלה, דאס איז נתחבר געווארן דורך רבי שמעון בן יוחאי, און געפינט זיך אין זוהר הקדוש סוף פרשת תרומה, ס׳אנטהאלט אין זיך פינף פרקים [קעגן די חמשה חומשי תורה (מגלה עמוקות ואתחנן אופן ע׳)]; אין די תורה באציהט זיך דער רבי צו א חלק פון די צווייטע פרק פון ׳ספרא דצניעותא׳ (דף קע״ו:), און חלקים פון די איבריגע פרקים ווערן ערקלערט אין אנדערע תורות אין ליקוטי מוהר״ן (י״ט-כ״ב).

**ד.** ס׳איז וויכטיג צו אויסשמועסן, אז איינע פון די יסודות פון אונזער אמונה איז, אז דער באשעפער איז נישט קיין ׳גוף׳ [-קערפער], און דערפאר איז נישט שייך ביים באשעפער קיין שום מציאות פון גשמיות׳דיגע איברים, און קיין שום באגריף וואס איז שייך ביי א מענטשליכער קערפער.

די טעם פארוואס מיר געפינען יא אין פילע פסוקים און ספרים הקדושים, אז זיי שטעלן פאָר כאילו דער אויבערשטער פארמאגט גשמיות׳דיגע איברים (ווי למשל: אויגן וואס זעהען, אויערן וואס הערן, און אין אונזער פאל - א ׳חוטם׳ [-א נאז]) איז, כדי ׳מיר׳ זאלן פארשטיין זייער כוונה און האבן א השגה אין זייערע ווערטער, צום ביישפיל: ווען דער נביא אדער די ספרים הקדושים ווילן ארויסברענגען אז דער באשעפער ווייסט אלעס וואס טוט זיך, ערקלערן זיי דאס בדרך משל - אז די ׳אויגן׳ פון באשעפער זעהען אלעס, אדער אז זיינע ׳אויערן׳ הערן, און אזוי ווייטער (תיקוני זוהר קל.; עץ חיים שער עיגולים ויושר דף י״ב; ועוד).

די זעלבע איז דא ביי אונז - דאס וואס דער זוהר הקדוש זאגט, אז די חיות פון משיח קומט פון די ׳חוטם׳ [-נאז], איז די כוונה אויף א הימלישע ליכטיגקייט, וואס ווערט צוגעגליכן צו א נאז, ווייל פונקט ווי בגשמיות קומט די חיות פונעם מענטש פון זיין נאז, די זעלבע קומט די חיות פון משיח פון די הויכע ליכטיגקייט, דערפאר ווערט דאס אויך אנגערופן ׳חוטם׳, אבער ס׳האט נישט קיין שום שייכות צו גשמיות חס ושלום; אין די המשך פון די תורה, וועט דער רבי ערקלערן דעם ׳סוד׳ פון די ׳חוטם׳ דקדושה, וואס משיח נעמט פון דארט זיין חיות.

**ה.** נאך וואס מיר ווייסן שוין אז תפלה רופט זיך אן ׳חוטם׳ (-נוקבא דפרדשקא) - וועט ער אויספירן אז לויט דעם פארשטייט מען, פארוואס ׳די געווער פון משיח׳ איז ׳תפלה׳.

**ו.** די טעם פארוואס משיח וועט נעמען זיין גאנצע חיות, און זיין כח צו לוחם זיין, פון די חוטם - תפלה, קען מען פארשטיין, לויט ווי ס׳ווערט ערקלערט אין ספרי קבלה (זע שער מאמרי רשב״י, פירוש האדרא רבא קדישא), אז אט די הייליגע ׳חוטם׳ איז גאר א הויכע ליכטיגקייט, וואס דארט איז בלויז פארהאן חסד און גוטס, און די ׳חוטם׳ האט די כח צו מבטל זיין אלע דינים, צער, און פראבלעמען, און דערפאר, ווען מיר כאפן זיך אָן אין די קדושה פון אט די ׳נוקבא דפרדשקא - חוטם׳ (וואס איז מרמז אויף ׳תפלה׳, ווי ערקלערט דא), קען מען מנצח זיין אלע מלחמות, און ממשיך זיין בלויז גוטס (באר היטב).

**ז.** ווי מען זעט אין די המשך פון די תורה, איז באמת דער כוונה דא אויך אויף יעדער איד, אז זיין גאנצע חיות און זיין כח צו לוחם זיין זיינע אלע פערזענליכע מלחמות, סיי מיט׳ן יצר הרע, און סיי מיט אלע פראבלעמען, צער, און יסורים וואס שטערן אים, איז בלויז דורך תפלה, און ווי מער מ׳איז עוסק אין תפלה מיט׳ן גאנצן הארץ, דארף מען באמת וויניגער טון גשמיות׳דיגע השתדלות, און ער קען דערגרייכן צו אלעס וואס ער דארף, בלויז דורך תפלה. נאר וויבאלד משיח וועט זוכה זיין צום ׳שלימות׳ פון תפלה, דעריבער איז דא דער עיקר רעדע אויף משיח (ליקוטי עצות תפלה ב׳; עלים לתרופה שכ״ג).

נאך מער פון דעם ווערט ערקלערט שפעטער אין די תורה, אז די גאנצע כח התפלה פון משיח, איז בלויז דורך ׳אונזערע׳ תפלות, אז אויב מיר זענען מקשר אונזערע תפלות, צום צדיק הדור, וואס איז די בחינה פון משיח, דאן נעמט משיח אונזערע תפלות, און מיט די אלע תפלות וועט ער ברענגען די גאולה שלימה, און לוחם זיין קעגן די קליפות (ליקוטי תפלות, ליקוטי הלכות נחלות ד׳, ט״ו).

**ח.** פון די ווערטער פון די ׳ספרא דצניעותא׳ ווייסן מיר שוין אז די חיות פון משיח קומט פון תפלה (ווייל תפלה איז דאך די ׳נוקבא דפרדשקא׳), און דערפאר וועט ער נעמען פון דארט זיינע כחות צו מלחמה האלטן. יעצט וועט דער רבי צולייגן ראיות צו ביידע פרטים - סיי אז די **חיות** פון משיח איז פון די ׳חוטם׳, און סיי אז זיין **געווער** איז תפלה.

**וְזֶה** אִי אֶפְשָׁר אֶלָּא עַל־יְדֵי בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא עַמּוּדָא דְאֶמְצָעִיתָא (ו), - הַיְנוּ שֶׁקּוֹלֵעַ עִם כְּלֵי זֵינוֹ אֶל הַמָּקוֹם הַצָּרִיךְ וְאֵינוֹ מַטֶּה לְיָמִין וְלֹא לִשְׂמֹאל, אֶלָּא לָאֶמְצַע. וְזֶה בְּחִינַת (תהלים קיב): יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה קִבֵּל יוֹסֵף אֶת הַבְּכוֹרָה דַּוְקָא מִיַּעֲקֹב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מח): וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ וְכוּ' - אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט. וְזֶה (תהלים פא): כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא, בְּחִינַת בְּרִית, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: חֹק בִּשְׁאֵרוֹ שָׂם. מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב, הַיְנוּ שֶׁצָּרִיךְ יוֹסֵף לְקַבֵּל זֹאת הַחֶרֶב מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּדֵי שֶׁיְּכַלְכֵּל דְּבָרָיו בַּמִּשְׁפָּט. וְזֶה (שם עב): מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן, שֶׁמָּשִׁיחַ יְקַבֵּל מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט:

(ד) עי' ב"ר וישלח פ' ע"ח מקץ פ' צ"ב. (ה) עי' זוהר וישלח קע"ו ע"ב, וישב קפ"ב ע"ב. (ו) מו"ק כח. מאן חשיב מאן ספון. (ז) עי' זוהר פקודי דף רכ"ו ע"ב. (ח) עי' מ"ר קדושים תחלת פ' כ"ה. (א) עי' אד"ר נשא דף ק"ל ע"ב ובא"ז האזינו דף רפ"ט ע"א. (ב) עי' ב"ב קכג. (ג) עי' זוהר ויחי ר"מ ע"ב. (ד) עי' ברכות לא. לב. ע"ז ז. (ה) בפ' ויחי. (ו) הקדמה שניה לתיקונים (דף י"ז ע"ב).

אינעם פסוק: "יכלכל דבריו במשפט", און דער רבי טייטשט, אז די כוונה דא איז, אז ער רעכנט אויס זיינע 'ווערטער' וואס ער דאוונט, דורך די מדה פון 'משפט'[כו].

**וּבִשְׁבִיל זֶה** און וויבאלד כדי צו דאווענען ריכטיג, דארף מען האבן די מדה פון משפט, דערפאר **קִבֵּל יוֹסֵף אֶת הַבְּכוֹרָה דַּוְקָא מִיַּעֲקֹב** האט יוסף באקומען די 'בכורה' (-וואס איז מרמז אויף תפלה, וואס יוסף האט דערצו זוכה געווען, ווי ערקלערט אויבן), דוקא פון זיין טאטע 'יעקב', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק דערציילט (בראשית מח): **"וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ" וְכוּ'** - "[יעקב האט געזאגט פאר יוסף-] איך האב דיר געגעבן די בכורה", **אֲנִי דַּיְקָא** און יעקב האט ספעציעל געדרוקט די ווארט "ואני - איך" [-אז איך - 'יעקב' האב דיר געגעבן די בכורה], און דער טעם דערויף איז: **שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט** ווייל 'יעקב' איז מרמז אויף די מדה פון 'משפט'[כז], און וויבאלד מ'דארף דאך האבן די מדה פון 'משפט', כדי צו נוצן ריכטיג די 'בכורה - תפלה', דערפאר האט יוסף געדארפט מקבל זיין די 'בכורה - תפלה' פון 'יעקב', ווייל כדי די תפלה זאל זיין בשלימות, פעלט זיך אויס די מדה פון יעקב - 'משפט'.

**וְזֶה** און דער ענין - אז ווער ס'איז א 'שומר הברית' (וואס דורכדעם איז ער זוכה צו תפלה) - דארף האבן די מדה פון 'משפט', **דאס איז** מרומז אינעם פסוק (תהלים פא): **"כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא" -** "דאס איז א 'חוק' [-א געזעץ] פאר די אידן", טייטשט דער רבי, אז די ווארט 'חוק' איז **בְּחִינַת בְּרִית** די בחינה פון 'שמירת הברית', א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אזוי ווי ס'שטייט (אין די ברכה פון א ברית מילה): **חוֹק בִּשְׁאֵרוֹ שָׂם** - "דער באשעפער האט באפוילן צו מאכן אויף די קערפער פון יצחק אבינו א 'חוק' [-ברית מילה]", זעט מען, אז 'חוק' איז א לשון פון 'שמירת הברית'; און דער זעלבער פסוק פירט אויס: **"מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב" -** "דאס איז א 'משפט', פון דעם באשעפער פון יעקב", **הַיְנוּ** טייטשט דער רבי, אז וויבאלד עס ווערט דא דערמאנט 'משפט' און 'יעקב', איז דא מרומז **שֶׁצָּרִיךְ יוֹסֵף לְקַבֵּל זֹאת הַחֶרֶב מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט** אז יוסף (וואס איז 'שמירת הברית' - וואס דאס איז מרומז אין "כי 'חוק' לישראל הוא") דארף מקבל זיין די שווערד (-תפלה) - פון 'יעקב', וואס ער איז מרמז אויף די מדה פון 'משפט', **כְּדֵי שֶׁיְּכַלְכֵּל דְּבָרָיו בַּמִּשְׁפָּט** כדי ער זאל קענען ריכטיג אויסרעכענען זיינע דיבורים פון תפלה, דורך די מדה פון 'משפט'[כח].

**וְזֶה** און דער ענין - אז מען דארף פירן די ווערטער פון 'תפלה', מיט די מדה פון 'משפט', איז מרומז אינעם פסוק (שם עב): **"מִשְׁפָּטֶיךָ לְמֶלֶךְ תֵּן"** - "[דוד המלך בעט פונעם אויבערשטן-] גיב דיין מדה פון משפט פאר דער 'מלך המשיח'", טייטשט דער רבי: **שֶׁמָּשִׁיחַ יְקַבֵּל מִבְּחִינַת מִשְׁפָּט** אז משיח וועט מקבל זיין זיין כח (וואס דאס איז תפלה בשלימות, ווי ערקלערט אין סעיף א'), **פון די בחינה פון 'משפט'**, און אזוי וועט ער קענען דאווענען ריכטיג.

**בקיצור:** אפילו מ'האט שוין די שווערד פון תפלה, דארף מען אכטונג געבן, דאס נישט צו בייגן צו רעכטס, און נישט צו לינקס, נאר זיך האלטן אויפ'ן ריכטיגן מיטל-וועג ❖ צו זוכה זיין דערצו, דארף מען האבן די מדה פון 'משפט', וואס דורכדעם קען מען זיך האלטן פונקט אינמיטן ❖ דערפאר האט יוסף (-שמירת הברית) געדארפט מקבל זיין די בכורה (-תפלה), דווקא פון יעקב (-משפט), ווייל צו דאווענען ריכטיג, פעלט אויס די מדה פון 'משפט' ❖ דערפאר דארף משיח (-תפלה) מקבל זיין פון 'משפט'.

---

הערות

**כו.** די פשוט'ע פשט איז, אז דער ערליכער מענטש פירט זיינע אלע געברויכן, מיט א פונקטליכע אויסגערעכענטקייט [-נישט צו קארגן צופיל, און נישט צו אויסגעבן צופיל], און דער רבי טייטשט אז 'דבריו' איז מרמז אויף די 'דיבורים' פון תפלה.

**כז.** דאס איז פון די באקאנטע יסודות אין קבלה, אז אברהם אבינו איז מרמז אויף די מדה פון 'חסד', וואס דאס איז אינגאנצן 'רעכטס'. און יצחק איז מרמז אויף די מדה פון 'גבורה', וואס איז אינגאנצן 'לינקס'. און יעקב איז פונקט אינמיטן, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון ביידע (תיקוני זוהר דף קלו), און דאס איז דאך די מדה פון 'משפט', ווי ערקלערט אויבן (הערה כה); פון די ווערטער פונעם רבי'ן ווייטער וועט אויך אויסקומען צוויי ראיות דערצו: פון דעם פסוק "משפט לאלקי יעקב", און פון דעם פסוק "משפט וצדקה ביעקב".

**כח.** פון די סדר פון די תורה ביז אהער קומט אויס אזוי: מ'דארף זיין א שומר הברית, און דורכדעם איז מען זוכה צו תפלה, און ווען מ'איז שוין זוכה צו תפלה - דארף מען האבן די מדה פון 'משפט' (כדי די תפלה זאל גרייכן אין די ריכטיגע פלאץ, און קענען ריכטיג פועל'ן), קומט אויס, אז דער וואס האט 'שמירת הברית' (וואס דאס מיינט אז ער איז זוכה צו תפלה), דער מוז אויך האבן די מידה פון 'משפט'; דאס טייטשט דער רבי אריין אין דעם פסוק **"כי חוק לישראל הוא"** = דער וואס האט 'חוק' - (ברית), **"משפט לאלקי יעקב"** = דער מוז האבן די מדה פון 'משפט'.

בדרך אגב זעהען מיר דא אין דעם פסוק אויך א ראיה, צו דעם וואס איז דערמאנט געווארן פריער אז 'יעקב' איז די בחינה פון 'משפט'.

## סעיף ד

### די אויסטערלישע מעלה פון געבן צדקה, בפרט פאר'ן דאווענען

**וְעַל יְדֵי מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט** און וויאזוי איז מען זוכה צו האבן די מדה פון 'משפט'? **עַל יְדֵי צְדָקָה** דורך דעם וואס מען גיבט 'צדקה', **שֶׁעַל יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט** ווייל דורך צדקה כאפט מען זיך אן אין די מדה פון 'משפט' [-מ'האט א שייכות דערמיט, מ'באקומט דאס]; צוויי ראיות דערויף, די ערשטע ראיה: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): "צִדְקַת ד' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו"** ווי דער פסוק זאגט: "צדקת ה' עשה ומשפטיו", און דער פסוק שטעלט צוזאם דעם ענין פון צדקה מיט דעם ענין פון 'משפט'[כט]; די צווייטע ראיה: **וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): "מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב" וְכוּ'** ווי דער פסוק זאגט: "משפט וצדקה ביעקב", און אויך דער פסוק שטעלט צוזאם 'משפט' מיט 'צדקה', זעט מען, אז דורך **צדקה** איז מען זוכה צו די מדה פון **'משפט'**[ל].

א טעם פארוואס דורך צדקה איז מען זוכה צו 'משפט':

**כִּי צְדָקָה הוּא עַל יְדֵי מִשְׁפָּט** ווייל דאס אז א מענטש גיבט צדקה, איז דורך די מדה פון 'משפט', כדי דאס צו ערקלערן, איז דער רבי מקדים א הסבר איבער די מהות פון 'משפט': **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי ס'שטייט אין פסוק (שם עה): **"אֱלֹקִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים"** - "דער אויבערשטער משפ'ט די גאנצע וועלט, דעם דערנידערט ער [-צוליב זיינע שלעכטע מעשים], און דעם דערהייבט ער [-צוליב זיינע גוטע מעשים]", וואס דאס מיינט: **שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה** אז דעם מענטש מאכט ער ארים, און דעם מענטש מאכט ער רייך, קומט אויס, אז די מדה פון 'משפט' איז: צו 'דערנידערן - ארים מאכן' געוויסע מענטשן, און 'דערהייבן - רייך מאכן' געוויסע מענטשן. **וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה** און ווען מען גיבט צדקה, טוט מען אויך אט די צוויי חלקים פון 'משפט' - צו 'דערנידערן' און 'דערהייבן' (-ארים מאכן, און רייך מאכן), ווי פאלגנד: **הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל** סיי ער 'דערנידערט' זיך אליין דורך צדקה, **שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ** מיט דעם וואס ער מאכט אז עס זאל פעלן פון זיין געלט (ווייל 'דערנידערן' מיינט - 'ארים מאכן'), **וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים** און סיי ער 'דערהייבט' דעם ארימאן דורך צדקה, **שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי** מיט דעם וואס ער מאכט רייך דעם ארימאן (ווייל 'דערהייבן' מיינט - 'רייך מאכן')[לא], **נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט** קומט אויס, אז ער כאפט זיך אן אין די מדה פון 'משפט' [-ער האט א שייכות דערצו] דורכדעם וואס ער גיבט 'צדקה', ווייל ער טוט א זאך (-'דערנידערן' און 'דערהייבן'), וואס דאס איז די מדה פון 'משפט'[לב], דערפאר איז ער זוכה דורך די **צדקה** צו די מדה פון **'משפט'**, וואס דורכדעם קען ער דאווענען ריכטיג[לג].

**וּבִשְׁבִיל זֶה** און וויבאלד דורכ'ן געבן 'צדקה' איז מען זוכה צו ('משפט', וואס דאס ברענגט) די ריכטיגע 'תפלה', דערפאר איז די הלכה, אז **צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה** מען דארף אפשיידן געלט פאר צדקה, פאר'ן דאווענען[לד], **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט** כדי דורכדעם זאל ער קענען פירן די דיבורים פון תפלה מיט די מדה פון 'משפט', **שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא** וואס דאן קען ער צילן מיט זיין 'כלי זיין' [-מיט זיין דאווענען], 'פונקט' אויפ'ן האר, און נישט קיין טעות האבן, אוועקבייגן פון דעם ריכטיגן ציל רעכטס אדער לינקס.

**וְזֶה** און דער ענין - אז דורך 'צדקה' איז מען זוכה אז די 'תפלה' זאל זיין אויפ'ן ריכטיגן אופן - דורך (די מדה פון 'יעקב'-) 'משפט', דאס איז מרומז **שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אין די ווערטער פון די גמרא (בבא בתרא קכג.), ווייל די גמרא פרעגט: **לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף?** פארוואס האט יעקב געגעבן די בכורה פאר יוסף? ענטפערט די גמרא: **בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ** וויבאלד יוסף האט געגעבן צו עסן פאר יעקב אין די הונגער יארן, **מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ'** און די גמרא ברענגט א משל: א בעל הבית האט אויפגעצויגן א יתום ביי זיך אינדערהיים, שפעטער איז דער יתום רייך געווארן, האט ער געשטיצט דעם בעל הבית, די זעלבע - יוסף האט אויסגעהאלטן יעקב (-ווי דער בעל הבית וואס האט אויפגעצויגן דעם יתום), שפעטער האט יעקב באצאלט פאר יוסף מיט די בכורה (-ווי דער יתום וואס האט שפעטער געשטיצט דעם בעל הבית); און דער רבי ערקלערט, אז די פנימיות דערפון איז, אז דורך די **צדקה** פון יוסף (-וואס ער האט געשפייזט יעקב), האט ער זוכה געווען צו מקבל זיין די 'בכורה - תפלה', פון **'יעקב - משפט'**[לה].

---

הערות

**כט.** און דער פסוק וועט זיך טייטשן אזוי: **"צדקת ה' עשה"** = דורכדעם וואס ער האט געטון צדקה, **"ומשפטיו"** = האט ער זוכה געווען צו די מדה פון 'משפט'.

**ל.** לויט אט די ראיה פונעם רבי'ן, איז גאר שיין די אויסדרוק פונעם פסוק: "משפט וצדקה **ביעקב**", ווייל 'יעקב' האט דאך זוכה געווען צו די מדה פון 'משפט', ווי ערקלערט אין סעיף ג', און כדי צו זוכה זיין צו 'משפט', דארף מען דאך גיבן צדקה, קומט אויס, אז וויבאלד יעקב האט זוכה געווען צו 'משפט', איז דאך זיכער אז ער האט געגעבן צדקה, ווייל בלויז דורכדעם איז ער צוגעקומען צו 'משפט', דערפאר זאגט דער פסוק, אז 'יעקב' האט פארמאגט סיי די מדה פון 'משפט', און סיי 'צדקה'.

**לא.** עס איז מרומז אין אט די ווערטער פונעם רבי'ן, אז די מצוה פון צדקה דארף צוגיין, דורך 'ענוה' און 'שפלות' - אז מען זאל פארשטיין, אז ער איז נישט ווערד צו האבן די געלט, און עס קען גאר זיין, אז דער ארימאן איז פיל ערליכער ווי אים, נאר צוליב די חסדים פונעם אויבערשטן, שענקט ער אים די געלט. און ווען ער געדענקט דאס, וועט ער אוודאי גיבן פארן ארימאן צדקה, מיט א שמחה, און מיט א ברייטקייט, און דאס איז דער טעם, פארוואס צדקה ווערט אנגערופן: **"זה ישפיל"** - ווייל צדקה קומט פון א 'שפלות', אז ער פארשטייט זיין 'נידריגקייט'.

ווי אויך איז מרומז דא, אז בשעת'ן גיבן צדקה דארף מען 'דערהייבן' דעם ארימאן פון זיין צובראכנקייט, און אים מחזק זיין און משמח זיין, און דערפאר ווערט צדקה אנגערופן: **"זה ירים"** - ווייל ער 'דערהייבט' דעם ארימאן (ליקוטי הלכות תפילין ו', כ"ד).

**לב.** ווייל די טעם פארוואס א מענטש גיבט צדקה, איז וויבאלד ער מאכט א ריכטיגע 'משפט' - אז ער איז זיך מתבונן אז ס'איז נישט ריכטיג און אויסגעהאלטן אז ער זאל האבן אסאך געלט, אין די צייט וואס דער ארימאן האט נישט די מינימום, און דערפאר פארשטייט ער אז ער דארף 'דערנידערן' זיך, און 'אויפהייבן' דעם ארימאן, דורכ'ן אים גיבן צדקה, קומט אויס, אז די 'שורש' פון צדקה איז צוליב 'משפט'.

**לג.** דאס הייסט, אז אפילו אזא מענטש וואס ער פארמאגט נאכנישט באמת די מדה פון 'משפט', און דערפאר קען ער נאכנישט דאווענען ריכטיג אויפ'ן פונקטליכן מיטל-וועג, אבער אויב וועט ער גיבן צדקה, וואס דאס איז א 'חיצוניות'דיגע פעולה' פון 'משפט', באקומט ער עפעס א שייכות מיט די מדה (-ער כאפט זיך אן דערין), און דורכדעם איז ער מעורר, אז ער זאל טאקע זוכה זיין צו די 'פנימיות' פון די מדה פון 'משפט' בשלימות.

**לד.** אזויווי די גמרא זאגט אין בבא בתרא (דף י.), און עס ווערט גע'פסק'עט אין שולחן ערוך סימן צ"ב, י'.

**לה.** אט די אויספיר פון די ראיה וואס מיר האבן דא אויסגעשמועסט, ברענגט דער רבי אליין וייטער סוף סעיף, נאכדעם וואס ער ברענגט נאך א ראיה (פון דעם פסוק 'ויכלכל יוסף') אז יוסף הצדיק האט זוכה געווען צו 'משפט' דורך 'צדקה', דאן קומט ער צוריק און ענדיגט אויס די חשבון פוןביידע ראיות צוזאמען, און מיר האבן עס שוין דא אויסגעפירט, כדי ס'זאל זיין קלאר און פארשטענדליך.

ד **וְעַל־יְדֵי** מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בַּמִּשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

ה **וְעִקַּר** שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיִּתֻּקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

ו **וְצָרִיךְ** כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ: מֹשֶׁה, שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ (ח). וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בְּשִׁיפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בְּשִׁיפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

**וְכָל** הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִּן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

**וְזֶה** שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חֲזֵינַן **לְהַאי כַּוְרָא** וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשָׁתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שְׁיָפָא וּשְׁיָפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

**בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב**

**אָמַר** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: **זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזֵינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא** לֵהּ **חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ**, וְקָדְחָה **אַגְמָא עִלָּוֵהּ. סַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְקִינַן וְאָפִינָן וּבַשְׁלִינַן אַגַּבֵּהּ, וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפִּיךְ. וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא הֲוָה טַבְעִינָן:**

**רַשְׁבַּ"ם:**

דְּיָתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ. שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: וְקָדְחָה. עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הִיא. אִיֵּי הַיָּם הִיא:

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ **חֲזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יָתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כו. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

נאך א ראיה אז ׳יוסף הצדיק׳ האט זוכה געווען דורך צדקה צו א ריכטיגע תפלה (מיט ׳משפט׳):

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי ס׳שטייט אין פסוק (בראשית מז): **״וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף״** - ״יוסף האט געשפייזט אין די הונגער יארן, זיין טאטע און זיינע ברידער מיט ברויט, לויט וויפיל עס האט זיך אויסגעפעלט פאר אלע קינדער פון יעדע משפחה״, וואס דאס מיינט אז יוסף האט געגעבן ׳צדקה׳; טייטשט דער רבי, אז די ווארט ״הטף״ וועט זיך טייטשן **כְּמוֹ (יחזקאל כא): ״הַטֵּף אֶל דָּרוֹם״** אזויווי דער פסוק: ״הטף אל דרום״, **(לָשׁוֹן דִּבּוּר)** וואס אין יענעם פסוק, איז דער טייטש פון ״הטף״ - א לשון פון ׳דיבור׳ (דער אויבערשטער האט געזאגט פאר׳ן נביא: ״רעד צו ירושלים [-וואס געפינט זיך אויף דרום]״), און די זעלבע וועט זיין דער פשט דא אין דעם פסוק פון ״לפי הטף״, און ס׳איז כאילו ס׳וואלט געשטאנען ״לפי דיבור״ [-צום מויל - דיבורים], **הַיְנוּ** און דער פשט אין די פסוק וועט זיין: **שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו** אז די תפלה פון יוסף (-״הטף״ - ׳דיבורים׳ פון תפלה), איז געווען געשיקט פונעם אויבערשטן אין זיין ׳מויל׳ (-״לפי״) [-אז דער אויבערשטער האט אריינגעשיקט מסודר׳דיגע און ריכטיגע ׳דיבורים׳ אין זיין ׳מויל׳, וואס דאס מיינט אז ער האט געהאט די מדה פון ׳משפט׳ ביים דאווענען][לו], און דאס האט ער זוכה געווען **עַל יְדֵי הַצְּדָקָה** דורך די צדקה וואס ער האט געטון (-אז ער האט געשפייזט זיין טאטע און זיינע ברידער)[לז].

פירט דער רבי אויס, אז מען זעט פון די אויבנדערמאנטע מאמר חז״ל (אז יעקב האט געגעבן די בכורה פאר יוסף צוליב וואס ער האט אים געשפייזט), און פון די אויבנדערמאנטע פסוק (״ויכלכל יוסף״ וכו׳): **וְעַל יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה** אז דורך די צדקה וואס יוסף האט געטון, **נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה** דורכדעם האט אים ׳יעקב - משפט׳, געגעבן די ׳בכורה - תפלה׳, און דורך אט די מדה פון **משפט** האט ער זוכה צו די ריכטיגע שלימות אין **תפלה**, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: ״וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם״ אֲנִי דַּיְקָא** און ווי עס איז אויבן ערקלערט געווארן, אז דער פסוק דערציילט, אז יעקב האט ספעציעל געדרוקט, אז ׳איך׳ (-יעקב) האב דיר געגעבן די בכורה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט** און דאס איז, ווייבאלד יעקב איז די מדה פון ׳משפט׳.

**בקיצור:** דורך צדקה איז מען זוכה צו באקומען די מדה פון משפט ❖ די מצוה פון צדקה איז א פעולה פון משפט, צו דערנידערן זיך אליינס און אויפהייבן דעם ארימאן ❖ דער טעם פארוואס מ׳דארף געבן צדקה פאר׳ן דאווענען איז, ווייל דורך צדקה קען מען דאווענען גענוי אויפ׳ן ריכטיגן אופן ❖ ווייבאלד יוסף האט געגעבן צדקה, דערפאר האט ער זוכה געווען צו מקבל זיין די בכורה - תפלה, פון יעקב - משפט ❖ דורך צדקה איז מען זוכה אז דער באשעפער שיקט אריין פאר׳ן מענטש ריכטיגע דיבורים ביים דאווענען.

## סעיף ה

### פון וואו קומען די אלע מחשבות זרות וואס שטערן דעם מענטש פון דאווענען

[לח]**וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת** און די עיקר סיבה פון וואו עס קומען צום מענטש ׳מחשבות זרות׳ ביים דאווענען, **הֵם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט** איז צוליב וואס די מדה פון ׳משפט׳ איז פארדארבן [-אז דאס איז נישט בשלימות ביי דעם מענטש, ווייבאלד ער האט נישט געגעבן צדקה][לט][מ].

וואס איז די שייכות פון ׳קלקול המשפט׳ און ׳מחשבות זרות׳?

[מא]**כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן** ווייל די מדה פון ׳משפט׳ איז די זעלבע בחינה ווי די ׳אויגן׳, א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (בראשית יד): **״וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט״** - ״זיי זענען אנגעקומען צו א פלאץ וואס רופט זיך ׳עין משפט׳״, און ווייבאלד דער פסוק שטעלט צוזאם ׳עין - א אויג׳, מיט ׳משפט׳, זעט מען, אז **׳משפט׳** איז די זעלבע בחינה ווי די **אויגן**.

**זֶה** און דער ענין - אז ׳משפט׳ איז א בחינה פון ׳אויגן׳, איז אויך **בְּחִינַת (דברים לג): ״עֵין יַעֲקֹב״** מרומז אינעם פסוק: ״עין יעקב״, און ווייבאלד דער פסוק נוצט די אויסדרוק ׳עין׳ אויף ׳יעקב׳, וואס

---

הערות

**לו.** דער אפטייטש פון די ווארט ״שגורה״ איז - ׳געשיקט׳, דאס הייסט, אז דער אויבערשטער האט אים ׳אריינגעשיקט׳ אין מויל, ריכטיגע און מסודר׳דיגע דיבורים (זע ליקוטי מוהר״ן סימן י׳), ווייל באמת איז נישט מעגליך מיט א מענטשליכע כח, צו קענען אויסרעכענען גענוי - די ריכטיגע דיבורים און מחשבות פון דאווענען, און זיך נישט בייגן אפילו א האָר צו רעכטס, אדער צו לינקס. נאר אויב דער מענטש גיבט צדקה, וואס דורכדעם איז ער זוכה צו די מדה פון משפט, דאן ׳שיקט׳ אים דער אויבערשטער הימלישע און געטליכע כחות, צו קענען דאווענען א פונקטליכע און מסודר׳דיגע תפלה (ווי ערקלערט סוף פון די תורה, אז די גאנצע כח פון אונזער תפלה, קומט נאר פונעם אויבערשטן)

דאס איז די כוונה דא, אז יוסף האט זוכה געווען דורך זיין צדקה (צו די מדה פון ׳משפט׳, און דאן-) האט דער אויבערשטער אים ׳געשיקט׳ ווערטער אין זיין מויל, וואס דורכדעם איז זיין תפלה געווען ריכטיג און פונקטליך.

**לז.** און דער פסוק וועט זיך טייטשן אזוי: **ויכלכל יוסף את אביו ואת אחיו לחם** = יוסף האט געגעבן ׳צדקה׳, און דורך דעם האט ער זוכה געווען: **לפי הטף** = אז זיין תפלה איז געווען מסודר׳דיג, מיט ׳משפט׳.

**לח.** אין די פריערדיגע צוויי סעיפים האבן מיר געלערנט, אז ווען דער מענטש פארמאגט נישט די מדה פון ׳משפט׳ - קען מען נישט מתפלל זיין ריכטיג, ווייל מ׳בייגט רעכטס אדער לינקס; יעצט אין דעם סעיף וועט דער רבי ערקלערן נאך א פראבלעם וואס פאסירט ביים דאווענען, אויב מען פארמאגט נישט די מדה פון ׳משפט׳.

**לט.** מען קען פארשטיין די טעם דערפון - ווייבאלד דורך די מדה פון ׳משפט׳ קען מען דאך פירן די דיבורים פון תפילה פונקט אויפ׳ן ריכטיגן וועג, ווי ערקלערט אויבן, און פונקט ווי דאס איז מיט די ׳דיבורים׳ פון תפלה, די זעלבע איז מיט די מחשבות, אז ווען דער מענטש פארמאגט די מדה פון ׳משפט׳, קען ער אינזין האבן די ווערטער פון דאווענען, מיט א ריכטיגע און קלארע מחשבה, אבער ווען א מענטש פארמאגט נישט די מדה פון ׳משפט׳, בייגט זיך זיין מחשבה צו רעכטס און צו לינקס, און ער קען זיך נישט קאנצעטרירן צו פירן זיין מחשבה, אז ער זאל אינזין האבן בלויז די טייטש פון דאווענען, און צו שפירן פונקט ווי ער שטייט פאר א קעניג, וכדו׳ (מים עמוקים).

**מ.** עס איז כדאי צו וויסן, אז אין די ענין פון מחשבות זרות איז דא גאר אסאך מדריגות, און מ׳זעט פון די ווערטער פונעם רבי׳ן דא, אז אפילו צדיקים, וואס זענען ריין פון פגם הברית, און דערפאר האבן זיי שוין זוכה געווען צו תפלה (ווי ערקלערט אין סעיף ב׳), אבער אויב פארמאגן זיי נישט אט די מדה פון ׳משפט׳, קען דאס זיי ברענגען מחשבות זרות, ווייל דער עיקר כח קעגן מחשבות זרות - איז די מדה פון ׳משפט׳. נאר ווי פארשטענדליך, ביי זיי איז דאס איידעלע סארט מחשבות זרות, לויט זייער מדריגה.

**מא.** כדי צו פארשטיין די שייכות פון ׳קלקול המשפט׳ מיט ׳מחשבות זרות׳ - ערקלערט דער רבי עטליכע ידיעות, און ער שמועסט אויס יעדע איינע מיט ראיות וכדו׳, און נאר נאכדעם וועט מען דאס פארשטיין קלאר.

**ד וְעַל־יְדֵי** מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

**ה וְעִקַּר** שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

**ו וְצָרִיךְ** כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ: מֹשֶׁה, שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ (ח). וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שַׁיְפָא בְּשַׁיְפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

**וְכָל** הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

**וְזֶה** שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חֲזִינַן לְהַאי כַּוְרָא וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשָׁתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעִמָּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם,

**בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב**

**אָמַר** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: **זִמְנָא** **חֲדָא** **הֲוָה** **קָאָזְלִינַן** **בִּסְפִינְתָּא**, **וַחֲזִינַן** **הַהוּא** **כַּוְרָא** **דְּיָתְבָא** **לֵהּ** **חַלְתָּא** **אַגַּבֵּהּ**, וְקָדְחָה **אַגְמָא** **עִלָּוֵהּ**. סַבְרִינָן **יַבֶּשְׁתָּא** **הוּא**, וְסַלְקִינָן **וַאֲפִינָן** **וּבַשְׁלִינָן** **אַגַּבֵּהּ**, **וְכַד** **חַם** **גַּבֵּהּ** **אִתְהַפִּיךְ**. **וְאִי** **לָאו** **דַּהֲוָה** **מְקָרְבָא** **לִסְפִינְתָּא** **הֲוָה** **טַבְעִינָן**:

**רַשְׁבַּ"ם:**

**דְּיָתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִיֵּי הַיָּם הִיא:

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שַׁיְפָא וְשַׁיְפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ **חֲזִינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יָתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כז. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

'יעקב' איז דאך מרמז אויף 'משפט', איז דא מרומז, אז '**משפט**' איז די זעלבע בחינה ווי די **אויגן**.

לויט דעם (-אז 'משפט' איז די זעלבע בחינה ווי די אויגן), פארשטייט מען אז **וְעַל יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט** דורכדעם וואס די מדה פון 'משפט' איז נישט ווי עס דארף צו זיין, **בָּא קִלְקוּל לְעֵינַיִן** ווערט שוואך די כח פון די 'אויגן'; א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (דברים טז): **"כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים"** - "מען טאר נישט נעמען קיין 'שוחד', ווייל 'שוחד' מאכט בלינד די אויגן פון די חכמים", זעט מען, אז ווען עס איז נישט דא דער ריכטיגער 'משפט' (-דורכ'ן נעמען שוחד)[מב], דאן איז דאס גורם אז די אויגן ווערן בלינד, און דאס זעלבע פאסירט ביי תפלה, אז ווען די מדה פון 'משפט' איז נישט בשלימות, דאן שוואכט דאס אפ די פנימיות'דיגער כח פון די אויגן[מג].

[מד]**זֶה** און דער ענין - אז די אויגן ווערן שוואך, דורך די קלקול פון די 'משפט', **בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה** די פנימיות דערפון איז - אז מען ווערט נכשל מיט מחשבות זרות וואס קומען אריין ביים דאווענען, וואס איז די שייכות פון די 'אויגן' צו 'מחשבות זרות'? **שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עַיְנִין** ווייל די 'מחשבות זרות' זענען די 'ענגין דמכסין על עינין' - וואלקענעס [-'קליפות' וואס זענען געגליכן צו וואלקענעס], וואס פארשטעלן די ליכטיגקייט און די זעה-קראפט פון די אויגן[מה], א ראיה אז די וואלקענעס ברענגען די מחשבות זרות: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי עס שטייט אין פסוק (איכה ג): **"סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ" וכו'** - "[דער נביא קלאגט פאר'ן אויבערשטן:] דו האסט פארשטעלט די הימלען מיט וואלקענעס, כדי נישט צו לאזן אונזערע תפלות דערגרייכן צו דיר"; זעט מען, אז די קליפות וואס ווערן אנגערופן 'וואלקענעס', שטעלן זיך אקעגן די תפלה[מו]; און דערמיט פארשטייט מען, פארוואס ווען די 'משפט' איז נישט בשלימות, ווערט מען נכשל אין 'מחשבות זרות', ווייל ווען די משפט איז מקולקל, איז דאס גורם אז עס זאלן קומען 'וואלקענעס' און פארשטעלן די 'אויגן', און אט די וואלקענעס שטערן די תפלה, מיט מחשבות זרות[מז][מח].

[מט]**וּלְעָתִיד, שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט** און וויבאלד לעתיד לבא - ווען משיח וועט קומען, וועט ווערן פארראכטן בשלימות, די מדה פון 'משפט'; א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (ישעיה יא): **"צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה"** - "ציון [-ירושלים] וועט ווערן אויסגעלייזט פון די גויים, דורך 'משפט' [-ווען מען וועט פירן אמת'דיגע משפטים על פי תורה]", זעט מען, אז **לעתיד** וועט זיין בשלימות די מדה פון 'משפט', **אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא** דערפאר וועט דאן בטל ווערן אט די קליפות וואס זענען ווי 'וואלקענעס' וואס פארשטעלן די ליכטיגקייט פון די אויגן, און זיי שטערן די תפלה מיט 'מחשבות זרות'; א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי עס שטייט אין פסוק (שם נב): **"כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ד' צִיּוֹן"** - "ווען דער אויבערשטער וועט זיך צוריק קערן קיין ציון [-ירושלים], וועלן די אידן זען קלאר מיט די אויגן די גרויסקייט פונעם אויבערשטן", זעט מען, אז לעתיד וועלן בטל ווערן די קליפות וואס פארדעקן די **אויגן**, און מ'וועט קענען **זען קלאר**, און די טעם דערפון איז, ווייל דאן וועט ווערן פארראכטן בשלימות די מדה פון '**משפט**[נ]'.

---

הערות

**מב.** א דיין טאר נישט האבן קיין שום אייגענע אינטערעס צו געבן גערעכט פאר איינעם פון די בעלי דינים מער ווי דעם אנדערן, און נאר דאן קען ער פסק'ענען א ריכטיגע 'משפט' (ווייל זיין מיינונג בייגט זיך נישט צו קיין איינס פון די צוויי זייטן, נאר ס'איז פונקט אינמיטן), אבער אויב נעמט ער 'שוחד' - האט ער שוין א אינטערעס אז 'דער' בעל דין זאל ארויסקומען גערעכט, און דערפאר האט ער שוין נישט די מדה פון 'משפט' (ווייל ער שטייט שוין נישט פונקט אינמיטן, נאר ער איז געבויגן צו איין זייט), און דערפאר טאר ער שוין נישט פסק'ענען.

**מג.** ס'איז אויבן ערקלערט געווארן, אז דורכ'ן געבן צדקה איז מען זוכה צו די מדה פון 'משפט', און טאקע דערפאר פארלירט מען די מדה פון 'משפט' דורכ'ן נעמען שוחד, ווייל די באדייט פון שוחד איז, צו נעמען פאר 'זיך' געלט פון 'יענעם', וואס דאס איז פונקט די פארקערטע פון צדקה - צו געבן 'זיין' געלט פאר 'יענעם'.

דערפאר דארף מען זיין שטארק געווארנט, נישט צו אנרירן אין א פרוטה פון א פרעמדן, און שטארק אכטונג געבן נישט צו נעמען קיין שום געלט, וואס איז נישט קלאר און זיכער אז דאס באלאנגט טאקע פאר אים, כדי נישט צו פוגם זיין חס ושלום אין די מדה פון 'משפט', וואס דאס ברענגט מחשבות זרות ביים דאווענען (ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל, בשם הגה"ק רבי אברהם בר"נ זצ"ל).

**מד.** לויט דעם יסוד אז 'משפט' איז די זעלבע בחינה ווי די אויגן, און 'קלקול המשפט' ברענגט אז די אויגן זאלן ווערן מקולקל, פירט דער רבי אויס דעם טעם פארוואס דורך 'קלקול המשפט' קומען 'מחשבות זרות'.

**מה.** ס'ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (במדבר דף רנב:), אז עס זענען דא צוויי קליפות וואס רופן זיך 'וואלקענעס', און זיי פארשטעלן די ליכטיגקייט און די זעה-קראפט פון די אויגן; דער רבי ערקלערט דא, אז די פנימיות'דיגע כוונה פונעם זוהר - אז זיי פארשטעלן אויף די אויגן איז, אז די 'וואלקענעס' ברענגען מחשבות זרות' און שטערן דעם מענטש פון דאווענען, און דאס ווערט אנגערופן אז זיי פארדעקן די 'אויגן' (זע ווייטער הערה מז).

**מו.** ווייל דער פסוק זאגט, אז די 'וואלקענעס' האלטן אפ, אז די תפלה זאל נישט קענען ארויפגיין צום אויבערשטן, און דער רבי לערנט אפ, אז די כוונה דערפון איז, אז די 'וואלקענעס' ברענגען אריין אין די מוח פונעם מענטש 'מחשבות זרות' ביים דאווענען, און אזעלכע תפלות וואס זענען פול מיט מחשבות זרות קענען נישט ארויפגיין צום כסא הכבוד און ווערן אנגענומען, דערפאר קומט אויס אז די 'וואלקענעס' (-די מחשבות זרות) האלטן אפ, אז די תפלה זאל נישט קענען ארויפגיין צום אויבערשטן.

**מז.** עס איז באקאנט, אז די כח פון זען מיט די אויגן קומט פון די 'מח' פון א מענטש, און דערפאר ווען א מענטש האט א ריינע מח, ווערט דאס אנגערופן אז זיינע אויגן קענען זען קלאר. און דאס פאסירט אויך ביי תפלה, אז אויב דער מענטש פארמאגט די מדה פון 'משפט', דאן איז ער זוכה אז זיין תפלה זאל זיין מיט א קלארע און ריינע מחשבה, און ער קען זיך מדבק זיין אין השי"ת, מיט זיין מחשבה, ווי כאילו ער 'זעט' כביכול דעם אויבערשטן.

אויב אבער ער האט נישט די מדה פון 'משפט', דאן זענען זיך מתגבר אויף אים קליפות, וואס זענען ווי 'וואלקענעס', און זיי פארטונקלן די כח פון זיינע אויגן, אז ער זאל נישט קענען טראכטן ביים דאווענען בלויז פונעם אויבערשטן, נאר ס'קומען צו אים פארשידענע מחשבות זרות, וואס זיי זענען א מחיצה צווישן דעם מענטש מיט'ן אויבערשטן, און ער קען נישט כביכול 'זען' דעם אויבערשטן, מיט זיין מחשבה.

**מח.** די הסבר איז געבויעט פון עטליכע נקודות, 1) צום ערשט איז דער רבי מקדים - אז 'משפט' איז די זעלבע בחינה פון 'עינים', 2) דערנאך ערקלערט ער, אז פארקערט - 'קלקול המשפט' איז 'קלקול העינים', און די אויגן קענען נישט זען גוט, 3) דערנאך ברענגט ער פון זוהר הקדוש, אז ווען די אויגן זעהען נישט גוט - דאס רופט זיך אז עס זענען דא 'וואלקענעס' [קליפות] וואס פארדעקן אויף די אויגן, 4) דערנאך ברענגט ער א פסוק, אז די וואלקענעס שטערן דעם דאווענען [-און זיי לאזן נישט דאווענען מיט כוונה], און ווען מ'שטעלט צוזאם די אלע ידיעות קומט ארויס אז ווען ס'איז נישט דא קיין משפט (וואס דאן ווערן די אויגן פארשטעלט דורך די וואלקענעס), דאן קומען 'מחשבות זרות' (וואס זיי קומען דורך די וואלקענעס), און זיי שטערן די תפלה, אז ס'זאל נישט ווערן אנגענומען און פועל'ן ריכטיג.

**מט.** לויט ווי ס'איז ערקלערט געווארן, אז דורך 'קלקול המשפט' ווערט א פגם אין די אויגן, און ס'קומען 'מחשבות זרות' וואס שטערן דאס דאווענען, איז פארשטענדליך, אז אויב איז מען יא זוכה צו 'משפט' - ווערן בטל די וואלקענעס (וואס ברענגען מחשבות זרות), און מ'קען יא זען קלאר (-דאווענען מיט א ריינע כוונה).

דער רבי וועט דאס אויפווייזן ביי צוויי פלעצער - לעתיד לבא, און יוסף הצדיק, וואס ביי ביידע איז דא א שלימות פון 'משפט', און מיר געפינען ביי ביידע, א כח אין די אויגן. (און פון דעם קומט אויס נאך צוויי ראיות אז מחשבות זרות (-וואלקענעס) ווענדט זיך צי ס'איז דא 'משפט' אדער נישט).

**נ.** ווי ערקלערט אויבן (סעיף א'), וועט משיח זוכה זיין צו די שלימות פון תפלה, און צו די מדה פון 'משפט', דערפאר וועט משיח - מיט די כח פון זיין שלימות'דיגע

ד וְעַל־יְדֵי מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (כ"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בַּמִּשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

ה וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיִּתְתַּקֵּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

ו וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת משֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה משֶׁה, כְּמוֹ: משֶׁה, שַׁפִּיר קָאָמַרְתְּ (ח). וּמשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא משֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שִׁיְפָא בְּשִׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא משֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל משֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שִׁיְפָא בְּשִׁיְפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם משֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חֲזִינַן לְהַאי כַּוְרָא וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשָׁתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם משֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שִׁיְפָא וְשִׁיְפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא משֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזִינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ, וְקָדְחָה אַגְמָא עִלָּוֵהּ. סַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְקִינַן וַאֲפִינַן וּבַשְׁלִינַן אַגַּבֵּהּ, וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפִּיךְ. וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא הֲוָה טַבְעִינַן:**

רַשְׁבַּ"ם:

דְּיָתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ. שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: וְקָדַח. עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הִיא. אִיֵּי הַיָּם הִיא:

וְזֶה פֵּרוּשׁ **חֲזִינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת משֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יָתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל משֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כז. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

**וּבִשְׁבִיל זֶה** און וויבאלד יוסף האט זוכה געווען צו די מדה פון ׳משפט׳ - דורך זיין צדקה (ווי ערקלערט אין דעם פריערדיגן סעיף), דערפאר **נִקְרָא יוֹסֵף** ווערט יוסף אנגערופן אין פסוק (בראשית מט): **״בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן״** - ״א זון [-פון יעקב] וואס ער געפינט חן אין די אויגן פון אלע וואס זען אים״, און דא איז מרומז אז **יוסף** האט זוכה געווען צו די שלימות פון די **אויגן** (-צו ווערן געראטעוועט פון מחשבות זרות)[נא].

**בקיצור:** די הויפט סיבה פון מחשבות זרות ביים דאווענען, איז צוליב וואס די מדה פון ׳משפט׳ איז נישט בשלימות ❖ דורכדעם וואס מען איז פוגם אין ׳משפט׳, ווערט פארשטעלט די ליכטיגקייט פון די אויגן דורך וואלקענעס, וואס דאס מיינט, אז די תפלה ווערט געשטערט דורך מחשבות זרות, און די תפלה קען נישט ארויפגיין אין הימל ❖ לעתיד ווען די ׳משפט׳ וועט זיין בשלימות וועלן אט די וואלקענעס בטל ווערן פון די אויגן ❖ יוסף האט זוכה געווען צו די שלימות פון די אויגן, צוליב זיין שלימות אין די מדה פון ׳משפט׳.

## סעיף ו

### מען דארף זיך מקשר זיין ביים דאווענען צו די צדיקי הדור, און נאר דאן פועל׳ט די תפלה ריכטיג

[נב]**וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ** און יעדער איד דארף אינזין האבן בשעת זיין דאווענען, **שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר** אז ער זאל זיך ׳מקשר זיין׳ [-צובינדן זיין נשמה, און זיין תפלה], צו די צדיקים פון די דור[נג], א טעם דערויף: **כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ** ווייל יעדער צדיק פונעם דור איז אין א געוויסע בחינה ווי ׳משה רבינו׳, וואס ער איז די בחינה פון ׳משיח׳.

א ראיה אז יעדער צדיק איז א בחינה פון משה:

**כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ** אזויווי מיר געפינען אין גמרא[נד], **שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה** אז די צדיקים האבן זיך גערופן איינער פאר׳ן אנדערן מיט׳ן נאמען - ׳משה׳, **כְּמוֹ** אזויווי איין אמורא האט זיך אויסגעדרוקט צו זיין חבר: **מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאָמְרַתְּ** - ״משה, דו האסט געזאגט א ריכטיגע זאך[נה]״, זעט מען, אז יעדער צדיק איז א בחינה פון משה. **וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ** און יעצט וועט דער רבי ברענגען א ראיה, אז משה רבינו איז א בחינה פון משיח: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי ס׳שטייט אין פסוק (בראשית מט): **״עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה״** - ״[די קעניגרייך וועט זיך אלעמאל האלטן ביי שבט יהודה] ביז ׳שילה׳ [-וואס דאס מיינט ׳משיח׳] וועט קומען״, און וויבאלד די ווארט ״שילה״ וואס גייט ארויף אויף ׳משיח׳, איז בגימטריא מש״ה (=345), דערפאר זאגט דער זוהר הקדוש (בראשית כה:): **דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ** אז ׳שילה׳ מיינט סיי ׳משה׳ און סיי ׳משיח׳[נו], און יעדער **צדיק** איז דאך א בחינה פון **׳משה׳**, דערפאר איז ער אויך א בחינה פון **׳משיח׳**.

[נז]**וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל** און יעדע איינציגסטע תפלה וואס יעדער איד דאווענט, **הוּא בְּחִינַת אֵבֶר מֵהַשְּׁכִינָה** איז א בחינה פון א געוויסע איבר פון די גאנצע געבוי פון די שכינה [-אז יעדע תפלה בויעט אויף א איבר פון די שכינה], **שֶׁהֵם** וואס אט די אלע איברים פון די שכינה, זענען **אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן** קעגן אלע חלקים (-׳איברים׳) פון די געבוי פון די ׳משכן׳[נח], און

---

הערות

תפלה - מלחמה האלטן מיט די קליפות (-וואלקענעס), וואס זיי ברענגען אריין מחשבות זרות אין די אידן בשעת׳ן דאווענען, און דערפאר וועלן לעתיד אלע אידן געראטעוועט ווערן פון אט די וואלקענעס דורך די כח פון משיח, און וועלן זוכה זיין צו דאווענען אָן קיין מחשבות זרות, וואס זיי זענען א מחיצה צווישן אונז און דעם אויבערשטן, נאר מיר וועלן אלע כביכול ׳זען׳ דעם אויבערשטן, און זיך מדבק זיין אינעם אויבערשטן מיט ריינע מחשבות (זע מי הנחל, ביאור הליקוטים ה׳).

**נא.** ווי ערקלערט אויבן (סעיף ב׳ בהגה), איז מרומז אין די ווארט פור״ת פון דעם פסוק, אז יוסף האט זוכה געווען צו די 686 ליכטיגקייטן, וואס דאס איז די גימטריא פון פור״ת, און לויט דעם וועלן די ווערטער אין פסוק זיך טייטשן אזוי: **״בן פורת״** = א זון וואס ער האט זוכה געווען צו א ליכטיגקייט (-פור״ת), **״עלי עין״** = אויף זיינע אויגן, דאס הייסט, אז זיינע אויגן זענען נישט פארטונקלט געווארן דורך די וואלקענעס וואס פארשטעלן די אויגן, נאר פונקט פארקערט, ס׳האט געשיינט א געטליכע ליכטיגקייט אויף זיינע אויגן, און ער האט געקענט כביכול ׳זען׳ דעם אויבערשטן, מיט א קלארקייט, צוליב וואס ער האט געהאט די מדה פון ׳משפט׳.

**נב.** יעצט וועט דער רבי ערקלערן נאך א תנאי וואס פעלט אויס, פאר די שלימות פון תפלה.

**נג.** די באדייט פון זיך צובינדן צו צדיקים איז - צו ליב האבן דעם צדיק א ענדלאזע אהבה (ליקו״מ סי׳ קל״ה), ביז ער וועט ווערן אינגאנצן בטל צום צדיק, און ער וועט זיין גרייט צו אננעמען און מקיים זיין אלעס וואס דער צדיק זאגט, מיט א אמונה און תמימות (סי׳ קכ״ג), אט די מחשבות דארף מען אינזין האבן בשעת מ׳דאווענט, און דורכדעם ווערט מען פאראייניגט מיט׳ן צדיק, אז ווען ער דאווענט ווערט פאררעכנט ווי זיין תפלה איז א חלק פון די תפלה פונעם צדיק, און דער צדיק איז מעלה זיין די תפלה צום ריכטיגן פלאץ (חיי נפש מ׳); אין שיחות הר״ן (רצ״ו) ווערט געברענגט, אז מען דארף אויך ארויסזאגן מיט די מויל פאר׳ן דאווענען: ״איך בין זיך מקשר צו אלע צדיקים פון די דור״.

**נד.** שבת קא ע״ב, ועוד.

**נה.** דאס איז א אויסדרוק וואס אמוראים האבן גענוצט ווען איינער האט געוואלט באוואונדערן א סברה פון א צווייטן אמורא, און כאטש וואס דער אנדערער האט נישט געהייסן משה - דאך האט מען אים גערופן מיטן נאמען ׳משה׳, דאס ווייזט אז אלע צדיקים זענען די בחינה פון משה.

**נו.** דאס מיינט, אז די זעלבע נשמה פון משה רבינו, וועט אראפקומען נאכאמאל, מיט א גרעסערע ליכטיגקייט, און ער וועט זיין דער מלך המשיח, און ער וועט פאררעכטן די גאנצע וועלט, און צוריקקערן אלעמען צום אויבערשטן, אויף א פיל גרעסערע פארנעם ווי משה רבינו (שער הפסוקים פרשת ויחי, ליקוטי תורה פרשת ואתחנן, ועוד).

**נז.** מיר האבן געלערנט, אז וויבאלד יעדער צדיק איז ווי משה משיח, דערפאר דארף מען זיך מקשר זיין ביים דאווענען צום צדיק, יעצט וועט דער רבי אויספירן, וואס איז די שייכות פון ׳תפלה׳ צו דעם ׳צדיק - משה׳.

**נח.** צו פארשטיין קלארער, דארף מען מקדים זיין: די ׳שכינה׳ איז א געטליכע כח וואס דער אויבערשטער האט באשאפן, וואס זי רוהט אויף אונזער גשמיות׳דיגע וועלט, כדי מיר זאלן קענען האבן א שייכות מיט דעם אויבערשטן, און האבן עפעס פארשטאנד אין זיין גרויסקייט. אין די ספרי קבלה איז זי אויסגע׳משל׳ט, ווי זי באשטייט פון א גאנצע געבוי, פונקט ווי די געבוי פון א מענטש, מיט רמ״ח איברים און שס״ה גידים, וכדו׳ (ווי פארשטענדליך, איז דאס בלויז א משל, ווייל באמת איז נישט שייך ביי די שכינה קיין שום גשמיות׳דיגע צורה און אויסקוק, זע אויבן הערה ד), און די באדייט דערפון איז, אז עס זענען דא פילע אופנים ווי אזוי עס ווערט נתגלה די גרויסקייט פונעם אויבערשטן אויף דער וועלט, און יעדע סארט וועג פון אריינשיינען אויף דער וועלט די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, איז ווי א אנדערע ׳איבר׳ פון די שכינה (זע תיקוני זוהר דף יג:).

נאך א הקדמה: די ׳משכן׳ וואס אידן האבן געבויעט אין מדבר, האט געדינט אלס די מקור פון ׳השראת השכינה׳ אויף דער וועלט, און יעדע חלק פון די משכן, ווי די ברעטער, די יריעות, וכדו׳, איז געווען א ׳כלי׳ צו מקבל זיין די ליכטיגקייט פון א אנדערע ׳איבר׳ פון די שכינה (זע שערי אורה שער א׳).

יעצט צום ענין: דורך יעדע תפלה וואס יעדער איד בעט דעם אויבערשטן, איז ער גורם, אז ס׳זאל ווערן נתגלה די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, אז מיר - מענטשן פון דער וועלט זאלן קענען האבן א געפיל אינעם אויבערשטן (-וואס דאס איז דער

ד **וְעַל־יְדֵי** מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

ה **וְעִקַּר** שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיִּתְתַּקֵּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

ו **וְצָרִיךְ** כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ: מֹשֶׁה, שַׁפִּיר קָאָמְרַתְּ (ח). וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בִּשְׁיָפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בִּשְׁיָפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

**וְכָל** הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְּלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

**וְזֶה** שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: **חֲזִינַן לְהַאי כַּוְרָא** וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשָׁתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם,

**בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב**

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזִינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיַתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ, וְקָדְחָה אַגְמָא עִלָּוֵהּ. סַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְקִינָן וְאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן אַגַּבֵּהּ, וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפִּיךְ. וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא הֲוָה טַבְעִינָן:**

רַשְׁבַּ"ם:

**דְּיַתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִי הַיָּם הִיא:

כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שְׁיָפָא וּשְׁיָפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וַיַּשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ **חֲזִינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיַתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יַתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כז. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

ס'ווערט געברענגט אין חז"ל (זוהר פקודי רל"ח. - תנחומא פקודי י"א): **שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בִּשְׁיָפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ** אז קיין שום איד קען נישט צוזאמשטעלן אלע איברים [-חלקים] פון די 'משכן (-שכינה'), צו אריינלייגן יעדע איבר [-חלק] אויף איר ריכטיגע פלאץ, **אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד** נאר משה רבינו אליינס[נט][ס].

**בִּשְׁבִיל זֶה** און וויבאלד יעדע תפלה פון יעדער איד איז אזוי ווי א איבר פון די משכן (-שכינה), און ער קען עס נישט אליינס אריינשטעלן צום ריכטיגן פלאץ, דערפאר **צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר** דארף יעדער איד ברענגען און 'מקשר' זיין אלע זיינע תפלות צום צדיק הדור[סא] [-דורכדעם וואס ער איז מקשר די תפלות צום צדיק, איז כאילו ער 'ברענגט' זיינע תפלות צום צדיק], **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות לט): "**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה**" - "די אידן אין מדבר האבן געברענגט אלע חלקים פון די משכן - צו משה", (און יעדער צדיק הדור איז דאך א בחינה פון משה), **וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שְׁיָפָא בִּשְׁיָפָא** און משה (-דער צדיק הדור) ווייסט וויאזוי צוזאמצושטעלן אלע תפלות וואס זיי זענען איברים פון די שכינה - משכן איינס מיטן צווייטן, **וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה** און דורכדעם בויעט ער אויף בשלימות די געבוי פון די שכינה[סב], **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי עס שטייט אין פסוק (שם מ): "**וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן**" - "משה רבינו האט אויפגעשטעלט די משכן"[סג][סד].

**בקיצור:** יעדע תפלה איז א איבר פון די שכינה, וואס זי איז די משכן ❖ דערפאר דארף מען מקשר זיין אלע תפלות צום צדיק הדור, וואס נאר ער קען ארויפטראגן די תפלות צום ריכטיגן פלאץ, און אויפבויען מיט זיי די משכן ❖ יעדער צדיק הדור איז א בחינה פון משה און פון משיח, דערפאר קען נאר ער אויפבויען א משכן פון אלע תפלות פון כלל ישראל.

**די געוואלדיגע חשיבות פון עוסק זיין סיי אין תורה, און סיי אין תפלה**

[סה]**וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת** און יעדע ביסל תורה וואס א מענטש לערנט, מיט די כוונה - כדי צו אפהיטן די תורה [-נישט צו טון קיין עבירות], און מקיים זיין די תורה [-יא צו טון מצוות], **כָּל הָאוֹתִיּוֹת** אלע אותיות פון די תורה וואס ער האט געלערנט **הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת** זענען דאך הייליגע 'ניצוצות' [-פונקען] פון 'נשמות'[סו], און דורכ'ן לערנען מיט די ריכטיגע כוונה, ווערט נתעורר אויפ'ן מענטש די ליכטיגקייט פון אט די 'נשמות'[סז], **וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה** און זיי ווערן 'מלובש' [-אנגעקליידעט] אין די תפלה, ד.מ. אז ווען אט דער מענטש דאוונט, דאן גייען די נשמות (וואס זענען נתעורר געווארן דורך זיין תורה) אריין אין זיין תפלה, און די תפלה ווערט ווי א 'קלייד' פאר די נשמות, **וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם** און די נשמות ווערן דארט באנייט און אויפגעפרישט, **בִּבְחִינַת עִבּוּר** אזויווי בשעת א 'עיבור', וואס די קינד ווערט באפעסטיגט און באנייעט[סח].

**הגהה:** א ראיה אז די נשמות גייען אריין אין די תפלה, און זיי ווערן דארט באנייעט: **כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים** אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שער הגלגולים (הקדמה י"ג), **שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת** אז אלע נשמות - פאר זיי קומען אראפ

הערות

מהות פון די שכינה), און יעדע איינציגע 'תפלה' איז מגלה א ספעציעלע סארט ליכטיגקייט פון די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, און יעדער איינציגער 'איד' איז מגלה דורך זיינע תפלות א ספעציעלע סארט ליכטיגקייט, דערפאר ווערט געבויעט דורך 'יעדע' תפלה פון 'יעדער' איד - א ספעציעלע איבר פון די שכינה - משכן (זע זוהר הקדוש פקודי רלח. און נאך).

**נט.** דער זוהר הקדוש זאגט דארטן, אז די וואס האבן געבויעט דעם משכן האבן פרובירט צו אויפשטעלן אליין דעם משכן, אבער זיי האבן נישט געקענט, ביז זיי האבן עס געברענגט צו משה ("**ויביאו את המשכן אל משה**"), און נאר משה האט יא געקענט אויפשטעלן דעם משכן ("**ויקם משה את המשכן**").

**ס.** דער טעם פארוואס טאקע נאר דער צדיק הדור קען אויפבויען די שכינה, מיט אונזערע תפלות, איז - וויבאלד מיר האבן אויבן געלערנט (סעיף ב'), אז עס איז נישט מעגליך זוכה צו זיין צו די שלימות פון תפלה, בלויז דורך שמירת הברית, און בלויז דער צדיק הדור ווי משה און משיח, איז זוכה זיך צו הייליגן אינגאנצן מיט שמירת הברית, דערפאר האט ער די כח צו צוזאמשטעלן אלע תפלות, און אויפבויען פון זיי די שכינה.

דערפאר דארפן מיר אלע מקשר זיין אונזערע תפלות צום צדיק, וואס ער איז א שומר הברית בשלימות, און דורכדעם ווערן אונזערע תפלות אויך א חלק פון די משכן (ליקוטי עצות 'תפלה' ד', ועצות המבוארות), און דאן - אפילו אויב אונזערע תפלות זענען פיל מיט מחשבות זרות וכדו', פארמאגן אבער די צדיקים א כח, צו אויסרייניגן און ליכטיג מאכן אונזערע תפלות, און אויפבויען פון זיי די שכינה (ליקוטי תפלות).

**סא.** יעדער צדיק וואס לערנט תורה באקומט עפעס א 'ניצוץ' [-א פונק, א קליין חלק] פון די נשמה פון משה רבינו (תיקוני זוהר סט דף קיב), אבער בעיקר איז די כוונה אויף דער 'צדיק הדור' וואס ער איז א בחינה פון משה רבינו, און אלע צדיקים באקומען זייער כח פון אים (ספר הליקוטים להאריז"ל, קהלת), און ער האט ספעציעל די כח צו ארויפברענגען אלע תפלות פון כלל ישראל.

**סב.** דער רבי זאגט דא אז משיח וועט אויפבויען די שכינה בשלימות, דורך די תפילות פון די אידן (וואס זענען מקשר זייערע תפילות צו משה - משיח), און ווייטער וועט דער רבי ערקלערן, אז ווען די שכינה וועט ווערן אויפגעבויעט בשלימות, דאן וועט זיין די גאולה שלימה [-אז די שכינה וועט ארויסגיין פון גלות]; לויט דעם פארשטייט מען קלארער וואס מיר האבן געלערנט אנהויב תורה (סעיף א'), אז משיח וועט מכניע זיין און איינעמען אלע קליפות דורך 'תפלה', און לויט ווי מיר לערנען דא, קומט אויס אז די ריכטיגע פשט איז, אז דורך די תפילות פון 'אלע אידן' וועט משיח מכניע זיין די קליפות און אויפבויען די שכינה, דאס הייסט, אז 'אונזערע' תפילות - דאס איז די כלי זיין פון משיח מיט וואס ער איז מכניע די קליפות [און בויעט אויף די שכינה, און נעמט איר ארויס פון גלות].

**סג.** ווי דער זוהר הקדוש זאגט, האט משה רבינו אויפגעשטעלט די משכן, וואס איז געווען צוזאמגעשטעלט פון די תפלות פון אלע אידן. און ווי דער רבי לערנט אונז, פאסירט דאס אין יעדן דור, אז דער צדיק הדור (וואס איז א בחינה פון משה) בויעט אויף א 'משכן' פון די תפלות פון די אידן אין זיין דור.

עס ווערט אבער ערקלערט ווייטער, אז דער ריכטיגער שלימות וועט זיין - בלויז דורך משיח, (וואס ער איז די זעלבע נשמה פון משה, מיט א גרעסערע ליכטיגקייט (ווי ערקלערט אויבן, הערה נו)), וואס ער וועט צוזאמנעמען אלע 'משכנות' וואס די צדיקים פון אלע דורות האבן געבויעט, פון די תפלות פון כלל ישראל, און פון אלע צוזאמען וועט ער בויען די שלימות'דיגע 'משכן', און דאן וועט די שכינה ווערן אינגאנצן פארראכטן.

קומט אויס, אז משה האט אויפגעשטעלט דעם 'ערשטן' משכן, און משיח וועט אויפשטעלן די 'שלימות'דיגע' משכן, דערפאר זאגט דער רבי, אז יעדער צדיק הדור איז א בחינה פון משה און משיח.

**סד.** א תמצית פון דעם סעיף: דער טעם פארוואס מ'דארף מקשר זיין די תפילות צו צדיקים איז געבויעט אויף עטליכע ידיעות, 1) ווייל יעדער צדיק איז די בחינה פון משה, 2) יעדע תפלה איז א אבר פון די שכינה, 3) די איברים פון די שכינה זענען די איברים פון דעם משכן (קומט אויס אז יעדע תפלה איז א חלק פון די משכן), 4) נאר משה קען אויפבויען די משכן (-שכינה), דערפאר דארף מען ברענגען (-מקשר זיין) די תפילות צום צדיק (-משה), און ער וועט אויפבויען דערמיט די משכן (-שכינה).

**סה.** יעצט וועט דער רבי ערקלערן נאך א יסוד אין די ענין פון תפלה.

**סו.** עס ווערט געברענגט, אז אלע אותיות פון די תורה זענען מרמז אויף די נשמות פון די אידן, און יעדע אידישע נשמה האט א ספעציעלע שייכות מיט א געוויסע אות פון די תורה (זוהר חדש שיה"ש דף צא.).

די אפטייטש פון די ווערטער 'ניצוצי נשמות' איז - חלקים פון נשמות, און יעדע אות פון די תורה האט אין זיך עטליכע 'ניצוצות' - עטליכע חלקים פון נשמות.

**סז.** דרך כוכב.

**סח.** כדי צו פארשטיין ריכטיג די ווערטער (ווי אויך די המשך פון די תורה), איז

ד וְעַל־יְדֵי מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

ה וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבַּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

ו וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ: מֹשֶׁה, שַׁפִּיר קָאָמְרַתְּ (ח). וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שִׁיְפָא בְּשִׁיְפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שִׁיְפָא בְּשִׁיְפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חֲזֵינַן לְהַאי כַּוְרָא וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשָׁתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שִׁיְפָא וְשִׁיְפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

**בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב**

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזֵינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ, וְקָדְחָה אַגְמָא עִלָּוֵהּ. סַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְּקִינַן וְאָפֵינַן וּבַשְּׁלִינַן אַגַּבֵּהּ, וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפִּיךְ. וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא הֲוָה טַבְעִינַן:**

**רַשְׁבַּ"ם:**

**דְּיַתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִיֵּי הַיָּם הִיא:

וְזֶה פֵּרוּשׁ **חֲזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יָתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כז. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

אויף דער וועלט צו געבוירן ווערן, גייען זיי אריין אין די 'מלכות' (וואס דאס איז די 'שכינה')[סט], **בְּבְחִינַת עִבּוּר** און דאס ווערט פאררעכענט ווי א 'עיבור' פון די נשמה, **וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם** און די נשמות ווערן דארט באנייעט, [ד.מ. אז די נשמות באקומען פרישע כחות צו אראפגיין אויף דער וועלט, און אריינגיין אין די גוף], פונקט ווי די גוף פונעם קינד, ווערט געענדיגט דורך א 'עיבור', און אט די זעלבע שפילט זיך אפ, מיט די 'נשמות' וואס זיי ווערן פון אותיות התורה, אז זיי גייען אריין אין די תפלה פונעם מענטש (וואס 'תפלה' איז מרמז, אויף די 'מלכות - שכינה' (זע הערה נח)), און די נשמות ווערן דארט פון פריש באנייעט.

**וְזֶהוּ: "הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל"** און דער ענין - אז די אותיות התורה (-נשמות) ווערן נתלבש אין די תפלה, און זיי ווערן דארט באנייעט, דאס איז מרומז אינעם פסוק (תהלים יט): "השמים מספרים כבוד אל", ווי פאלגנד[ע]: **הַיְנוּ הַתּוֹרָה** די ווארט "השמים" (-הימל) איז מרמז אויף די 'אותיות התורה', **שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם** וויבאלד די 'תורה' איז צוגעגליכן אין פסוקים צו פייער און צו וואסער[עא], און די ווארט 'שמים' איז צוזאמגעשטעלט פון 'אש-מים' [-ווייל די 'הימל' איז באשאפן געווארן דורך פייער און וואסער[עב]], **הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת** קומט אויס אז די ווארט 'שמים' (-תורה) איז מרמז אויף די ניצוצי 'נשמות', און די המשך פון די פסוק איז מרמז: **וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה** אז אט די (אותיות התורה-) נשמות קומען אריין 'אין' די תפלה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל** וואס די תפלה ווערט אנגערופן אין דעם פסוק, מיט די לשון: "כבוד אל".

א ראיה אז תפלה ווערט אנגערופן כבוד:

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם סו): "שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ"** ווי ס'שטייט אין פסוק: "שימו כבוד תהלתו", **בְּחִינַת "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ"** און די ווארט "תהלתו" וועט זיך טייטשן פונקט ווי די ווארט "תהלתי" פונעם פסוק: "תהלתי אחטם לך", וואס איז דאך מרמז אויף תפלה (ווי ערקלערט אין סעיף א'); און וויבאלד די ווארט "תהלתו" שטייט אינאיינעם מיט "שימו כבוד", זעט מען, אז תפלה (-"תהלתו") איז א בחינה פון כבוד (-"שימו כבוד").

א טעם פארוואס די תפלה ווערט אנגערופן 'כבוד':

**וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה** וויבאלד די נשמות זענען צוזאמגעשטעלט מיט די תפלה, **נִקְרָא כָּבוֹד** דערפאר ווערט די תפלה אנגערופן 'כבוד', **עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָם**[עג] וויבאלד די תפלה איז ווי א 'קלייד' פאר די נשמות [ווייל זיי גייען אריין 'אין' די תפלה, אזוי ווי א מענטש איז 'אין' זיין קלייד], און ווען מ'טוט אן א קלייד - דאן רופט זיך די קלייד אן 'כבוד', אזוי ווי מיר געפינען אין גמרא (שבת קיג.): **כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא** אז רבי יוחנן האט אנגערופן זיינע קליידער, מיט'ן נאמען 'מכבדותא' - אז זיי זענען מכבד דעם מענטש, **וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל** און דערפאר ווערט די תפלה - וואס איז ווי א 'קלייד' פאר די נשמות, אנגערופן אין דעם פסוק: "כבוד אל"; קומט אויס, אז די ווארט "השמים" איז מרמז אויף די 'נשמות' - תורה, און די ווארט "כבוד [קל]" איז מרמז אויף די 'תפלה' וואס באקליידעט די נשמות.

[עד]**וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה** און די נשמות מיט די תפלה, לייכטן אריין איינע אין די אנדערע, ווי פאלגנד: **הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִין נוּקְבִין** די נשמות גיבן אריין א ליכטיגקייט אין די תפלה (-שכינה), אז זי זאל קענען ארויף ברענגן 'מיין נוקבין' צום אויבערשטן [-אז די שכינה זאל קענען בענקען צו ווערן פאראייניגט מיט'ן אויבערשטן][עה], **וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין** און דערנאך לייכט די תפלה אריין פאר די נשמות, מיט א בחינה פון 'באנייען' - **שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת**

הערות

גאר וויכטיג צו פארשטיין עטליכע מושגים פון קבלה: ווי ערקלערט אויבן (הערה נח), איז די 'שכינה' א געטליכער כח, וואס דורך איר שיינט די ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן, אויף אונזער וועלט, אט די שכינה וויל ארויפגיין כביכול צום אויבערשטן, כדי צו מקבל זיין פון אים נאך שפע פון ליכטיגקייט און קדושה [צו משפיע זיין פאר די גאנצע וועלט], אבער כדי דאס זאל קענען פאסירן, דארף די שכינה אריינעמען אין זיך 'ניצוצי נשמות' - חלקים פון הייליגע אידישע נשמות, און זי קומט מיט זיי צום אויבערשטן, און זי פארציילט פאר אים כביכול, די טייערקייט און גרויסקייט פון די נשמות, און דערמיט דרוקט זי אויס, איר רצון און גלוסטעניש צו מקבל זיין נאך ליכטיגקייט, פונעם אויבערשטן [כדי די נשמות זאלן ווערן נאך הייליגער און טייערער] - אט די רצון און השתוקקות פון די שכינה ווערט אנגערופן: **'מיין נוקבין'**, דאן איז דער אויבערשטער טאקע משפיע כביכול, נאך קדושה מיט ליכטיגקייט פאר די שכינה - דאס ווערט אנגערופן א **'ייחוד'**, וויבאלד די שכינה ווערט מער 'פאראייניגט' כביכול מיט די ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן, און דאן איז די שכינה ממשיך אט די ליכטיגקייט פאר אלע נשמות וועלכע געפינען זיך אין איר, און די נשמות ווערן באנייעט מיט פרישע ליכטיגקייט און קדושה - דאס ווערט אנגערופן א **'עיבור'**, און דערנאך קומט אראפ דערפון - א שפע פון ליכטיגקייט און גוטס אויף דער וועלט, און דורכדעם ווערן נמשך אלע סארט השפעות און ישועות - דאס ווערט אנגערופן א **'הולדה'**; אט די גאנצע פראצעדור ווערט אנגערופן: **'ייחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה'** (שער הכוונות דרושי הלילה דרוש ד', ועוד).

ווי דער רבי ערקלערט, זענען די 'ניצוצי נשמות' באהאלטן אין די תורה, און ווען א מענטש לערנט בקדושה, איז ער ממשיך אויף זיך די קדושה פון די נשמות, און נאכדעם ווען ער גייט דאווענען (-וואס 'תפלה' איז א בחינה פון די 'שכינה', ווי ערקלערט אויבן, הערה נח), גייען די נשמות אריין אין די תפלה, און - ווי דער רבי וועט זאגן ווייטער - באנוצט זיך די שכינה (-תפלה) מיט אט די נשמות צו מעורר זיין 'מיין נוקבין', און גורם זיין א 'ייחוד', וואס דורכדעם ווערן די נשמות באנייעט ווי א 'עיבור', און דאן קומט אראפ א שפע פאר דער וואס דאוונט (-אז זיינע בקשות ווערן אנגענומען), וואס דאס איז א 'הולדה'.

**סט.** די טעם פארוואס די 'שכינה' ווערט אנגערופן 'מלכות' איז, וויבאלד די וועג ווי אזוי מיר קענען האבן א השגה אין די 'קעניגרייך' פונעם אויבערשטן, צו פארשטיין אז דער אויבערשטער פירט די גאנצע וועלט, איז דורך די שכינה, און דערפאר ווערט זי אנגערופן די 'מלכות' - קעניגרייך, ווייל זי איז מגלה די 'מלכות' פונעם אויבערשטן.

**ע.** דער רבי וועט טייטשן יעדע ווארט עקסטער, צום ערשט וועט ער טייטשן דעם ווארט **"השמים"**, דערנאך וועט ער אויסטייטשן דעם ווארט **"כבוד** קל", נאכדעם גייט ער צוריק, צו טייטשן דעם ווארט **"מספרים"**, און ער טייטשט דאס אויף צוויי מהלכים.

**עא.** דער פסוק דרוקט זיך אויס אויף די תורה (ירמיה כג): "הלא כה דברי כאש", און אין א אנדערע פסוק שטייט (ישעיה נה): "הוי כל צמא לכו למים" - ווער עס איז דארשטיג זאל גיין טרינקען וואסער, און חז"ל דרש'ענען (בבא קמא יז.), אז דאס גייט ארויף אויף די תורה.

**עב.** חגיגה דף יב:

**עג.** אינעווייניג אין 'ליקוטי מוהר"ן' איז די גירסא אביסל אנדערש, אבער מיר האבן איבערגעזעצט די ריכטיגע גירסא לויט די הגהות פון הגה"ק מטשעהרין זי"ע, וואס קומט פון די כתב יד פון ליקטי מוהר"ן (די כתב יד ווערט אויך דערמאנט אין חיי מוהר"ן סי' תריב).

**עד.** יעצט וועט דער רבי טייטשן די ווארט "מספרים" פון די פסוק, און די טייטש וועט זיין: "זיי באלייכטן", ווייל 'ספיר' איז א לשון פון 'לייכטן' (ביאור הליקוטים).

**עה.** זע וואס עס איז ערקלערט געווארן אויבן (הערה סח), און בקיצור נמרץ: אז די 'שכינה - תפלה' גייט ארויף מיט די נשמות צום אויבערשטן, און פארציילט אים, כביכול, די טייערקייט און די חשיבות פון די נשמות, און מיט דעם דרוקט זי אויס איר רצון און גלוסטעניש, צו מקבל זיין נאך ליכטיגקייט פונעם אויבערשטן, און דאס ווערט אנגערופן 'מיין נוקבין', און דאס איז גורם א 'יחוד', וואס ברענגט א 'עיבור' פאר די נשמות, און דערנאך א 'הולדה', ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן אויבן (הערה סח).

ד וְעַל־יְדֵי מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיְתָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

ה וְעִקַּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית יד): וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט, זֶה בְּחִינַת (דברים לג): עֵין יַעֲקֹב. וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים טז): כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים. זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ וְכוּ' (ז). וְלֶעָתִיד, שֶׁיְּתֻקַּן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיה א): צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נב): כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף (בראשית מט): בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן:

ו וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר, כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ: מֹשֶׁה, שַׁפִּיר קָאָמְרַתְּ (ח). וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם): עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה, דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ (ט). וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל, הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֵיבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בְּשִׁיפָא כָּל חַד לְדוּכְתֵּהּ אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד. בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות לט): וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, וְהוּא יוֹדֵעַ לַאֲעָלָא שְׁיָפָא בְּשִׁיפָא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם מ): וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן (י):

וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת, כָּל הָאוֹתִיּוֹת הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת, וְהֵם נִתְלַבְּשִׁים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם בִּבְחִינַת עִבּוּר *. וְזֶהוּ (תהלים יט): הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל, הַיְנוּ הַתּוֹרָה, שֶׁהוּא אֵשׁ וּמַיִם, הַיְנוּ בְּחִינַת הַנְּשָׁמוֹת, וּבָאִים בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד אֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים סו): שִׂימוּ כָבוֹד תְּהִלָּתוֹ, בְּחִינַת: וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ. וְהַנְּשָׁמוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַנִּקְרֵאת כָּבוֹד (יא), עַל שֵׁם שֶׁהִיא מַלְבֶּשֶׁת אוֹתָנוּ *), כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (יב), וְעַל־יְדֵי זֶה נִקְרֵאת כְּבוֹד אֵל, וְהֵן מְאִירִין זֶה לָזֶה: הַנְּשָׁמוֹת מְאִירִין לְהַתְּפִלָּה בִּבְחִינַת הַעֲלָאַת מַיִן נוּקְבִין, וְהַתְּפִלָּה מְאִירָה לְהַנְּשָׁמוֹת בִּבְחִינַת חִדּוּשִׁין, שֶׁהִיא מְחַדֶּשֶׁת אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר, וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הֵם בִּבְחִינַת (תהלים מה): בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ:

*(כַּמּוּבָא בַּגִּלְגּוּלִים שֶׁכָּל הַנְּשָׁמוֹת בָּאִים בְּתוֹךְ הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת עִבּוּר וְנִתְחַדְּשִׁים שָׁם).

וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חֲזֵינַן לְהַאי כַּוְרָא וְכוּ'. כִּי בְּגָלוּתֵנוּ, כִּבְיָכוֹל, הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים ל): הִסְתַּרְתָּ פָנֶיךָ; שֶׁהוּא בְּחִינוֹת רַחֲמִים, וּפָנָה עֹרֶף, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דִּין. וְכָל תְּפִלּוֹתֵינוּ וּבַקָּשׁוֹתֵנוּ עַל זֶה שֶׁפָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ, שֶׁיַּחֲזֹר אֶת פָּנָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם פו): פְּנֵה אֵלַי; וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (במדבר ו): יָאֵר ה' פָּנָיו. וּכְשֶׁאָנוּ רוֹאִים אֹרֶךְ הַגָּלוּת, וּבְכָל יוֹם אֲנַחְנוּ צוֹעֲקִים אֵלָיו וְאֵינָם נוֹשָׁעִים, וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִלּוֹת הֵם לָרִיק. אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל הַתְּפִלּוֹת, הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר הֵם מַעֲלִים אוֹתָם וּמְקִימִים אוֹתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן. וּמַעֲלִין כָּל שְׁיָפָא וּשְׁיָפָא לְדוּכְתֵּהּ, וּבוֹנִין קוֹמָתָהּ שֶׁל הַשְּׁכִינָה מְעַט מְעַט, עַד שֶׁיִּשְׁתַּלֵּם שִׁעוּר קוֹמָתָהּ, אָז יָבוֹא מָשִׁיחַ, דָּא מֹשֶׁה, וְיַשְׁלִים אוֹתָהּ וְיָקִים אוֹתָהּ בִּשְׁלֵמוּת.

**בָּבָא בַּתְרָא ע"ג ע"ב**

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזֵינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ, וְקָדְחָה אַגְמָא עִלָּוֵהּ. סַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא, וְסַלְקִינַן וְאֲפִינַן וּבַשְׁלִינַן אַגַּבֵּהּ, וְכַד חַם גַּבֵּהּ אִתְהַפִּיךְ. וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא הֲוָה טַבְעִינַן:**

**רַשְׁבַּ"ם:**

**דְּיָתְבָא חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ.** שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ: **וְקָדַח.** עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל: **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הִיא.** אִיֵּי הַיָּם הִיא:

וְזֶה פֵּרוּשׁ **חֲזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא** - הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַדּוֹר, הַנִּקְרָא דָּג (יג), זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ; **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ** - הַיְנוּ הַתְּפִלּוֹת, שֶׁאָנוּ מִתְפַּלְּלִים עַל זֶה שֶׁכִּבְיָכוֹל פָּנָה עֹרֶף אֵלֵינוּ; **יָתְבָא לֵהּ** - הַיְנוּ וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה, כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר אֶת הַתְּפִלָּה לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר; **וְקַדְחֵי עֲלֵהּ אַגְמָא** - הַיְנוּ הַנְּשָׁמוֹת הַבָּאִים עִם הַתְּפִלָּה, בְּחִינַת בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ וְכוּ', כִּי הַנְּשָׁמוֹת הֵן נִקְרָאִין עֲשָׂבִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יחזקאל טז): רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ. **וְסַבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא** - הַיְנוּ שֶׁהַתְּפִלּוֹת אֵינָם עוֹשִׂים פֵּרוֹת; אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן,

(ז) עי' תיקונים תיקון כ"א דף נ' ע"ב. (ח) שבת ק"א ע"ב. (ט) זוהר בראשית כה: כז. (י) עי' זוהר פקודי דף רל"ח ע"ב. (יא) נ"א נקרא כבוד (מצאתי). (יב) שבת קי"ג ע"א. (יג) עי' מאורי אור ערך דג ובזוהר ויקרא דף מ"ב ע"א ובדף רע"ח ע"ב. *) בכת"י: אותם.

**אוֹתָם בִּבְחִינַת עִבּוּר** אז די תפלה באנייעט די ליכטיגקייט פון די נשמות, אזוי ווי א 'עיבור' ווי אויבנדערמאנט[עו] [עז].

**וְהַנְּשָׁמוֹת הַמְלֻבָּשִׁין בַּתְּפִלָּה** און אט די נשמות וואס זענען געווארן אנגעקליידעט אין די תפלה [-אז זיי זענען אריינגעגאנגען 'אין' די תפלה], **הַמּוּבָאוֹת לַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר** זיי ווערן געברענגט צום צדיק הדור, ווען מען איז זיך מקשר ביים דאווענען צום צדיק[עח], **הֵם בִּבְחִינַת** און דאס איז מרומז אין פסוק (תהלים מה): **"בְּתוּלוֹת אַחֲרֶיהָ רֵעוֹתֶיהָ מוּבָאוֹת לָךְ"** - "אלע פעלקער וואס ווערן גערופן מיטן נאמען 'בתולות' און 'רעותיה' וועלן לעתיד לבא נאכגיין נאך כלל ישראל, און זיי אלע צוזאמען [-די פעלקער מיט די אידן] וועלן ווערן געברענגט צום מלך המשיח", טייטשט דער רבי, אז די נשמות (וואס ווערן דא אנגערופן: "בתולות", "רעותיה") וועלן נאכגיין צוזאמען מיט די תפלה (-"אחריה"), און אלע אינאיינעם וועלן ווערן געברענגט צום צדיק (-"מובאות לך"), און דאן בויעט דער צדיק א משכן פון אט די תפלות[עט].

**בקיצור:** אלע אותיות פון די תורה זענען 'ניצוצי נשמות' ❖ ווען א מענטש לערנט תורה מיט די ריכטיגע כוונה, צו מקיים זיין, דאן גייען די אותיות - ניצוצי נשמות אריין אין די תפלה פון דער מענטש, און די תורה - נשמות באלייכטן פאר די תפלה, און די תפלה באנייעט און באלייכט פאר די נשמות ❖ דאס איז מרומז אינעם פסוק: "השמים מספרים כבוד אל" ❖ די תפלה איז ווי א קלייד פאר די נשמות ❖ די נשמות ווערן אויך געברענגט צום צדיק הדור, אינאיינעם מיט די תפלות.

**וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: חָזֵינָא לְהַאי כַּוְרָא וְכוּ'** און די ענינים פון די תורה זענען מרומז אין די פאלגענדע מאמר פון רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג:): "חזינא להאי כורא" וכו'.

[פ]**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה** רבה בר בר חנה האט דערציילט, **זִמְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא** איינמאל זענען מיר געגאנגען אויף א שיף, **וְחָזֵינַן הַהוּא כַּוְרָא** און מיר האבן געזען א גרויסע פיש, **דְּיָתְבָא לֵהּ חַלְתָּא אַגַּבֵּהּ [-שֶׁהָיָה חוֹל נִקְבָּץ עַל גַּבּוֹ (רשב"ם)]** וואס ס'האט זיך צוזאמגעזאמלט אסאך זאמד אויף זיין רוקן, **וְקָדְחָא אַגְמָא עִלָּוֵהּ [-עֲשָׂבִים עַל הַחוֹל (רשב"ם)]** און ס'איז געוואקסן גראז אויף די זאמד וואס איז געווען אויף זיין רוקן, **סָבְרִינַן יַבֶּשְׁתָּא הוּא [- אִיֵּי הַיָּם הוּא (רשב"ם)]** און מיר האבן געזען די זאמד אינמיטן וואסער, און מיר האבן געמיינט, אז דאס איז א יבשה [-א אינזל], **וְסָלְקִינַן וְאָפִינַן וּבָשְׁלִינַן אַגַּבֵּהּ** און מיר זענען ארויפגעגאנגען אויף דעם, און מיר האבן געבאקן און געקאכט דארט אונזערע עסן, **וְכַד חַם גַּבֵּהּ** און ווען די רוקן פון די פיש איז געווארן הייס, צוליב די פייער [-פונעם קאכן און באקן], **אִתְהַפִּיךְ** האט זיך די פיש איבערגעדרייט, ווייל ער האט געשפירט א היץ, **וְאִי לָאו דַּהֲוָה מְקָרְבָא לִסְפִינְתָּא** און ווען מיר וואלטן נישט געווען נאנט צו די שיף, צו ארויפגיין תיכף דערויף, **הֲוָה טָבְעִינַן** וואלטן מיר זיך דערטרונקען חס ושלום, ווען די פיש האט זיך איבערגעדרייט.

**די כוונה פון אלע אונזערע תפלות איז - אז דער אויבערשטער זאל אויסדרייען זיין 'פנים' צו אונז**

[פא]**כִּי בְּגָלוּתֵנוּ כִּבְיָכוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּהַסְתָּרַת פָּנִים** יעצט ווען מיר געפינען זיך אין גלות, האט דער אויבערשטער כביכול באהאלטן זיין פנים פון אונז, און דאס איז דער שורש פון אלע צרות וואס מיר ליידן אין גלות; א ראיה דערויף: **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** ווי דער פסוק זאגט (תהלים ל): **"הִסְתַּרְתָּ פָּנֶיךָ"** - "[דוד המלך רעדט זיך אויס צום אויבערשטן, אויף זיינע צרות-] דו האסט באהאלטן דיין

הערות

**עו.** דאס הייסט, אז ווען א מענטש לערנט, און ער איז אויך מתפלל, איז דאס א תועלת סיי פאר די תורה, און סיי פאר די תפלה, ווייל סיי די נשמות וואס זענען באהאלטן אין די אותיות התורה, ווערן אויפגעבויעט און באנייעט מיט א שלימות'דיגע ליכטיגקייט, ווי אויך די עצם תורה וואס ער לערנט, ווערט באנייעט מיט א געוואלדיגע ליכטיגקייט, אז ער פארשטייט בעסער די תורה, און ער קען מחדש זיין דערין וכדו' (ליקוטי הלכות נחלות ד', כ"א).

און סיי זיין תפלה ווערט דעמאלס מער אנגענומען ביים אויבערשטן, ווייל דורכדעם קען זיין תפלה ארויפברענגען 'מיין נוקבין' צום אויבערשטן, וואס דאס איז גורם אז דער אויבערשטער איז משפיע פאר די תפלה נאך שפע און ליכטיגקייט, וואס דאס איז א 'יחוד', און דאס ברענגט א 'עיבור', און דערנאך א 'הולדה' - אז עס קומט אראפ שפע פון ליכטיגקייט און גוטס, און עס ווערט ערפילט זיין בקשה (ווי ערקלערט אויבן הערה סח).

דאס אלעס פאסירט, אפילו ווען די תורה וואס ער לערנט, האט נישט קיין ספעציעלע שייכות מיט די תפלה וואס ער דאווענט, אבער פיל חשוב'ער איז, ווען מען איז מתפלל צו מקיים זיין אט די תורה וואס מען האט געלערנט, וואס דאן 'ברענגט' מען ממש אריין די תורה 'אין' די תפלה, און דאן לייכט די תורה צו די תפלה, און די תפלה צו די תורה, אויף פיל א שטערקערן פארנעם (ליקוטי הלכות נחלות ד', כ"ב).

**עז.** קומט אויס אז דער פסוק טייטשט זיך אויף צוויי וועגן, די ערשטע אופן: **השמים** = די נשמות **מספרים** = באלייכטן **כבוד קל** = די תפלה [ווייל דורך די נשמות - קען די שכינה ארויפברענגען פארן אויבערשטן 'מיין נוקבין'], און די צווייטע אופן איז פונקט פארקערט: **השמים** = די נשמות **מספרים** = ווערן באלאכטן [-אז זיי ווערן באנייעט], **כבוד קל** = דורך דעם וואס זיי גייען אריין אין די תפלה.

**עח.** פריער איז ערקלערט געווארן, אז כדי די תפלה זאל קענען אויפטון וואס עס דארף [-אויפצובויען די שכינה], דארף מען מקשר זיין און ברענגען די תפלה צום צדיק, און וויבאלד די נשמות גייען דאך אריין אין די תפלה, קומט אויס אז בשעת ווען מ'ברענגט די תפלה צום צדיק - ברענגט מען אויך מיט די נשמות וואס זענען אין די תפלה. און דער רבי וועט יעצט ברענגען א פסוק וואס איז מרמז אויף דעם ענין.

**עט.** די פשט פונעם רבי'ן איז געבויעט אויף די ווערטער פונעם מדרש (שוחר טוב תהלים מה, טו), וואס טייטשט דעם פסוק אזוי: **"לרקמות"** = די משכן (וואס איז געוועבט מיט פארשידענע בילדער), **"תובל למלך"** = זאל ווערן געברענגט צו משה רבינו (דער קעניג פון די אידן), **"בתולות אחריה רעותיה מובאות לך"** = די אידן (וואס ווערן אנגערופן "בתולות" און "ריעות"), זיי זאלן ברענגען די משכן צו משה.

**פ.** די קומענדיגע שורות (-די ווערטער פון רבה בר בר חנה) זענען נישט פון די לשון פונעם רבי'ן, ווייל דער רבי האט בלויז געשריבן די פריערדיגע ווערטער: **"וזה שאמר רבה בר בר חנה חזינא להאי כוורא וכו'"**, נאר כדי ס'זאל זיין פארשטענדליך פאר'ן לומד, האט רבי נתן איבערגעזעצט די גאנצע מאמר פון רבה בר בר חנה, און דאס צוגעלייגט אין די זייט.

**פא.** פאר ער וועט אויסטייטשן די ווערטער פון רבה בר בר חנה, איז ער מקדים עטליכע יסודות אין די ענין פון תפלה.

ד **וְעַל־יְדֵי** מָה זוֹכֶה לִבְחִינַת מִשְׁפָּט - עַל־יְדֵי צְדָקָה, שֶׁעַל־יְדֵי צְדָקָה אוֹחֲזִין בְּמִדַּת הַמִּשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים לג): צִדְקַת ה' עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב וְכוּ', כִּי צְדָקָה הוּא עַל־יְדֵי מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם עה): אֱלֹהִים שֹׁפֵט, זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים - שֶׁמּוֹרִישׁ לָזֶה וּמַעֲשִׁיר לָזֶה; וּכְשֶׁנּוֹתֵן צְדָקָה הוּא בִּבְחִינַת זֶה יַשְׁפִּיל, שֶׁמְּחַסֵּר מָמוֹנוֹ, וּבִבְחִינַת וְזֶה יָרִים, שֶׁמַּעֲשִׁיר לֶעָנִי. נִמְצָא, שֶׁאוֹחֵז עַל־יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט. וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה (ב"ב דף י. ובשו"ע או"ח סי' צ"ב ס"י), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט, שֶׁיְּהֵא קוֹלֵעַ אֶל הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא:

**וְזֶה** שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ב"ב קכג.): לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף? בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ. מָשָׁל לְבַעַל־הַבַּיִת, שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וְכוּ', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מז): וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף; כְּמוֹ (יחזקאל כא): הַטֵּף אֶל דָּרוֹם (לְשׁוֹן דִּבּוּר). לְפִי הַטָּף, הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה, נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם. אֲנִי דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט:

**הִנֵּה** מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר. כִּי הִנֵּה קוֹל הַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַצִּפֳּרִים, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (ויקרא פ׳ טז): מִפְּנֵי מָה מְצֹרָע טָהֳרָתוֹ תְּלוּיָה בִּשְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת, יָבוֹא קַלְנְיָא וִיכַפֵּר עַל קַלְנְיָא. כִּי נִלְקָה מֵחֲמַת קוֹלוֹ, שֶׁדִּבֵּר לָשׁוֹן הָרָע. נִמְצָא מִי שֶׁהוּא כָּשֵׁר, נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִן הַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת. וְכָתוּב בַּזֹּהַר (ויקרא דף נג:), שֶׁהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל יוֹנְקִים מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יָנְקִין. לְכָךְ נִקְרָא הַמְנַגֵּן חַזָּן, מִלְּשׁוֹן חָזוֹן, הַיְנוּ לְשׁוֹן נְבוּאָה, כִּי לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה מֵאֲתָר דִּנְבִיאִים יָנְקִין:

**וּכְשֶׁהַמְנַגֵּן** הוּא רָשָׁע, אֲזַי הוּא לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִצִּפֳּרִים אֲחֵרוֹת שֶׁבַּקְּלִפָּה. וְכָתוּב בַּזֹּהַר, כִּי הַצִּפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה יוֹנְקִין מִדַּדֵּי הַמַּלְכוּת, וְכַד אִתְפְּלֵג לֵילְיָא כְּדֵין כָּרוֹזָא כָּרֵז: כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפָּח, כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי־אָדָם (א):

**וְהַתִּקּוּן** הוּא שֶׁיּוּכַל לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִכָּל אָדָם, הוּא עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמֹד בַּלַּיְלָה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, הַיְנוּ גְּמָרָא, שֶׁהִיא בְּחִינַת לַיְלָה, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (ב): כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה, לֹא הָיָה יוֹדֵעַ מָתַי יוֹם וּמָתַי לַיְלָה, רַק עַל־יְדֵי־זֶה כְּשֶׁהָיָה לוֹמֵד תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא יוֹם, וּכְשֶׁלָּמַד תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא לַיְלָה. נִמְצָא, שֶׁהַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה הִיא בְּחִינַת לַיְלָה, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סנהדרין כד.): בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי - זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי, וּכְתִיב (בראשית א): וְלַחֹשֶׁךְ קָרָא לָיְלָה. הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שַׁ"ס, יְתַקֵּן הַשִּׁית עִזְקָאִין שֶׁבַּקָּנֶה, שֶׁמֵּהֶם יוֹצֵא הַקּוֹל. וְזֶהוּ: קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה (איכה ב), הַיְנוּ שֶׁתִּהְיֶה תְּקוּמָה לְהָרִנָּה, הַיְנוּ עַל־יְדֵי הַלַּיְלָה, שֶׁהִיא גְּמָרָא שַׁ"ס:

**אַךְ** כְּשֶׁלּוֹמֵד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, הַיְנוּ בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי, הַלִּמּוּד אֵינוֹ בַּחֲשִׁיבוּת כָּל־כָּךְ, וּכְשֶׁלּוֹמֵד בַּלַּיְלָה חוּט שֶׁל חֶסֶד נִמְשָׁךְ עָלָיו (ג) וּמֵגֵן עָלָיו, שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הַמַּחֲשָׁבָה הַנַּ"ל:

**וְאִיתָא** בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל, כִּי צִפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה הֵם מֹחִין שֶׁבְּמַלְכוּת דִּקְלִפָּה, וְהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת הֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. לְפִיכָךְ נִשְׁתַּבַּח דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל (שמואל־א טז): וְיֹדֵעַ נַגֵּן; כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת, לְכָךְ רָאוּי הוּא לְמַלְכוּת. וְזֶה שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (תהלים עח): מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, הַיְנוּ נֶצַח וָהוֹד, כִּי הֵם מֵינִיקִין לַנְּבִיאִים, וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת:

**וְזֶה** שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא **אַקְרוּקְתָא**, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: צְפַרְדֵּעַ, הַיְנוּ צְפַר דֵּעָה (ד). **דַּהֲוֵי כִּי אַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא** - מִלְּשׁוֹן קְרָא בְגָרוֹן (ישעיה נח), הַיְנוּ שֶׁהַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִמֶּנּוּ. **וְאַקְרָא דְּהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי שִׁתִּין בָּתֵּי** - הַיְנוּ עַל־יְדֵי מָה תְּתַקֵּן בְּחִינַת קְרָא בְגָרוֹן, עַל־יְדֵי שִׁתִּין בָּתֵּי, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שִׁתִּין מַסֶּכְתוֹת. וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ**, הַיְנוּ שֶׁיִּלְמַד תַּלְמוּד:

**אֲתָא תַּנִּינָא בְּלָעָהּ**, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: רַבָּה קָאָמַר לָהּ, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, יִבְלַע אוֹתָהּ הַנָּחָשׁ.

(יד) קידושין דף פב. (טו) (חסר וצ"ל) כי צריך לזה בחי׳ משפט כנ"ל, ואמרת אליהם ואמרת דייקא (מצאתי בכת"י המועתק מכת"י רבינו ז"ל). (טז) עי׳ זוהר פקודי רל"ח ע"ב. (יז) עי׳ זוהר ויקרא דף ט"ו ע"ב ועי׳ זוהר פקודי רס"ג רס"ד ועי׳ ת"כ פ"ט. *) (חסר וצ"ל) והוא יקים [אותם כמ"ש ויביאו את המשכן אל משה ויקם משה] את המשכן. (מכת"י). (א) זוהר ויחי רי"ז ע"ב ועי׳ בע"ח שער הקליפות פ"ב. (ב) שוחר טוב תהלים י"ט. (ג) חגיגה י"ב ע"ב. (ד) עי׳ תדא"ר פ"ז ועי׳ בכוונות האריז"ל על ענין דם צפרדע.

פון 'נאכט' ❖ ווען מען לערנט שלא לשמה האט דאס נישט קיין כח צו פאררעכטן די קול נגינה ❖ דורכ'ן לערנען גמרא ביינאכט ווערט נמשך אויפ'ן מענטש א הימלישע 'חסד', וואס דורכדעם ווערט ער געראטעוועט פון די מחשבות פון שלא לשמה.

**דורך הייליגע נגינה בויעט מען אויף די 'מלכות דקדושה'**

[כז]**וְאִיתָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל** און דער אר"י הקדוש ברענגט (שער מאמרי רשב"י פר' ויחי), **כִּי צִפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה** אז די אויבנדערמאנטע טמא'נע 'צפרים', וואס קומען פון די קליפות, **הֵם מוֹחִין שֶׁבְּמַלְכוּת דִּקְלִפָּה** איז באהלטן אין זיי 'מוחין' [-צוויי חלקים פון די 'מח'], און זיי זענען דאס משפיע פאר די ספירה פון 'מלכות' וואס געהערט צו די סטרא אחרא, און די מוחין בויען אויף און גיבן 'כח' און 'חיות' פאר די 'מלכות' פון די סטרא אחרא, **וְהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת** און לעומת זה - די צוויי הייליגע 'צפרים', וואס ווערן אנגערופן "חיות טהורות", **הֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה** ווערט נמשך פון זיי - די 'מוחין' [-די צוויי חלקים פון די 'מח'] פאר די 'הייליגע' ספירה פון 'מלכות', וואס די מוחין בויען אויף [-זיי גיבן 'כח' און 'חיות' פאר] די הייליגע 'מלכות'[כח]; קומט אויס, אז דורך הייליגע 'נגינה' בויעט מען אויף, און מען באפעסטיגט די 'מלכות דקדושה', און פארקערט - דורך שלעכטע 'נגינה' בויעט מען אויף, און מען באפעסטיגט די 'מלכות דסטרא אחרא'[כט].

וויבאלד דורך הייליגע נגינה (וואס קומט פון די הייליגע 'צפרים') בויעט מען אויף די מלכות דקדושה - **לְפִיכָךְ** דערפאר **נִשְׁתַּבֵּחַ דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל "וְיוֹדֵעַ נַגֵּן"**[ל] האט מען אויסגערימט 'דוד' פאר שאול המלך, מיט די מעלה - אז ער קען זינגען, **כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת** ווייל דורך 'נגינה' ווערט אויפגעבויעט די 'מלכות', און מען האט געוואלט דערמיט מרמז זיין פאר שאול, אז צוליב זיין 'כח הנגינה' **לְכָךְ רָאוּי הוּא לְמַּלְכוּת** דערפאר איז דוד ראוי צו זיין א 'קעניג'[לא] [לב].

**וְזֶה** און דער ענין - אז דורך זיין 'נגינה' האט דוד זוכה געווען צו זיין א מלך, דאס איז מרומז **שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ** אינעם פסוק וואס שטייט אויף דוד (תהלים עח): **מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ** - "דער אויבערשטער האט ארויסגעברענגט דוד המלך פון אונטער די "עלות" [-אז ער זאל זיין א קעניג אויף כלל ישראל]", **הַיְנוּ** און די באדייט פון די ווערטער "מאחר עלות" איז: **מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת -** "פון אונטער די וואס גיבן צו זייגן", ווייל דוד איז געווען א פאסטוך וואס איז נאכגעגאנגען נאך די שאף וואס געבן צו זייגן פאר זייערע קינדער; און דער רבי ערקלערט: **הַיְנוּ נֶצַח וְהוֹד** אז די "עלות" - 'די וואס גיבן צו זייגן' איז מרמז - אויף די צוויי 'ספירות' פון 'נצח' און 'הוד' (-וואס דאס איז די פנימיות פון די צוויי 'צפרים'); וואס איז די שייכות פון 'נצח און הוד' צו 'די וואס זייגן'? **כִּי הֵם מֵינִיקִין לַנְּבִיאִים** ווייל די 'ספירות' - 'נצח' און 'הוד' זייגן פאר די נביאים, ד. מ. אז זיי זענען משפיע פאר די נביאים - די כח פון 'נבואה', פונקט ווי א מאמע וואס זייגט א קינד וואס די גאנצע 'כח' און 'חיות' פון די קינד איז פון איר, **וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת** און אט די 'צפרים' (-די 'נצח והוד') בויען דאך אויף די 'מלכות', ווייל די 'נצח והוד' זענען משפיע 'מוחין' פאר די 'מלכות', וואס דאס בויעט איר אויף; און דאס זאגט דער פסוק, אז וויבאלד דוד האט זוכה געווען צו א הייליגע נגינה וואס קומט פון די 'צפרים' - 'נצח והוד' (-"עלות"), דערפאר האט ער זוכה געווען צו זיין א 'מלך'[לג].

הערות

**כז.** יעצט וועט דער רבי ברענגען די ווערטער פון אר"י הק' - וויאזוי ער איז מסביר על פי קבלה דער סוד פון די 'צפרים', און וואס זיי טוען אויף, און פון דעם וועט מען פארשטיין נאך א טעם פארוואס הייליגע נגינה העלפט פאר עבודת ה', און פארקערט - שלעכטע נגינה שטערט פון עבודת ה'.

**כח.** ווי ערקלערט אויבן (הערה י), האט דער אויבערשטער באשאפן צען ליכטיגקייטן, וואס ווערן אנגערופן - די צען 'ספירות', און די לעצטע ספירה איז די 'מלכות' (זע הערה כט די באדייט דערפון אויף למעשה), אבער דער כלל איז, אז דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די קליפות, 'פונקט' די זעלבע סארט כחות וואס די קדושה פארמאגט, און דערפאר איז אויך דא צען 'כחות' פון 'טומאה', וואס זענען פונקט אזויווי די צען הייליגע 'ספירות', און צווישן זיי איז אויך דא א מדה פון 'מלכות' ביי די סטרא אחרא.

יעדע 'ספירה' באשטייט פון פילע חלקים, און די 'מח' פון יעדע 'ספירה' - דאס איז דער 'עיקר' פון די 'ספירה', און דאס בויעט אויף, און גיבט די 'חיות' און 'כח' פאר אלע אנדערע חלקים פון די 'ספירה', אזויווי די מח פון דעם מענטש וואס איז דער צענטראלער כח פון די גאנצע מענטש.

דער כלל איז, אז אין די ספירות - 'נצח' און 'הוד' זענען באהאלטן צוויי חלקים פון די 'מוחין' [-אין 'נצח' איז באהאלטן די חלק פון די מוח וואס רופט זיך - 'חכמה', און אין 'הוד' איז באהאלטן די חלק פון די מוח וואס רופט זיך - 'בינה'], און די 'נצח והוד' זענען משפיע אט די 'מוחין' פאר די 'מלכות', און דאס בויעט אויף די גאנצע 'מלכות'.

עס קומט אויס פון די ווערטער פונעם רבי'ן דא, אז די צוויי הייליגע 'צפרים', זענען די 'נצח' און 'הוד', וואס זיי זענען משפיע די 'מוחין' פאר די 'מלכות', קומט אויס, אז זיי בויען אויף און גיבן דער עיקר כח פאר די הייליגע 'מלכות'. און פארקערט, די טמא'נע 'צפרים' זענען די 'נצח' און 'הוד' וואס געהערט פאר די סטרא אחרא (זע ווייטער הערה נה), און זיי זענען משפיע די 'מוחין' פאר די טמא'נע 'מלכות', קומט אויס, אז זיי בויען אויף און גיבן דער עיקר כח פאר די 'מלכות' פון די סטרא אחרא (דרך כוכב).

**כט.** אויף למעשה מיינט דאס, אז דורכדעם וואס מען הערט הייליגע 'נגינה', איז מען זוכה צו מקבל זיין אויף זיך די עול 'מלכות' שמים, מיט א ריינע 'מח' - אז זיין 'מח' האט א געפיל און א פארשטאנד אין די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, און דורכדעם דינט ער דעם אויבערשטן, ווי א קנעכט דינט א 'קעניג', וואס דאס הייסט אז די 'מח' פון זיין 'מלכות' איז געווארן געשטארקט.

פארקערט - אויב מען הערט חס ושלום שלעכטע 'נגינה', באקומט מען א רצון צו טון עבירות, און נישט 'ממליך' זיין דעם אויבערשטן אויף זיך, און זיין 'מח' ווערט חס ושלום טמא - אז ער פארשטייט מיט זיין 'שכל', אז מען דארף טון עבירות און נאכגיין נאך תאוות, און נישט אננעמען דעם אויבערשטן אלס 'קעניג' איבער אלע זיינע פעולות [ווי אויך מיינט דאס, אז דער מענטש ווערט נכשל אין 'גאוה' חס ושלום, צו נאכלויפן תאות הכבוד, אויפצובויען די אייגענע 'מלוכה' (פרפראות לחכמה)], וואס דאס אלעס ווערט אנגערופן, אז די 'מח' פון די טמא'נע 'מלכות' איז געווארן געשטארקט.

דערמיט פארשטייט מען בעסער - די ווערטער מיט וואס דער רבי האט אנגעהויבן, אז שלעכטע נגינה שטערט פאר עבודת ד', ווייל דערמיט בויעט מען אויף די טמא'נע 'מלכות', וואס דאס איז פארקערט ווי עבודת ד'. און פארקערט - הייליגע 'נגינה' העלפט פאר עבודת ד', ווייל דערמיט בויעט מען אויף די הייליגע 'מלכות', צו 'ממליך' זיין דעם אויבערשטן, און דינען דעם אויבערשטן.

**ל.** שמואל - א, טז.

**לא.** וויבאלד דורך הייליגע נגינה בויעט מען אויף די 'מלכות דקדושה' - אז מען איז זוכה צו 'ממליך' זיין דעם אויבערשטן אויף זיך (ווי ערקלערט אין הערה כט), דערפאר איז דער מענטש אויך זוכה - מדה כנגד מדה, צו האבן א כח פון 'מלוכה', צו קענען געוועלטיגן אויף אנדערע, און דוד המלך האט זוכה געווען צו די הייליגע נגינה בשלימות, דערפאר האט ער זוכה געווען צו זיין א 'קעניג' אויף גאנץ כלל ישראל.

**לב.** דער אויסדרוק פונעם פסוק: "**ויודע נגן**", טייטשט זיך גאר שיין, לויט ווי עס איז פריער ערקלערט געווארן, אז די 'צפרים' וואס פון זיי קומט די כח פון נגינה, זענען די 'מח' און די 'דעת'.

**לג.** און דער פשט אין פסוק וועט זיין: "**מאחר עלות**" = דוד האט זוכה געווען צו הייליגע נגינה וואס קומט פון די 'נצח והוד' (-'צפרים' - וואס זיי זענען משפיע די 'מוחין' פאר די 'מלכות'), "**הביאו**" = און דורכדעם האט ער זוכה געווען צו זיין א 'קעניג'.

שפעטער סוף תורה וועט דער רבי אויסטייטשן דעם פסוק מיט מער ביאור.

**אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן** - הַיְנוּ כָּל הַתְּפִלּוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין, וְכָל מַה שֶּׁמַּרְבִּין בִּתְפִלָּה, נִבְנָה הַשְּׁכִינָה בְּיוֹתֵר וּמְכִינָה אֶת עַצְמָהּ לְזִוּוּג. וְזֶה אֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן - כִּי אֲפִיָּה וּבִשּׁוּל הֵם הֲכָנָה לַאֲכִילָה, לִבְחִינַת זִוּוּג, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית לט): כִּי אִם הַלֶּחֶם אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל. כְּשֶׁיִּשְׁתַּלֵּם קוֹמָה שֶׁל כָּל הַשְּׁכִינָה, הַיְנוּ עַל־יְדֵי רֹב הַתְּפִלּוֹת, יִכָּמְרוּ רַחֲמָיו, וְיִתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים:

**וְזֶה כַּד חַם** - הַיְנוּ כַּאֲשֶׁר יִכָּמְרוּ רַחֲמָיו. **גַּבֵּהּ אִתְהַפַּךְ** - הַיְנוּ שֶׁיִּתְהַפֵּךְ מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים. **וְאִי לָא הֲוֵי מְקָרְבִינָן לִסְפִינְתָּא** - הַיְנוּ לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה זֹאת (ישעיה מח); כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (ויקרא פ׳ כז): מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם לוֹ, מִי עָשָׂה לִי מְזוּזָה קֹדֶם שֶׁנָּתַתִּי לוֹ בַּיִת וְכוּ׳. נִמְצָא, שֶׁכָּל הַמַּעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁלָּנוּ וְכָל הַתְּפִלּוֹת, הַכֹּל מֵאִתּוֹ, וְאֵין רָאוּי לַחְשֹׁב לְקַבֵּל שָׂכָר עַל שׁוּם דָּבָר, וְאַף־עַל־פִּי שֶׁנִּרְאֶה שֶׁעַל־יְדֵי תְּפִלָּתֵנוּ וְתוֹרָתֵנוּ יִהְיֶה הַגְּאֻלָּה, אַף־עַל־פִּי־כֵן צְרִיכִין אֲנַחְנוּ לְחַסְדּוֹ, שֶׁבְּחַסְדּוֹ יִגְאַל אוֹתָנוּ. וְזֶה **אִי לָא מְקָרְבִינָן לִסְפִינְתָּא** - זֶה בְּחִינַת חֶסֶד, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל (יד): הַסַּפָּנִין רֻבָּן חֲסִידִים, אִי לָא חַסְדּוֹ טַבְעִינָן חַס וְשָׁלוֹם בַּגָּלוּת:

וְזֶה פֵּרוּשׁ: **אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים** - בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים כו): אֶת ה׳ הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם. **כֹּהֲנִים** הֵם בְּחִינַת תּוֹרָה, בְּחִינַת נְשָׁמוֹת כַּנַּ"ל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מלאכי ב): כִּי שִׂפְתֵי כֹהֵן יִשְׁמְרוּ דַעַת וְתוֹרָה וְכוּ׳. **אַהֲרֹן** - בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות כח): וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת מִשְׁפַּט בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל (טו); כִּי צָרִיךְ לְהָבִיא כָּל הַתְּפִלּוֹת לִבְחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, וְהוּא יָקִים *) אֶת הַמִּשְׁכָּן. וְזֶה פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: לְהַזְהִיר הַגְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים, הַיְנוּ צַדִּיק הַדּוֹר, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָאוֹר הַגָּדוֹל, יַזְהִיר וְיָאִיר אֶת הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא בְּחִינַת מָאוֹר הַקָּטֹן (טז). **וּלְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו** - הַיְנוּ עַל־יְדֵי שְׁמִירַת הַבְּרִית כַּנַּ"ל. כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (יז): עִקָּרָא דְיִצְרָא בִּישָׁא עַל עֲרָיִין, וְהִיא עִקָּרָא דְמִסְאֲבוּתָא. וּכְשֶׁיִּשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית, זוֹכֶה לִבְחִינַת תְּפִלָּה כַּנַּ"ל, וְזוֹכֶה לִבְחִינַת תְּהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ, כִּי עִקַּר הָרֵיחַ תָּלוּי בְּטָהֳרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוטה מח.): מִשֶּׁבָּטְלָה הַטָּהֳרָה, בָּטְלָה הָרֵיחַ, כַּמְבֹאָר מַעֲשֶׂה בַּגְּמָרָא (שם מט.), שֶׁאָמַר: רֵיחָא דְחִנְווֹנִיתָא אֲנִי מֵרִיחַ. אָמַר לֵהּ: בְּנִי, טָהֳרָה יֵשׁ בְּךָ:

## ג

**אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא אַקְרוּקְתָא, דַּהֲוֵי כִּי אַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא, וְאַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי שִׁתִּין בָּתֵּי, אֲתָא תַּנִּינָא בְּלָעָהּ, אֲתָא פּוּשְׁקַנְצָא וּבַלְעָהּ לְתַנִּינָא, וּסְלִיק יְתִיב בְּאִילָנָא. תָּא חֲזִי כַּמָּה נְפִישׁ חֵילֵהּ דְאִילָנָא:**

רַשְׁבַּ"ם:
אַקְרוּקְתָא. צְפַרְדֵּעַ: כְּאַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא. גָּדוֹל הָיָה כְּאוֹתָהּ כְּרַךְ: וְאַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי שִׁתִּין בָּתֵּי. תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ: אֲתָא תַּנִּינָא. רַבָּה קָאָמַר לָהּ: פּוּשְׁקַנְצָא. עוֹרֵב נְקֵבָה:

הִנֵּה מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ, כְּמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר. כִּי הִנֵּה קוֹל הַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַצִּפֳּרִים, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (ויקרא פ׳ טז): מִפְּנֵי מָה מְצֹרָע טָהֳרָתוֹ תְּלוּיָה בִּשְׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת, יָבוֹא קַלַּנְיָא וִיכַפֵּר עַל קַלַּנְיָא. כִּי נִלְקָה מֵחֲמַת קוֹלוֹ, שֶׁדִּבֵּר לָשׁוֹן הָרָע. נִמְצָא מִי שֶׁהוּא כָּשֵׁר, נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִן הַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת. וְכָתוּב בַּזֹּהַר (ויקרא דף נג:), שֶׁהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל יוֹנְקִים מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יָנְקִין. לְכָךְ נִקְרָא הַמְנַגֵּן חַזָּן, מִלְּשׁוֹן חָזוֹן, הַיְנוּ לְשׁוֹן נְבוּאָה, כִּי לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יָנְקִין:

**וּכְשֶׁהַמְנַגֵּן** הוּא רָשָׁע, אֲזַי הוּא לוֹקֵחַ הַנְּגִינָה שֶׁלּוֹ מִצִּפֳּרִים אֲחֵרוֹת שֶׁבַּקְּלִפָּה. וְכָתוּב בַּזֹּהַר, כִּי הַצִּפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה יוֹנְקִין מִדַּדֵּי הַמַּלְכוּת, וְכַד אִתְפְּלַג לֵילְיָא כְּדֵין כָּרוֹזָא כָרֵז: כַּצִּפֳּרִים הָאֲחוּזוֹת בַּפַּח, כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי־אָדָם (א):

**וְהַתִּקּוּן** הוּא שֶׁיּוּכַל לִשְׁמֹעַ נְגִינָה מִכָּל אָדָם, הוּא עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמֹד בַּלַּיְלָה תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה, הַיְנוּ גְּמָרָא, שֶׁהִיא בְּחִינַת לַיְלָה, כִּדְאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (ב): כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה, לֹא הָיָה יוֹדֵעַ מָתַי יוֹם וּמָתַי לַיְלָה, רַק עַל־יְדֵי־זֶה כְּשֶׁהָיָה לוֹמֵד תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא יוֹם, וּכְשֶׁלָּמַד תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁהוּא לַיְלָה. נִמְצָא, שֶׁהַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה הִיא בְּחִינַת לַיְלָה, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סנהדרין כד.): בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי - זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי, וּכְתִיב (בראשית א): וְלַחֹשֶׁךְ קָרָא לָיְלָה. הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שַׁ"ס, יְתַקֵּן הַשִּׁית עִזְקָאִין שֶׁבַּקָּנֶה, שֶׁמֵּהֶם יוֹצֵא הַקּוֹל. וְזֶהוּ: קוּמִי רֹנִּי בַלַּיְלָה (איכה ב), הַיְנוּ שֶׁתִּהְיֶה תְּקוּמָה לְהָרִנָּה, הַיְנוּ עַל־יְדֵי הַלַּיְלָה, שֶׁהִיא גְּמָרָא שַׁ"ס:

**אַךְ** כְּשֶׁלּוֹמֵד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, הַיְנוּ בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי, הַלִּמּוּד אֵינוֹ בַּחֲשִׁיבוּת כָּל־כָּךְ, וּכְשֶׁלּוֹמֵד בַּלַּיְלָה חוּט שֶׁל חֶסֶד נִמְשָׁךְ עָלָיו (ג) וּמֵגֵן עָלָיו, שֶׁלֹּא יַזִּיק לוֹ הַמַּחֲשָׁבָה הַנַּ"ל:

**וְאִיתָא** בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל, כִּי צִפֳּרִים שֶׁבַּקְּלִפָּה הֵם מֹחִין שֶׁבְּמַלְכוּת דִּקְלִפָּה, וְהַשְּׁתֵּי צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהוֹרוֹת הֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. לְפִיכָךְ נִשְׁתַּבַּח דָּוִד לִפְנֵי שָׁאוּל (שמואל־א טז): וְיֹדֵעַ נַגֵּן; כִּי הַנְּגִינָה הִיא בִּנְיַן הַמַּלְכוּת, לְכָךְ רָאוּי הוּא לְמַלְכוּת. וְזֶה שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (תהלים עח): מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, הַיְנוּ נֶצַח וָהוֹד, כִּי הֵם מֵינִיקִין לַנְּבִיאִים, וְהֵם בִּנְיַן הַמַּלְכוּת:

**וְזֶה** שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: לְדִידִי חָזֵי לִי הַהִיא **אַקְרוּקְתָא**, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: צְפַרְדֵּעַ, הַיְנוּ צִפַּר דֵּעָה (ד). **דַּהֲוֵי כִּי אַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא** - מִלְּשׁוֹן קְרָא בְגָרוֹן (ישעיה נח), הַיְנוּ שֶׁהַנְּגִינָה נִמְשֶׁכֶת מִמֶּנּוּ. **וְאַקְרָא דְהַגְרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי שִׁתִּין בָּתֵּי** - הַיְנוּ עַל־יְדֵי מַה תְּתַקֵּן בְּחִינַת קְרָא בְגָרוֹן, עַל־יְדֵי שִׁתִּין בָּתֵּי, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שִׁתִּין מַסֶּכְתּוֹת. וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ**, הַיְנוּ שֶׁיִּלְמַד תַּלְמוּד:

**אֲתָא תַּנִּינָא בְּלָעָהּ**, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: רַבָּה קָאָמַר לָהּ, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, יִבְלַע אוֹתָהּ הַנָּחָשׁ.

(יד) קידושין דף פב. (טו) (חסר וצ"ל) כי צריך לזה בחי׳ משפט כנ"ל, ואמרת אליהם ואמרת דייקא (מצאתי בכת"י המועתק מכת"י רבינו ז"ל). (טז) עי׳ זוהר פקודי רל"ח ע"ב . (יז) עי׳ זוהר ויקרא דף ט"ו ע"ב ועי׳ זוהר פקודי רס"ג רס"ד ועי׳ ת"כ פ"ט. *) (חסר וצ"ל) והוא יקים [אותם כמ"ש ויביאו את המשכן אל משה ויקם משה] את המשכן. (מכת"י). (א) זוהר ויחי רי"ז ע"ב ועי׳ בע"ח שער הקליפות פ"ב. (ב) שוחר טוב תהלים י"ט. (ג) חגיגה י"ב ע"ב. (ד) עי׳ תדא"ר פ"ז ועי׳ בכוונות האריז"ל על ענין דם צפרדע.

**בקיצור:** די צוויי הייליגע 'צפרים' זענען משפיע 'מוחין' [-צוויי חלקים פון די 'מוח'] וואס זיי בויען אויף די 'מלכות דקדושה' ❖ די צוויי טמא'נע 'צפרים' זענען משפיע 'מוחין' [-צוויי חלקים פון די 'מוח'] וואס זיי בויען אויף די 'מלכות דסטרא אחרא' ❖ דערפאר האט דוד זוכה געווען צו זיין א 'מלך' - דורך זיין נגינה.

**אלע ענינים פון די תורה מרומז אין די מעשה פון רבה בר בר חנה**

**וְזֶה שֶׁאָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה** און דאס איז די כוונה פון די ווערטער פון רבה בר בר חנה, וואס האט דערציילט: **לְדִידִי חָזֵי לִי הַהוּא אַקְרוּקְתָּא, וּפֵרֵשׁ רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל: צְפַרְדֵּעַ** - "איך האב געזען א 'אקרוקתא'", און דער רשב"ם איז מסביר, אז דאס מיינט א 'צפרדע' [-א 'פראש'], **הַיְנוּ** דאס איז מרמז אויף **צִפּוֹר דֵּעָה** די הייליגע 'צפרים', וואס זיי זענען משפיע די 'מוחין' פאר די 'מלכות דקדושה', ווייל די ווארט "צפרדע" איז צוזאמגעשטעלט פון 'צפור' [-פייגלער], און 'דעה' [-מוחין און 'דעת'].

און דאס וואס ער האט דערציילט:

**דַּהֲוֵי כִּי אַקְרָא דְּהַגְּרוֹנְיָא** - "די צפרדע איז געווען אזוי ווי די שטאט אקרא פון הגרוניא", איז מרמז אויף די 'קול' פון 'נגינה', **מִלְּשׁוֹן קְרָא בְגָרוֹן** ווייל די ווערטער "אקרא דהגרוניא" טייטשט זיך די זעלבע ווי די לשון פון די פסוק (ישעי' נ"ח): "קרא בגרון", וואס דער באדייט דערפון איז, אז דער אויבערשטער זאגט פאר'ן נביא: "רוף אויס מיט א 'קול', פון דיין גארגל", און דערפאר איז "אקרא דהגרוניא" מרמז אויפ'ן 'קול'[לד], **הַיְנוּ** און דא איז מרומז, **שֶׁהַנְּגִינָה נִמְשָׁךְ מִמֶּנּוּ** אז די קול פון נגינה (-"אקרא דהגרוניא") קומט פון די 'צפרים' (-"צפרדע").

און דאס וואס די גמרא פרעגט:

**וְאַקְרָא דְּהַגְּרוֹנְיָא כַּמָּה הֲוֵי** - "ווי גרויס איז די שטאט 'אקרא דהגרוניא'"? און די גמרא ענטפערט: **שִׁתִּין בָּתֵּי** - "די שטאט באשטייט פון זעכציג הייזער", **הַיְנוּ** דא איז מרומז א שאלה: **עַל יְדֵי מַה תְּתַקֵּן בְּחִינַת קְרָא בְגָרוֹן** וויאזוי איז מען זוכה צו מתקן זיין (-"כמה הוי"), די קול פון נגינה (-"אקרא דהגרוניא")? און דער תירוץ איז: **עַל יְדֵי שִׁתִּין בָּתֵּי, הַיְנוּ עַל יְדֵי שִׁתִּין מַסֶּכְתּוֹת** דורך 'זעכציג הייזער', וואס דאס איז מרמז - אז דורכדעם וואס מען לערנט די 'זעכציג' מסכתות פון משניות - דורכדעם איז מען זוכה צו מתקן זיין די קול פון נגינה, **וּפֵרֵשׁ רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל תַּלְמוּדָא קָאָמַר לָהּ** און דערפאר איז דער רשב"ם מפרש: "תלמודא קאמר לה", **הַיְנוּ שֶׁיִּלְמַד תַּלְמוּד** און זיין כוונה איז, אז מען דארף לערנען גמרא, וואס ווערט אנגערופן 'תלמוד'[לה].

און דאס וואס ס'שטייט ווייטער אז:

**אֲתָא תַּנְיָנָא בָּלְעָה** "ס'איז געקומען א שלאנג, און איר איינגעשלונגען", **וּפֵרַשׁ רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל: רַבָּה קָאָמַר לָהּ** און אויך דאס וואס דער רשב"ם איז מסביר, אז פון דא און ווייטער איז מער נישט די ווערטער פון די גמרא, נאר רבה בר בר חנה דערציילט ווייטער זיין מעשה, **הַיְנוּ** דאס איז מרמז - **עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמֹד שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ, יִבְלַע אוֹתָהּ הַנָּחָשׁ** אז אויב מען לערנט 'שלא לשמה', ווערט די תורה (-די זעכציג מסכתות - הייזער) איינגעשלינגען דורך די סטרא אחרא, וואס איז צוגעגליכן צו א 'שלאנג'[לו], און דאן קען די תורה נישט מתקן זיין די קול פון נגינה

---

הערות

**לד.** דער פסוק "קרא בגרון" איז מרמז ספעציעל אויף די קול פון 'נגינה', ווייל דער פסוק רעדט פון די קול פון דער 'נביא', און ווי ערקלערט אויבן, איז די שורש פון 'נגינה' און פון 'נבואה' די זעלבע, ווייל ביידע שעפן זייער חיות פון 'נצח' און 'הוד' (זע מי הנחל).

**לה.** עס זענען דא זעכציג מסכתות 'משניות', און ווי ערקלערט אויבן (הערה כ) איז 'משניות' דער עיקר און יסוד פון 'תורה שבעל פה', אבער עס איז שוין דארט אויך ערקלערט געווארן, אז דער עיקר שלימות פון משניות, איז בלויז ווען מען לערנט אויך די 'גמרא', כדי צו ווערן קלאר אין אלע הלכות פון משניות, און דאס לייגט דער רשב"ם צו, אז די כוונה איז נישט, אז מ'זאל לערנען נאר משניות ("שתין בתי - זעכציג מסכתות משניות"), נאר מען דארף דוקא אויך לערנען 'גמרא - תלמוד' (זע פרפראות לחכמה).

**לו.** די ערשטע כח פון דער יצר הרע אויף דער וועלט, איז געווען דער 'שלאנג' וואס האט איינגערעדט חוה צו עסן פון די עץ הדעת, וואס די עבירה איז די שורש פון אלע עבירות פון אלע דורות, דערפאר ווערן אלע כחות פון טומאה און סטרא אחרא, אנגערופן אונטער'ן נאמען - 'שלאנג'.

**וְזֶה שֶׁפֵּרַשׁ רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל: רַבָּה קָאָמַר לָהּ** און דאס איז מרומז אין די ווערטער פונעם רשב"ם - "רבה קאמר לה", **הַיְנוּ** אז די טעם פארוואס דער שלאנג שלינגט איין די תורה איז - **עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמֹד בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי** ווייל מען לערנט מיט'ן ציל צו ווערן אנגערופן - 'רבי' (-וואס איז א לשון פון 'רבה')[לז].

און דאס וואס ער האט דערציילט:

**אֲתָא פּוּשְׁקַנְצָא וּפֵרֵשׁ רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל: עוֹרֵב** "עס איז געקומען א 'עורב' - א ראב-פויגל", **הַיְנוּ** דאס איז מרמז - **עַל יְדֵי שֶׁיִּלְמֹד בַּלַּיְלָה** אז די עצה צו ווערן געראטעוועט פון די 'שלאנג', איז דורכדעם וואס ער וועט לערנען 'ביינאכט', **מִלְּשׁוֹן עַרְבִית** ווייל דיווארט 'עורב' איז א לשון פון 'ערבית' [-ביינאכט], **וּבְלָעָהּ** און די ווארט "ובלעה" איז מרמז - **הַיְנוּ וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ כַּנַּ"ל** אז דאס וואס מען לערנט ביינאכט, דאס באשיצט דעם מענטש פון די 'שלאנג'[לח], אז ער זאל נישט קענען איינשלינגען די תורה, און די תורה זאל יא קענען מתקן זיין די קול נגינה[לט].

און דאס וואס ער האט דערציילט:

**וּסְלִיק יְתִיב בְּאִילָנָא** "די 'עורב' איז ארויפגעגאנגען אויף א בוים, און זיך געזעצט דארט", **פֵּרַשׁ הַמַּהַרְשָׁ"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַבְרָהָם** און דער מהרש"א ערקלערט דארט, אז די 'בוים' איז מרמז אויף 'אברהם', **שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ** וויבאלד עס שטייט אין פסוק אויף אברהם (בראשית כא): **"וַיִּטַּע אֵשֶׁל"** - "ער האט איינגעפלאנצט א 'בוים'", **שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד** און אברהם איז דאך די בחינה פון 'חסד' [ווייל ער האט זוכה געווען בשלימות צו די מדה פון 'חסד']; קומט אויס, אז די בוים איז מרמז אויף די מדה פון חסד, **הַיְנוּ** און דערפאר איז דא מרומז, **שֶׁהַחוּט שֶׁל חֶסֶד שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו, מֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל** אז די 'חוט של חסד' (-וואס דאס איז די מדה פון 'אברהם' - די 'בוים'), וואס ווערט נמשך אויפ'ן מענטש - דורכ'ן לערנען תורה שבעל פה 'ביינאכט' (-וואס דאס איז די 'עורב'), דאס באשיצט דעם מענטש פון דעם 'שלאנג', אז ער זאל אים נישט קענען איינרעדן צו לערנען [אינגאנצן] 'שלא לשמה', און ער זאל נישט קענען איינשלינגען חס ושלום זיין תורה[מ].

און דאס וואס רבה פירט אויס:

**תָּא חֲזִי כַּמָּה נְפִישׁ חֵילֵהּ דְּאִילָנָא** - "זיי זיך מתבונן אין די געוואלדיגע שטארקייט, פון די בוים", **הַיְנוּ שֶׁרַבָּה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ, שֶׁכָּל כָּךְ גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ** דאס איז די התפעלות פון רבה, איבער די גרויסע כח פון די 'מדת החסד' פונעם אויבערשטן, וואס ווערט נמשך אויף דער וואס לערנט ביינאכט, **שֶׁאֲפִלּוּ עַל זֶה יָכוֹל לְהָגֵן** אז דאס קען באשיצן אפילו אויף דעם [-אפילו אויף איינער וואס לערנט נישט 'בשלימות' לשמה, אז דער שלאנג זאל נישט איינשלינגען זיין תורה, און ער זאל קענען מתקן זיין די קול נגינה].

**בקיצור:** אלע ענינים פון די מאמר זענען מרומז אין די מעשה פון רבה בר בר חנה: **"ההוא אקרוקתא"** = די הייליגע פייגלעך וואס זענען משפיע מוחין, **"דהוי כי אקרא דהגרוניא"** = די קול פון נגינה קומט פון די פייגלעך, **"ואקרא דהגרוניא כמה הוי, שתין בתי"** = דורכ'ן לערנען די זעכציג מסכתות מיט גמרא, ווערט מתוקן די קול נגינה, **"אתא תנינא בלעה"** = אויב לערנט מען שלא לשמה קען דער שלאנג איינשלינגען די תורה, **"אתא פושקנצא ובלעה וסליק יתיב באילנא"** = אבער ווען מען לערנט ביינאכט, ווערט מען באשיצט פון דעם שלאנג, דורך די חוט של חסד וואס ווערט נמשך אויפ'ן מענטש, **"תא חזי כמה נפיש חיליה דאילנא"** = זיי דיר מתבונן אין די מורא'דיגע מדת החסד פון השי"ת, צו באשיצן פון דעם שלאנג, אפילו מען איז נאכנישט זוכה צו לערנען בשלימות לשמה.

### די פשט פון א משנה אין אבות

**וּבָזֶה** און לויט די ענינים וואס זענען ערקלערט געווארן אין די תורה, **יִתְיַשֵּׁב הַסְּמִיכוּת שֶׁל הַמִּשְׁנָה** קען מען פארשטיין פארוואס די משנה אין 'אבות' (פרק א') האט צוזאמגעשטעלט די פאלגנדע דריי מאמרים איינס נעבן די אנדערע: **א) עֲשֵׂה לְךָ רַב** אז יעדער מענטש זאל אויפנעמען פאר זיך א באשטימטע רבי. **ב) וּקְנֵה לְךָ חָבֵר** אז מען זאל זיך איינקויפן [אפילו פאר געלט] א גוטער חבר. **ג) וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** און מען זאל אלעמען דן זיין לכף זכות, וואס אויבנאויף איז אומפארשטענדליך די שייכות פון די דריי זאכן, אבער לויט די חידושים פון אונזער תורה איז דאס גאר געשמאק, ווי ערקלערט ווייטער.

**כִּי עַל יְדֵי שֶׁשּׁוֹמֵעַ הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל, הוּא מְתַקֵּן בִּנְיַן הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ** ווייל ווי אויבן ערקלערט, ווערט פארראכטן די געבוי פון זיין חלק אין די מדה פון 'מלכות', דורכדעם וואס מען הערט א הייליגע קול נגינה (- ווייל די 'נגינה' קומט פון די הייליגע 'צפרים', וואס זיי זענען משפיע די 'מוחין' וואס בויען אויף די 'מלכות'), **וְזֶה - עֲשֵׂה לְךָ רַב** און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון די משנה

הערות

**לז.** דאס הייסט, אז וויבאלד ער לערנט תורה מיט א כוונה פון כבוד, דעריבער קען די סטרא אחרא (-'שלאנג') זיך מתגבר זיין אויף אים, און אים מכשיל זיין, אז ער זאל לערנען 'בלויז' פאר די אייגענע גאוה און צו ווייזן חשיבות מער ווי אנדערע, אן קיין שום כוונה פון מקיים זיין, וואס דאס איז די ערגסטע סארט 'שלא לשמה' (זע אויבן הערה כו), און דאן שלינגט די סטרא אחרא (-'שלאנג') איין די תורה חס ושלום, און אוודאי האט דאס נישט קיין כח צו מתקן זיין די נגינה (פרפראות לחכמה).

**לח.** די אויסדרוק פון 'בליעה' קען מען נוצן אויף 'פארדעקן' און 'פארשטעלן' און 'באשיצן' (זע במדבר ד, כ), און דאס איז דער טייטש דא - אז די תורה וואס מען לערנט ביינאכט, 'פארשטעלט' און 'האלט אפ' דעם 'שלאנג', אז ער זאל נישט איינשלינגען די תורה.

**לט.** דאס מיינט, אז דער שלאנג וועט אים נישט קענען צוברענגען צו די גאר טמא'נע סארט 'שלא לשמה' (זע אויבן הערה כו, און הערה לז), נאר פארקערט - ער וועט צוקומען דורך זיין לערנען, צו לערנען מיט א שלימות'דיגע כוונה פון 'בלויז' לשמה, און דערפאר, אפילו ער איז נאך דערווייל נישט צוגעקומען צו אט די דערהויבענע מדריגה פון לשמה 'בשלימות', האט אבער זיין לערנען א כח צו מתקן זיין טיילווייז די קול פון נגינה (פרפראות לחכמה).

**מ.** און דער פשט פון די ווערטער **"וסליק יתיב באילנא"** וועט זיין, אז די תורה וואס מען לערנט ביינאכט (וואס איז מרומז אין די 'עורב'), איז ארויפגעגאנגען און האט זיך געזעצט אויף די 'חוט של חסד' (-בוים) - אז די תורה האט זיך געשיצט אין די כח פון די 'חוט של חסד', צו געראטעוועט ווערן פון מחשבות פון 'שלא לשמה' בשעת'ן לערנען תורה.

**וְזֶה** שֶׁפֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **רַבָּה קָאָמַר לָהּ**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי. **אֲתָא פּוּשְׁקַנְצָא**, וּפֵרַשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **עוֹרֵב**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה, מִלְּשׁוֹן עַרְבִית (ה). **וּבְלָעָהּ**, הַיְנוּ וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. וּסְלִיק **יָתִיב בְּאִילָנָא** - פֵּרֵשׁ הַמַּהַרְשָׁ"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַבְרָהָם, שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (בראשית כא): וַיִּטַּע אֶשֶׁל, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד. הַיְנוּ שֶׁהַחוּט שֶׁל חֶסֶד, שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו, מֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. **תָּא חֲזֵי כַּמָּה נְפִישׁ חֵילֵהּ דְּאִילָנָא**, הַיְנוּ שֶׁרַבָּה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ, שֶׁכָּל־כָּךְ גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ, שֶׁאֲפִלּוּ עַל זֶה יָכוֹל לְהָגֵן:

**וּבָזֶה** יִתְיַשֵּׁב הַסְּמִיכוּת שֶׁל הַמִּשְׁנָה (אבות פ"א): **עֲשֵׂה לְךָ רַב, וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** - כִּי עַל־יְדֵי שֶׁשּׁוֹמֵעַ הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל, הוּא מְתַקֵּן בִּנְיַן הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ. וְזֶה: **עֲשֵׂה לְךָ רַב**, הַיְנוּ שֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת, וְזֶה עַל־יְדֵי קְנֵה לְךָ חָבֵר, הַיְנוּ עַל־יְדֵי קָנֶה, שֶׁהַקּוֹל יוֹצֵא מִמֶּנּוּ, **שֶׁמְּחַבֵּר הַשְּׁנֵי כְּרוּבִים** לִהְיוֹת פָּנִים בְּפָנִים כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת (ו), בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם (ז). וַאֲזַי, כְּשֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁלּוֹ וְיוּכַל לִמְשֹׁל בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה וְיוּכַל לְהָמִית לָזֶה וּלְהַחֲיוֹת לָזֶה, וְנִמְצָא עוֹלָם חָרֵב, לָזֶה אָמַר: **וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** - שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חָפֵץ בְּחֻרְבַּן הָעוֹלָם, כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאָהּ, לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ (ח):

**וּבִשְׁבִיל** זֶה מַרְגְּלָא בְּפֻמָּא דְאִנְשֵׁי עַכְשָׁו לוֹמַר, שֶׁהַחַזָּנִים הֵם שׁוֹטִים וְאֵינָם בְּנֵי דֵעָה, כִּי עַכְשָׁו מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה בְּגָלוּת, וְעַל־כֵּן הַנְּגִינָה, שֶׁהִיא נִמְשֶׁכֶת מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים, מִבְּחִינַת מֹחִין וְדַעַת דְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַכְשָׁו שֶׁהַמַּלְכוּת בְּגָלוּת, וְעַל־כֵּן הַנְּגִינָה נִפְגֶּמֶת, וְעַל־כֵּן הַחַזָּנִים הֵם בְּלֹא דַעַת, כִּי אֵין לָהֶם כֹּחַ עַכְשָׁו לְהַמְשִׁיךְ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹחִין וְדַעַת שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. אֲבָל לֶעָתִיד, שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְיִהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ, אֲזַי תִּתְעַלֶּה וְתֻשְׁלַם הַנְּגִינָה בִּבְחִינַת דַּעַת דְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (תהלים מז): כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל; כִּי אֲזַי, כְּשֶׁיִּהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ וְיִתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, אֲזַי זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל, הַיְנוּ שֶׁהַחַזָּנִים הַמְזַמְּרִים יִהְיוּ בְּדַעַת וּבְשֵׂכֶל עַל־יְדֵי שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וִיקַבְּלוּ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּעַת וּמֹחִין שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

(שַׁיָּךְ לְעֵיל): **וְזֶהוּ**: (ט) כִּי גָדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ (תהלים קח). שָׁמַיִם הוּא בְּחִינַת קוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ קוֹלֶךָ; כִּי עַל־יְדֵי הַחֶסֶד, הַיְנוּ בְּחִינַת חוּט שֶׁל חֶסֶד, הַנִּמְשָׁךְ עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה, עַל־יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן הַקּוֹל כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ כִּי גָדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ כַּנַּ"ל:

**הַשְּׁתֵּי** צִפֳּרִים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם הַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת, הֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַל־כֵּן הַעֲמָדַת מֶלֶךְ הָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה כְּכָל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד שֶׁהָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה. וְהַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַכְּרוּבִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל, שֶׁהֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

**מֵאַחַר** עָלוֹת הֱבִיאוֹ, הַיְנוּ מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, כִּי הֵם יָנְקִין לִנְבִיאִים וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ מֵאַחַר עָלוֹת, הַיְנוּ שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן וּלְהַעֲלוֹת גַּם הַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ מֵאָדָם כָּשֵׁר, לְהַעֲלוֹתָהּ אֶל הַקְּדֻשָּׁה. וְזֶהוּ מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, הַיְנוּ גַּם הַנְּגִינָה, שֶׁהִיא מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, בִּבְחִינַת מֵאַחַר עָלוֹת, מֵאַחַר הַמֵּינִיקוֹת, כִּי הַנְּגִינָה דִּקְדֻשָּׁה הוּא מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים יָנְקִין, וְהַנְּגִינָה שֶׁאֵינוֹ בִּקְדֻשָּׁה הִיא בְּחִינַת מֵאַחַר עָלוֹת, מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְדָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָיָה יָכוֹל לְתַקֵּן נְגִינָה זוֹ גַּם־כֵּן, וְעַל־יְדֵי זֶה נִתְעַלָּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב וְכוּ'; כִּי עַל־יְדֵי זֶה זָכָה לְמַלְכוּת כַּנַּ"ל:

## ד

לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

### אָנֹכִי יְיָ אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים: (שמות כ)

**א כְּשֶׁאָדָם** יוֹדֵעַ, שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים נו): בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר (א); וְזֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פסחים נ.): בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וְכוּ'. וְהִקְשׁוּ: וְכִי הָאִדָּנָא לָאו הוּא אֶחָד. וְתֵרְצוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: הָאִדָּנָא מְבָרְכִין עַל הַטּוֹבָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, וְעַל הָרָעָה - דַּיַּן אֱמֶת; וְלֶעָתִיד - כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, שֶׁיִּהְיֶה שֵׁם ה' וְשֵׁם אֱלֹקִים אַחְדּוּת אֶחָד:

**ב וְזֹאת** הַבְּחִינָה אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג אֶלָּא כְּשֶׁמַּעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהַגָּלוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, כִּי עַכְשָׁו הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה לְהָעַכּוּ"ם, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים עֲבוֹדַת־אֱלִילִים שֶׁלָּהֶם בְּשֵׁם אֱלֹהִים, כִּי יוֹנְקִים מִבְּחִינַת מַלְכוּת, הַנִּקְרָא אֱלֹהִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים עד): אֱלֹהִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם; וּכְשֶׁמַּעֲלִין בְּחִינַת מַלְכוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, אֲזַי נִתְקַיֵּם: כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים (שם מז):

**ג וְאִי־אֶפְשָׁר** לְהָשִׁיב הַמְּלוּכָה לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶלָּא עַל־יְדֵי וִדּוּי־דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד־חָכָם, עַל־יְדֵי זֶה מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ. וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ (הושע יד): קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים - זֶהוּ וִדּוּי־דְּבָרִים, זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר (סנהדרין ח.). דַּבָּר - לְשׁוֹן מַנְהִיג וּמוֹשֵׁל. וְשׁוּבוּ אֶל ה' - שֶׁיְּתַקְּנוּ וְיַעֲלוּ אֶת הַדְּבָרִים, אֶת בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת אֱלֹהִים, אֶל ה', הַיְנוּ כַּנַּ"ל, בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁיֵּדַע שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו כֻּלָּם לְטוֹבָתוֹ וִיבָרֵךְ עַל כָּל הַדְּבָרִים הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב:

(ה) עי' רש"י עירובין כב. ד"ה שמשכים ומעריב. (ו) מלכים-א ז'. (ז) עי' ב"ב צט. וברשב"ם שם. (ח) (ישעיה מה). (ט) עי' פסחים דף נון ע"ב ועי' זוהר ויחי רי"ט. (א) עי' ברכות דף ס' ע"ב.

"עשה לך רב", **הַיְנוּ** דאס מיינט, **שֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת** אז יעדער דארף 'מתקן' זיין די אייגענע מדה פון 'מלכות', ווייל "עשה" איז א לשון פון 'פארריכטן' און 'מתקן זיין', און "רב" איז א לשון פון 'גרויסקייט' און 'מלכות'[מא].

וויאזוי איז מען זוכה צו מתקן זיין די מלכות?

**וְזֶה וּקְנֵה לְךָ חָבֵר** אויף דעם איז די משנה ממשיך: "וקנה לך חבר", צום ערשט טייטשט ער די ווארט "וקנה": **הַיְנוּ** דאס מיינט, אז די עצה צו מתקן זיין די 'מלכות', איז **עַל יְדֵי הַקָּנֶה שֶׁהַקּוֹל יוֹצֵא מִמֶּנּוּ** דורך די 'קנה' [-די רער] וואס פון דארט קומט ארויס די 'קול' נגינה פונעם מענטש[מב], יעצט וועט ער טייטשן די ווערטער "לך חבר": **שֶׁמְּחַבֵּר הַשְּׁנֵי כְּרוּבִים** אז דורכדעם וואס מען איז מתקן די קול נגינה וואס קומט פון די 'קנה' - איז מען 'מחבר' [-מען באהעפט] די הייליגע צוויי 'כרובים', וואס זענען געווען אויף די ארון אין בית המקדש, **לִהְיוֹת פָּנִים בְּפָנִים** אז זיי זאלן זיין אויסגעדרייט מיט'ן פנים איינע קעגן די אנדערע, און זיי זאלן זיין באהאפטן **כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת** וואס דאס איז מרמז - אז דער אויבערשטער מיט כלל ישראל זענען באהאפטן[מג], ווייל די שורש פון 'נגינה' איז דאך - די צוויי הייליגע 'צפרים', און אט די 'צפרים' זענען באמת די סוד פון די הייליגע 'כרובים' (ווייל די כרובים זענען געווען אויסגעשניצטע פייגלער, און זיי זענען מרמז אויף די 'צפרים'), קומט אויס, אז דורך הייליגע 'נגינה' איז מען מתקן די 'כרובים', און די שלימות און תיקון פון די 'כרובים' איז, אז זיי זענען אויסגעדרייט מיט'ן פנים איינע קעגן די אנדערע, וואס דאס געשעט: **בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם** ווען כלל ישראל טוט דעם רצון ד'[מד][מה].

**וַאֲזַי כְּשֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁלּוֹ** און דעמאלטס ווען דער מענטש וועט מתקן זיין, זיין חלק אין די 'מלכות דקדושה', **וְיוּכַל לִמְשֹׁל בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה** און ער וועט באקומען א כח פון 'מלכות' צו קענען געוועלטיגן אויף אנדערע, און טון וואס ער וויל, **וְיוּכַל לְהָמִית לָזֶה וּלְהַחֲיוֹת לָזֶה** און ער וועט קענען אפילו הרג'ענען חלילה געוויסע מענטשן [-די וואס פירן זיך נישט ערליך], און לאזן לעבן אנדערע [-די וואס פירן זיך יא ערליך], **וְנִמְצָא עוֹלָם חָרֵב** און די וועלט קען חס ושלום חרוב ווערן אזוי, **לָזֶה אָמַר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** דערויף איז דער תנא ממשיך: "והוי דן את כל האדם לכף זכות", **שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת** וואס דאס מיינט, אז מען דארף אלעמען דן זיין לכף זכות, און נישט הרג'ענען אפילו די נישט ערליכע מענטשן, **כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בְּחֻרְבַּן הָעוֹלָם** ווייל דער אויבערשטער וויל נישט, אז די וועלט זאל חס ושלום חרוב ווערן, **כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאָהּ לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ** ווייל דער אויבערשטער האט נישט באשאפן די וועלט אז זי זאל זיין וויסט און ליידיג, נאר ער האט באשאפן די וועלט מיט'ן ציל אז עס זאל זיין פול מיט מענטשן, דערפאר טאר מען נישט הרג'ענען אפילו די נישט ערליכע מענטשן[מו].

הערות

**מא.** פונעם אויסדרוק "לך רב" זעט מען, אז יעדער איד האט א פערזענליכער חלק אין די 'מלכות דקדושה', וואס 'ער' דארף אויפבויען, דורכדעם וואס 'ער' איז 'ממליך' דעם אויבערשטן אויף 'זיך', און אויף אלע 'זיינע' מעשים, און דאס מיינט "לך רב", אז מען דארף מתקן זיין די אייגענע מלכות.

ווי אויך איז מרומז אין די לשון: "לך רב", אז ווען מען איז מתקן זיין חלק אין די 'מלכות', דאן איז דער מענטש זוכה צו האבן א 'אייגענע' כח פון 'מלכות', צו קענען געוועלטיגן אויף אנדערע (ווי ערקלערט אויבן הערה לא).

**מב.** ווייל מיר האבן געלערנט אויבן, אז דורכדעם וואס מ'לערנט ביינאכט ש"ס [-ששה סדרים - 'זעקס' סדרי משנה], איז מען זוכה צו פאררעכטן די 'קנה' [וואס איז צונויפגעשטעלט פון 'זעקס' רינגעלעך], און דאן איז די קול הנגינה א הייליגע קול נגינה, - אז דאס קומט פון די הייליגע 'צפרים', און וויבאלד די 'צפרים' זענען משפיע די 'מוחין' פאר די מלכות דקדושה (וואס זיי בויען אויף די מלכות, ווי אויבנדערמאנט), קומט אויס אז דורך דעם וואס מ'פאררעכט דעם 'קנה' - פאררעכט מען די מלכות.

**מג.** דאס איז א לשון הפסוק (מלכים-א, ז), און די כוונה דערפון איז, אז די כרובים האבן זיך ארומגענומען [זע דארטן אין די מפרשים], און דאס האט געדינט פאר א משל ווי דער אויבערשטער (וואס איז מרומז אין די ווארט **"איש"**) איז באהאפטן מיט די שכינה - כלל ישראל (וואס איז מרומז אין די ווארט **"ולויות"**).

**מד.** די גמרא ערקלערט (ב"ב צט. וברשב"ם), אז איינע פון די צוויי 'כרובים' איז מרמז אויפ'ן אויבערשטן, און די אנדערע איז מרמז אויף כלל ישראל, און ווען כלל ישראל האט געטון די רצון ד', זענען די כרובים געווען אויסגעדרייט מיט'ן פנים איינע צו די אנדערע, און זיי האבן זיך ארומגענומען און ארומגעהאלזט, וואס דאס האט מרמז געווען אויף די 'אהבה' צווישן דעם אויבערשטן און כלל ישראל - אז די אידן קוקן ארויף מיט זייער 'פנים' מיט א דביקות צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער דרייט אויס זיין 'פנים' מיט א ליבשאפט צו אידן, און ווען אידן האבן חס ושלום נישט געטון דעם רצון ד', איז געשען א נס אז די כרובים האבן זיך אוועקגעדרייט זייער פנים איינע פון די אנדערע.

דער רבי איז מגלה, אז די זעלבע שפילט זיך אפ היינט צוטאגס מיט די הייליגע 'צפרים' וואס זיי זענען די שורש פון די 'כרובים', דאס הייסט, אז ווען א איד זינגט מיט'ן ציל צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, אדער ער הערט ווי א ערליכער איד וואס איז דבוק אין אויבערשטן זינגט (וואס דאס ווערט אנגערופן - אז די אידן טוען דעם רצון ד'), דאן איז ער גורם אז די הייליגע 'צפרים' (וואס זיי זענען די שורש פון די 'כרובים') וואס זענען מרמז אויפ'ן אויבערשטן און כלל ישראל - זאלן זיך אויסדרייען און ווערן באהאפטן איינע צו די אנדערע; וואס דאס איז מרמז, אז דער איד (-וואס איז א חלק פון 'כלל ישראל') ווערט נתעורר זיך צו מדבק זיין אינעם אויבערשטן, און ארויפקוקן צו אים, און דער אויבערשטער פירט זיך אויך מיט א ליבשאפט צו אים, און איז אים משפיע פיל גוטס, וואס קומט פון די ליכטיגקייט פון זיין 'פנים'.

פארקערט - ווען מען הערט חלילה שלעכטע 'נגינה', איז דאס גורם, אז די 'כרובים' זאלן זיך אוועקדרייען, וואס דאס מיינט, אז דער מענטש זאל ווערן חס ושלום אפגעריסן פונעם אויבערשטן, און גלוסטן בלויז תאוות עולם הזה, און דאן דרייט דער אויבערשטער אויך אוועק זיין 'פנים' פון אים כביכול, וואס דאס ברענגט אלע דינים און צרות.

מיט דעם פארשטייט מען נאך א טעם פארוואס הייליגע נגינה העלפט פאר עבודת ד', און פארקערט - שלעכטע נגינה שטערט פון עבודת ד'.

**מה.** און די פשט פון די משנה וועט זיין: אז דורך **"וקנה"** = אז מ'פאררעכט די 'קנה' (-די קול), דורך דעם פאררעכט מען די 'צפרים' (-די 'כרובים') אז זיי זאלן זיין אין א מצב פון **"לך חבר"** = אויסגעדרייט און באהאפטן איינס צום צווייטן. און וויבאלד די 'כרובים' - (-די 'צפרים') זענען דאך משפיע 'מוחין' פאר די 'מלכות', דערפאר ווען די 'כרובים' זענען בשלימות - אז זיי זענען מחובר (-**"וקנה לך חבר"**), ווערט דורכדעם מתוקן די 'מלכות' (-**"עשה לך רב"**).

**מו.** מיט א טיפערן בליק: די גאנצע תכלית פון די וועלט באשאף איז כדי ס'זאל ווערן פארראכטן און אויפגעבועיט די 'מלכות' - אז אלע זאלן 'ממליך' זיין דעם אויבערשטן, און וויבאלד מען רעדט דא פון א צדיק, וואס האט זוכה געווען צו פאררעכטן 'זיין' חלק אין די 'מלכות' - אז ער איז 'ממליך' דעם אויבערשטן בשלימות, און ער דינט בלויז דעם אויבערשטן, דערפאר איז מעגליך, אז דער צדיק וועט נישט קענען אויסהאלטן, צו זען מענטשן וואס האבן נישט פארראכטן זייער חלק אין די 'מלכות' - אז זענען נישט ממליך דעם אויבערשטן, צו טון בלויז דעם רצון ד', און זיין דבוק בלויז אינעם אויבערשטן אן קיין שום שייכות צו גשמיות, און דערפאר וועט דער צדיק זיי הרג'ענען, און ער וועט מיינען אז דאס איז די ריכטיגער 'תיקון העולם' - אז די אלע וואס זענען נישט 'ממליך' דעם אויבערשטן זאלן שטארבן, ווייל נאר צוליב דעם איז דאך די וועלט באשאפן געווארן.

דער אמת איז אבער, אז די רצון ד' איז נישט אזוי, נאר פארקערט - אויב געוויסע אידן ווערן פארפאלן, ווערט דאס אנגערופן, אז 'די וועלט איז חרוב געווארן', ווייל יעדע איינציגע אידישע נשמה האלט אויף זיך א חלק פון די בריאה, ווייל יעדער איד האט א עקסטערע חלק אין די 'מלכות' וואס 'ער' דארף פאררעכטן (ווי ערקלערט אויבן הערה מא), און דערפאר איז דא א געוויסע חלק פון די בריאה וואס עקזיסטירט בלויז צוליב 'דעם' איד (זע ליקו"מ סי' י"ז), קומט אויס אז ווען די שלעכטע אידן שטארבן, איז די 'מלכות' נאכנישט אינגאנצן פארראכטן געווארן, און ס'איז כאילו עס ווערן חרוב געוויסע חלקים פון די וועלט.

נאר דער ריכטיגער תיקון העולם איז, אז דער צדיק זאל יא זוכן די אומזעבארע 'פינטעלעך' פון גוטס וואס די אידן טוען, און ער זאל מגלה זיין די ביסעלע מעשים טובים וואס די אידן כאפן ארויס דא און דארט, און דורכדעם וואס ער טרעפט די באהאלטענע גוטס און ער ברענגט דאס ארויף צום אויבערשטן, דורכדעם קען ער

וְזֶה שֶׁפֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **רַבָּה קָאָמַר לָהּ**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בִּשְׁבִיל שֶׁיִּתְקָרֵא רַבִּי. **אֲתָא פּוּשְׁקַנְצָא**, וּפֵרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: **עוֹרֵב**, הַיְנוּ עַל־יְדֵי שֶׁיִּלְמַד בַּלַּיְלָה, מִלְּשׁוֹן עַרְבִית (ה). **וּבְלָעָהּ**, הַיְנוּ וּמֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. וּסְלִיק **יָתִיב בְּאִילָנָא** - פֵּרֵשׁ הַמַּהַרְשָׁ"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַבְרָהָם, שֶׁכָּתוּב אֶצְלוֹ (בראשית כא): וַיִּטַּע אֶשֶׁל, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֶסֶד. הַיְנוּ שֶׁהַחוּט שֶׁל חֶסֶד, שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו, מֵגֵן עָלָיו מִן הַנָּחָשׁ הַנַּ"ל. **תָּא חֲזִי כַּמָּה נְפִישׁ חֵילֵהּ דְּאִילָנָא**, הַיְנוּ שֶׁרַבָּה מַתְמִיהַּ אֶת עַצְמוֹ, שֶׁכָּל־כָּךְ גָּבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ, שֶׁאֲפִלּוּ עַל זֶה יָכוֹל לְהָגֵן:

**וּבָזֶה** יִתְיַשֵּׁב הַסְּמִיכוּת שֶׁל הַמִּשְׁנָה (אבות פ"א): **עֲשֵׂה לְךָ רַב, וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** - כִּי עַל־יְדֵי שֶׁשּׁוֹמֵעַ הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל, הוּא מְתַקֵּן בִּנְיַן הַמַּלְכוּת שֶׁלּוֹ. וְזֶה: **עֲשֵׂה לְךָ רַב**, הַיְנוּ שֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת, וְזֶה עַל־יְדֵי קְנֵה לְךָ חָבֵר, הַיְנוּ עַל־יְדֵי קָנֶה, שֶׁהַקּוֹל יוֹצֵא מִמֶּנּוּ, **שֶׁמְּחַבֵּר הַשְּׁנֵי כְּרוּבִים** לִהְיוֹת פָּנִים בְּפָנִים כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת (ו), בִּזְמַן שֶׁיִּשְׂרָאֵל עוֹשִׂין רְצוֹנוֹ שֶׁל מָקוֹם (ז). וַאֲזַי, כְּשֶׁיְּתַקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת שֶׁלּוֹ וְיוּכַל לִמְשֹׁל בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה וְיוּכַל לְהָמִית לָזֶה וּלְהַחֲיוֹת לָזֶה, וְנִמְצָא עוֹלָם חָרֵב, לָזֶה אָמַר: **וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת** - שֶׁצָּרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא חָפֵץ בְּחֻרְבַּן הָעוֹלָם, כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאָהּ, לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ (ח):

**וּבִשְׁבִיל** זֶה מַרְגְּלָא בְּפֻמָּא דְּאִנְשֵׁי עַכְשָׁו לוֹמַר, שֶׁהַחַזָּנִים הֵם שׁוֹטִים וְאֵינָם בְּנֵי דֵעָה, כִּי עַכְשָׁו מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה בְּגָלוּת, וְעַל־כֵּן הַנְּגִינָה, שֶׁהִיא נִמְשֶׁכֶת מֵאֲתַר דִּנְבִיאִים, מִבְּחִינַת מֹחִין וְדַעַת דְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַכְשָׁו שֶׁהַמַּלְכוּת בְּגָלוּת, וְעַל־כֵּן הַנְּגִינָה נִפְגֶּמֶת, וְעַל־כֵּן הַחַזָּנִים הֵם בְּלֹא דַעַת, כִּי אֵין לָהֶם כֹּחַ עַכְשָׁו לְהַמְשִׁיךְ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹחִין וְדַעַת שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל. אֲבָל לֶעָתִיד, שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְיִהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ, אֲזַי תִּתְעַלֶּה וְתֻשְׁלַם הַנְּגִינָה בִּבְחִינַת דַּעַת דְּמַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשֶׁכֶת הַנְּגִינָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ (תהלים מז): כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל; כִּי אֲזַי, כְּשֶׁיִּהְיֶה ה' לְמֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ וְיִתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, אֲזַי זַמְּרוּ מַשְׂכִּיל, הַיְנוּ שֶׁהַחַזָּנִים הַמְזַמְּרִים יִהְיוּ בְּדַעַת וּבְשֵׂכֶל עַל־יְדֵי שֶׁיִּתְעַלֶּה מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וִיקַבְּלוּ הַנְּגִינָה מִשָּׁרְשָׁהּ שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת דַּעַת וּמֹחִין שֶׁל מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

(שַׁיָּךְ לְעֵיל): **וְזֶהוּ:** (ט) כִּי גָדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ (תהלים קח). שָׁמַיִם הוּא בְּחִינַת קוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: מִשָּׁמַיִם הִשְׁמַעְתָּ קוֹלֶךָ; כִּי עַל־יְדֵי הַחֶסֶד, הַיְנוּ בְּחִינַת חוּט שֶׁל חֶסֶד, הַנִּמְשָׁךְ עַל־יְדֵי שֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה בַּלַּיְלָה, עַל־יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן הַקּוֹל כַּנַּ"ל, וְזֶהוּ כִּי גָדוֹל מֵעַל שָׁמַיִם חַסְדֶּךָ כַּנַּ"ל:

**הַשְּׁתֵּי** צִפֳּרִים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁמִּשָּׁם הַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת, הֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְעַל־כֵּן הַעֲמָדַת מֶלֶךְ הָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה כְּבָל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד שֶׁהָיָה עַל־פִּי נְבוּאָה. וְהַנְּבוּאָה נִמְשֶׁכֶת מִן הַכְּרוּבִים, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי צִפֳּרִים הַנַּ"ל, שֶׁהֵם בִּנְיַן מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל:

